STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09586

TSUM HUNDERTSTN GEBOYRNTOG FUN MORIS ROZENFELD

Morris Rosenfeld

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג

פון

מאָריס ראָזענפעלד

זאַמלונג



איקוף פארלאג

ניו־יאָרק

צונויפגעשטעלט און רעדאַקטירט פון

נחמן מייזיל

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון

פילאַדעלפיער איקוף און לייען־קרייזן,

אבראשא שענאק און זיינע זין אביגדור און יהושע,

ד״ר ל. שאצאוו (ניו־יאָרק)

TZUM HUNDERTSTN GEBOIRNTOG

FUN MORRIS ROSENFELD

Edited by **NACHMAN MEISEL**

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.
1962

הילע געצייכנט פון י. ז ע ל ד י ן

166

אינהאַלט

צום לייענער — נ. מ. — 5

לידער פון מאָרים ראָזענפעלד

פאַרוואָס איך בין איך — 7
צוויי גערטנער — 17
די ליידיקע שפול — 17
העלדן פון דער שער — 18
די רויטע בהלה — 19
יידיש — 22
אויף די קעטסקיל בערג — 23
אַ טאָג — 25
דאָס אַלטע ליד — 27
פּאָעזיע און לעבן — 29
זשאַקוז — 31
צום אַלטן שטעקן — 32
אויפן טייך — 32
היינריך היינע — 33
אַדאָלף זאָנענטאַל — 33
קדיש — 34
אָ, גיב מיר צוריק... — 34
מיין יינגעלע — 36
דער סוועט-שאָפּ — 37
דער טרערן-מיליאָנער — 39
די איינשווערונג — 40
דער בלייבער אַפּרייטער — 41
אַ גלות מאַרש — 42
דער יידישער מאַי — 43
פעדער שקלאַפעריי — 44
אַ נבואה — 45
דער לייב — 46
האַרבסט-בלעטלעך — 47
אלול-מעלאָדיעס — 47
גרויע האָר — 48

ווײַנט, מײַנע לידער — — — — — — — — — — — — — — 48
יצחק לייבוש פּרץ — — — — — — — — — — — — — — 49
טשערנישעווסקי איז טויט — — — — — — — — — — — — 50
זעלדע און שולמית — — — — — — — — — — — — — — 52
דזשאָרדזש וואַשינגטאָן — — — — — — — — — — — — — 53
אומזיסט — — — — — — — — — — — — — — — — — 54
וואָלט וויטמאַן — — — — — — — — — — — — — — — 54

פּראָזע פון מאָריס ראָזענפעלד

דעם שטעקנס יום-טוב — — — — — — — — — — — — — — 55
דריי דורות — — — — — — — — — — — — — — — — 58
אחדות — — — — — — — — — — — — — — — — — — 60
וויג, קבר און מענטש — — — — — — — — — — — — — — 61
מײַן לעבנס-געשיכטע אין קורצן — — — — — — — — — — 64
אַ בריוו פון מ. ראָזענפעלד — — — — — — — — — — — — 67
וועגן דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ — — — — — — 69

אַרטיקלען וועגן מאָריס ראָזענפעלד

קלמן מרמר — מאָריס ראָזענפעלד — — — — — — — — — — 73
ראובן בריינין — מײַן באַגעגעניש מיט מאָריס ראָזענפעלד — 83
ראָזע שאָמער-באַטשעלים — מאָריס ראָזענפעלד — ווי איך
געדענק אים — — — — — — — — — — — — — — — — 88
יואל סלאָנים — נאָכן טויט פון מאָריס ראָזענפעלד — — — 92
ד"ר חיים זשיטלאָווסקי — וואו ליגט מ. ראָזענפעלדס גבורה?— 95
נ. ב. מינקאָוו — דער דינאַמישער מאָריס ראָזענפעלד — — 99
כ. ריווקין — תכליתדיקייט און קינסטלערישקייט — — — 104
נחמן מייזיל — מאָריס ראָזענפעלד — — — — — — — — 108
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — ערשטער קינסטלערישער פּאָעט — — 115
בער גרין — די כּען און די שווערד — — — — — — — — 120
נ. מ.—וויכטיקע דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון מאָריס ראָזענפעלד 125

צום לייענער

אין דער גאָרער יידישער וועלט, אין פיל גרעסערע און קלענערע יידישע ישובים ווערט איצט געפייערט דער 100־סטער געבוירנטאָג פון איינעם פון די גרעסטע יידישער דיכטער מאָריס (משה יעקב) ראָזענפעלד. געבוירן אין רוס־לאַנד, איז ער געקומען קיין אַמעריקע, מיט דער גרויסער יידישער מאַסן־עמיגראַציע נאָך די פּאָגראָמען פון 1881. ער איז צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, געלעבט און געאַרבעט אין לאָנדאָן און לסוף איז ער אין 1886 געקומען קיין אַמעריקע און אין דעם יאָר, מיט 75 יאָר צוריק, אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור צו פאַרנעמען אינגיכן אַ גאָר בכבודיקן אָנגעזעענעם אָרט. ער האָט זיך זייער פיל אָנגעליטן, אַדורכגעמאַכט אַלערליי שוועריקייטן אין זיין לעבן, און ער האָט, ווי קיינער נישט ביז אים — און אפשר אויך נאָך אים — אַרויסגעבראַכט ווייט און צאָרן, פּיין און וואָרנונג אין זיינע ברויזנדיקע טעמפּעראַמענטפולע דיכטערישע שאַפונגען. אין איינעם אַ ליד זאָגט ער:

„אַ, ניט קיין צוקוקער געווען
בין איך צו דעם באַרויבטנס קלאָגן,
דאָס איז מיט מיר אַליין געשען,
אַליין די אומגליקן געטראָגן".

ער איז געווען שטאַרק געקריוודעט אין זיין לעבן, ער איז אויך געקריוודעט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

אין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור" (ווילנע 1929, באַנד 4), נאָך זיין לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן מאָריס ראָזענפעלד (ז"ז 141־164), שרייבט דער אומגעבראַכטער זלמן רייזען, ע"ה: „...די ליטעראַטור וועגן מאָריס ראָזענפעלד אין פאַרשיידענע שפּראַכן איז זייער גרויס, זי באַשטייט אָבער בלויז פון צייטונגס־אָדער — אין בעסטן פאַל — פון זשורנאַל־אַרטיקלען, און עד־היום איז ניטאָ קיין ערנסטערע מאָנאָגראַפיע און אפילו [נישט] קיין אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן יידישן דיכטער".

די שורות זיינען געשריבן געווען עטלעכע יאָר נאָכן פריצייטיקן טויט פון מאָריס ראָזענפעלד. עס ווערט אינגיכן 40 יאָר, ווי ער איז אַוועק אין דער אייביקייט, אָבער קיין ערנסטע מאָנאָגראַפיע אָדער ביאָגראַפיע איז נאָך אַלץ

נישטאָ. עס ווייזט אונדזער גייסטיקן דלות. עס איז ביז אַהער נאָך אויך נישטאָ קיין אויספירלעכע געגויע ביבליאָגראַפיע פון מ. ראָזענפעלדס שאַפונגען לויט די פּינקטלעכע דאַטעס, ווען יעדעס ליד, פּאָעמע, שילדערונג אָדער אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. און אָן דעם איז דאָך שווער אויפשטעלן אַ ריכטיק בילד פון דעם דיכטערס גאַנג אין דער דיכטונג.

די איצטיקע באַשיידענע מאָריס ראָזענפעלד־זאַמלונג פּרעטענדירט אין קיין פאַל נישט אויסצופילן די בלויזן. אַזוי ווי עס זיינען ביז איצט נישט דערשינען קיין פּאָפּולערע זאַמלונגען פון און וועגן מאָריס ראָזענפעלד, איז אונדזער כוונה — ברענגען פאַר דעם יידישן לייענער אַ זאַמלונג פון מ. ראָזענפעלד פּאָעזיע און פּראָזע, ווי אויך אייניקע אַרטיקלען (אָדער קיצור־אָפּהאַנדלונגען) וועגן דעם דיכטער, וואָס עס האָבן געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן, און אויך ספּעציעל פאַר דער דאָזיקער זאַמלונג, פאַרשיידענע יידישע שרייבער.

די לידער און פּאָעמעס, וואָס זיינען געבראַכט אין דער זאַמלונג, קומען נישט אין קיין כראָנאָלאָגישן סדר, און זיי זיינען אויך נישט געטיילט אויף קיין ציקלען. זיי זיינען געבראַכט אין דער פאָרם, ווי זיי זיינען געווען פאַרעפנטלעכט, מער נישט — די אָרטאָגראַפיע איז געענדערט אויף דער איצט־אָנגענומענער.

עס האָט זיך שוין אַזוי איינגעשטעלט ביים איקוף צוצוגרייטן און אַרויסצוגעבן צו וויכטיקע קולטור־געשיכטלעכע געשעענישן און יובל־דאַטעס פון שרייבער זאַמלביכער אָדער זאַמלונגען. אַזעלכע זיינען דערשינען צו י. ל. פּרעצעס 100־סטן געבוירנטאָג, צו דעם 300־סטן יאָרטאָג פון דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע, דאָס שלום־עליכם־בוך (צו זיין 100־סטן געבוירנטאָג), די אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט", דאָס מענדעלע־בוך, שמעון דובנאָוו־זאַמלונג און די שמעון פרוג־זאַמלונג.

זאָל אויך די דאָזיקע זאַמלונג זיין אונדזער באַשיידענער צושטייער צו דעם 100־סטן יובל־יאָר פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער יידישן דיכטער מאָריס ראָזענפעלד. און הלוואי קאָנען מיר שאַפן מעגלעכקייטן צוצוטרעטן אַרויסצוגעבן אַ פולע מאָריס ראָזענפעלד־מאָנאָגראַפיע, ווי אויך געקליבענע שריפטן פונעם דיכטער.

נ. מ.

אַפּריל 1962.

פאַרוואָס איך בין אײד

אַלס אַרבעטער

שטיי אויף, אָ, מוזע! זינג מיין ראַנג;
מיין ווערט ביי יידן און ביי שקלאַפּן!
באַלייכט דעם קוואַל פון מיין געזאַנג!
אַנטפּלעק די סודות פון מיין שאַפן!

דערצייל דער וועלט און זאָג איר אָן!
זי זאָל דעם גרויסן אמת וויסן:
ווי יעדער קלאַנג, ווי יעדער טאָן
עס האָט זיך פון מיין ברוסט געריסן.

דערקלער, פאַרוואָס איך האָב געוויינט!
זאָג אויס, פאַרוואָס איך פלעג זיך פרייען!
דען דו נאָר האָסט אין מיר פאַראיינט
די גרעסטע פריידן און די ווייען.

דערצייל פון וואו עס שטאַמט מיין כעס
און וואָס עס האָט מיך אָפט פאַרביטערט,
אַז ניט קיין שטימונגס-משוגעת
האָט מיך גערייצט און אויפגעציטערט.

איך האָב געטריי געפאָלגט דיין רוף,
מיין הימלם הייליקע נחמה! —
עס האָט נאָך קיינמאָל ניט דער גוף
באַהערשט דעם שוואונג פון מיין נשמה.

איך האָב פיל שמערצן דורכגעלעבט,
בין מאַנכע פריידן דורכגעגאַנגען,
און שטענדיק האָט מיין גייסט געוועבט
די ריינסטע, האַרציקסטע געזאַנגען.

דאָס ליד קומט ווי אַ הקדמה צו זיין בוך „געוויילטע שריפטן", ניו-יאָרק 1912.

איך בין געבליבן איך אליין
אַט וואו דער שיקזאַל פלעגט מיך קערן.
האָט מיר געזאָגט מיין זעלע „וויין",
האָב איך געוויינט מיט ביט'רע טרערן.

און האָט די וויטסטע פרייד דערוואַכט,
אין וויטסטן ווינט מיר אָנגעקלונגען,
האָב איך געשטראַלט, געהאָפט, געלאַכט,
האָב איך די גליקלעכקייט געזונגען.

מיין יוגנט ליגט אין פינצטערן יאָך,
די רעדער האָבן זי צעריבן...
איך האָב געקלאָגט מיין אייג'נעם בראָך,
געקרעכצט אויף די, וואָס איך פלעג ליבן.

אַ קראַנקער שקלאַף, צעדריקט, פאַרלענדט,
מיט עלנט און מיט צער אומגעבן —
האָב איך נאָר יאָמערן געקענט
מיט ווי אויף אַ געשטאָרב'נעם לעבן.

איך האָב דעם שענסטן וואַלד פאַרלאָזט,
דעם שענסטן טייך, דעם שענסטן הימל,
איך האָב געזשאַווערט און געראָסט
אין דעם פאַרפלוכטן שקלאַפן-שימל.

עס האָט די זון מיר ניט געשיינט,
קיין גראָז, קיין בלעטל מיר געוואונקען,
אַט ווי מיין „נעכטן" אַזוי מיין „היינט"
אין קנעכטשאַפט און אין זאָרג פאַרזונקען.

עס האָט דעם טרייבערס ווילדער גוואַלט,
די נויט מיט אירע ביינער-פינגער,
צעדריקט מיין קראַפט, געמאַכט מיך אַלט,
געמאַכט מיך פאַר אַ קברים-זינגער.

איך האָב נאָר אונטערגאַנג געזען;
פאַרלענדונג און פאַרניכטונג טראָגן,
ס'האָט אַנדערש ניט געקענט געשען,
איך האָב געוויינט אויף די מיליאָנען...

וואַך-אויף מיין יוגנט, איין מינוט!
דערוואַך, מיין לעבנס גרעסטער קרבן,
און זאָג! וואו ליגט דיין יונגעם בלוט?
זאָג! ביסטו ניט אין שאָפ געשטאָרבן?

יאָ, דו מיט דיינע פריינט אַ סך,
עס האָט אייך פרי דער טויט געפאַנגען
און איך אַליין, אַליין נאָר, אַך!
בין נאָך די מתים נאָכגעגאַנגען.

כ׳האָב ניט געקאָנט דאָס העכסטע גליק
באַטראַכטן קאַלט אין צוואַנג און קייטן,
כ׳האָב ניט געקאָנט מיט טרוק׳נעם בליק
ארונות טייערע באַגלייטן...

כ׳האָב זיי מיט שמערץ באַגלייט אַהין,
אוואו די לעצטע וועגן פירן,
כ׳האָב ניט געזאָגט קיין „צדוק הדין״,
דען דאָס האָט ניט געדאַרפט פאַסירן...

כ׳האָב ניט געוויינט צוליב געוויין,
מיין יעדער טרער האָט שטרייט פאַרראַטן,
פאַרמסרט אַ באַהאַלט׳נעם מיין:
איך האָב געגאָסן מיט גראַנאַטן...

אין טיפסטן יאוש פון מיין ליד
האָט אומגעשוועבט אַ הויכעם שטרעבן;
האָט שטילעם וועקן היים געגליט
און דעם סיגנאַל צום קאַמף געגעבן.

איך האָב דעם רייכן ניט פאַרדאַמט
דערפאַר, וואָס ער פאַרברענגט אין פריידן,
נאָר וויל ער האָט דעם וועג פאַרצאַמט
צו פרייהייטס הערלעכן גן-עדן.

אָ, ניט קיין צוקוקער געווען
בין איך צו דעם באַרויבטנס קלאָגן,
דאָס איז מיט מיר אַליין געשען,
אַליין די אומגליקן געטראָגן.

עס האָט גערעדט נאָר מיין געפיל.
כ׳האָב ניט געהאַט קיין צייט צו דענקען,
דער מות האָט געשוויגן שטיל,
דאָס האַרץ פלעגט ציטערן און בענקען.

כ׳האָב יעדן טאָג אַ שטיק פון זיך
געמוזט באַוויינען און דערשטיקן,
אַזוי בין איך געוואָרן א י ך,
דער דיכטער פון די שוויץ־פאַבריקן.

אַלס נאַציאָנאַליסט

שיין און פרוכטבאַר איז די ערד געוועזן
וואו איך בין געבאָרן. שיין און רייך!
פון די פעלדער פלעג איך סודות לעזן,
טרוימען — זיך געלערנט פון דעם טייך.

פויגל האָבן היימיש מיר געזונגען,
ביי מיין פענצטער נעסטן זיך געמאַכט.
דורשטיק האָב איך יעדן טאָן געשלונגען,
פרי האָט מיר די שענסטע צייט דערוואַכט.

אויף די בערגער פלעגט די זון ערגלאַנצן,
הינטער דעמבעס רויט ווי בלוט פאַרגיין,
דער בוהאַי פלעגט אויף די לאָנקעס טאַנצן,
און די טויב שפּאַצירן מיט אַ חן.

זשומען פלעגט די בין, דער בוים זיך וויגן,
און די שעפּס האָט שטיל די גראָז געצוויקט,
און דעם פאַסטוכס זיסער דודקע־ניגון
האָט דאָס יונגע קינדער־האַרץ דערקוויקט.

שיין געליבט האָב איך דעם מילנערס מיידל,
שטאַרק געליבט די טאָכטער פון דעם שמיד,
איינע בלאָנד און טרוימעריש, און איידל,
און די אַנד׳רע ברוין און היים, צעגליט.

אָפט פלעג איך מיך מיט דער בלאָנדער שיפן,
אָפט מיט דער ברונעטקע זיך געשיפט.

אויף דעם זילבער־קלאָרן טייך דעם טיפן
האָבן פיש און וועלן אומגעשטיפט.

אָבער אַלעם, אַלעם האָט דער גלות
צוגענומען, יעדן גליק אַנטזאָגט.
מיט אַ פולע האַרץ און לערע פּאַלעם
האָט דער פיינט מיך פון מיין היים פאַריאָגט.

וואָס האָט דאָן געניצט מיין שטאַרקער צאָרן?
ווער קען גיין זיך קריגן מיט דעם ווינד?
איך האָב פלוצלונג היים און פרייד פאַרלאָרן,
און געוויינט ווי אַ פאַריתומטע קינד.

אַך! וואָס בלייבט אין טיפן גלות איבער
פאַר אַ לעבן פון אַלדינג באַרויבט?
בלאָנדזשען דורך דעם שיקזאַלס טיפע גריבער,
פון דעם שונאס שפּאָט־געשריי פאַרטויבט!

אָנגעפילט האָט זיך מיין גייסט מיט זאָרגן,
מיין נשמה איז געוואָרן מיד.
הייסע גלות־טרערן האָבן מיך געוואָרגן
און איך האָב געיאָמערט אויף דעם ייד.

אָן רחמנות האָט דאָס מיך געטריבן
אומעטום אין פיינטשאַפט און אין שפּאָט,
אָן אַ נאָענטן פריינט, וואָס זאָל מיך ליבן,
אָן אַ גואל, אָן אַ גוטן גאָט...

אין דעם וויטסטן אָרט האָב איך געטראָפן
מיינע ברידער, מיינע שוועסטער קראַנק,
מיד און עלנט, הונגעריק און פאַרשלאָפן
מיט אַ שוואַרצן יאוש אין געדאַנק.

בלייכע באַקן, אויסגעוויינטע אויגן
און די וואונדע הערצער, — רים אויף רים.
ווי די שאָטנס האָבן זיי געצויגן,
מיט אַ ציטער קוים געשטעלט די פיס.

אויף די באַנען האָב איך זיי באַגעגנט
וואַגלען; אויפן בוזים פון דעם ים...

האָב זיך אין דער לופט מיט זיי געזעגנט
און אין מיר האָט אויפגעברענט די פלאַם.

„פאַרט געזונטערהייט!” — האָב איך געשריען —
„ג׳זונט, פרנסה, פריינטלעכקייט און רו!”
„גאָט אין הימל ווייס וואוהין מיר ציען!
האָבן זיי געקרעכצט, יאָ, גאָט ווייס וואו!...”

שפּעטער האָט מען זיי צוריק געטריבן
מיט אכזריות פון דעם פרייסטן לאַנד.
איך האָב זייער אומגליק אויפגעשריבן
און געוויינט פאַר וויטאָג און פאַר שאַנד.

ווי! איך בין אַליין אַ ייד, איך וואָגל!
כ׳האָב אין יעדער שפּראַך מיין פּסק געהערט.
אַך! אויף מיר אַליין פאַלט בייז דער שטיינער-האָגל
און מיין טיפסטער „איך” ווערט אויפגעצערט!

אין מיין שענסטן טרוים דערפיל איך פאַלן
אויף מיין קאָפּ דעם שונאס קללה שווער;
זיין צערייצטע שטימע הער איך שאַלן
און צו קעמפן האָב איך קיין געווער.

דאָך אין מיטן פון מיין גרעסטן טרויער
רייסט מיין שטאַרקע האָפענונג זיך לויז:
ס׳איז נאָך פאַראַן אַ וואַנט פון י ע נ ע ם מויער...
און די סטעפּ וועט בליען ווי אַ רויז...

איך פאַרגעס מיין דאָרף און די געליבטע,
איך פאַרגעס דעם גלות און דעם צער.
און מיין אומער-הארץ די טיף-באַטריבטע
זינגט דעם סוף פון עלנט און געפאַר.

אַלץ פאַרגעס איך! מענטש און וועלט, און אַלעס,
נאָר איין פונקט איז דאָ פאַר מיר, וואָס גליט.
אין מיין זעלעם רוחניותדיקע פאַליעס
שווימט אַרויף דער אויסגעלייזטער ייד.

ס׳האָט דער שמערץ צעדריקט מיך און צעריבן,
דאָך געפירט פון אַ געהיימער האַנט,

בין איך ביי מיין וויינען ניט פאַרבליבן.
כ'האָב פון טרערן־ים געשריען „לאַנד" !...

פון תהום האָב איך אַרויפגעליאַרעמט
און געמאַכט מיין ריינסטן וואונטש באַקאַנט.
הערצער פון אַ טויטעם פאָלק דערוואַרעמט
און גערופן מוטיק „גייסט" און „לאַנד" !...

כ'האָב געזען דעם „סנה", דעם מדבר־דאָרן
און געטרייסט, דער פייער וועט פאַרביי...
אָט אַזוי בין איך דאָס איך געוואָרן,
דער דיכטער פון דעם יידישן מאַי...

אַלס סאַטיריקער

ניט אַלץ איז מענטש אין מענטשן,
אַ טייל האָט ער אין זיך אויך גאָט,
אַ טייל אויך טייוול, דען דער שפּאָט,
דער פלוך איז, ווי דאָס בענטשן,
אַ הייליקייט אין יענעם אָרט,
אַוואו עס נוצט קיין איידעלעם וואָרט.

עס קאָן אָפט די סאַטירע
מיט אירע שטעכיקע געווער —
באַפרידיקן די וועלט פיל מער
ווי די געבענטשטע לירע,
וואָס אָטעמט זיסקייט, ליבע, פּראַכט
ווי אַ באַזונג'נע זילבער־נאַכט.

ניט נאָר „וזאת הברכה"
פאַרמאָגט אין זיך די „הייל'גע שריפט".
זי האָט אויך תוכחה און גיפט.
די מענטשלעכע משפחה
מוז האָבן אויך אויף זיך אַ רוט,
צו בלייבן ערלעך, ריין און גוט.

די ערד, וואָס גיט אונדז צוקער,
זי גיט אונדז אויך אַרוים דעם כריין.

ניטאָ קיין זיסקייטן אַליין...
עס מוז דער אָרמער שלוקער,
דער מענטש, אויך ביטערקייט אַ סך
פאַרשלינגען אַלס אַ לעבנס-זאַך.

כ׳האָב דאַרום פיינט דעם זיסן,
וואָס האָט קיין טראָפּן גאַל אין זיך
און לאָזט פון זיין צעקראָכ׳נעם „איך״
נאָר מילך און האָניק פליסן...
און מיט אַ לעקער וועיך און גלאַט
איז יעדן איינעמס „פאַני בראַט״...

איך האָניק-מענטשן מיאוסע!
מיך האָט נאַטור געמאַכט נאָרמאַל.
אַט וויפל האָניק זוייפיל גאַל,
איך בין ניט פון די זיסע...
ניט איינער, וואָס גיט מיך אַ ביס,
מוז פילן אויך מיין ביטערניס...

דאָס צוקער-קראַנקע דיכטן!
דער קראַנקער צוקער-ליטעראַט!
ביי אים איז אַלעס זיס און גלאַט,
האָט גאָר ניט צו פאַרניכטן...
אָ, פאַלשער נביא! זיסער סם!
אויף אַלץ און אַלע זאָגט ער „באָם״.

איך בין קיין שטילער לעמל,
וואָס יעדער איינער גיט אַ גלעט.
מיין רוקן איז קיין הסב-בעט
ווי ביי אַ מדבר-קעמל,
וואוּ עס זיצט דער בעדואין
מיט רויב און מאָרד אין ווילדן זין.

אויף מיר קאָן קיינער רייטן,
מיין רוקן איז אַ שאַרפע שווערד.
דער גרעסטער רייטער האָט קיין ווערט,
איך האַלט אים שטרענג פון וויטן
און גיב אים צו פאַרשטיין דערביי:
איך בין געבאָרן צו זיין פריי.

איך לאָז אויך אויף מיין אומה
ניט זיצן דעם, וואָס זאָגט „טראָג" . . . „טראָג".
איך קעמפ מיט יעדן דעמאַגאָג
און גיב אים ניט קיין תקומה.
און מעג ער זיין דער גרעסטער פער,
ער מוז פאַרזוכן מיין געווער.

כ'לאָז אויך אויף די, וואָס שאַפן,
אָן אונטערשייד אויב ייד, אויב קריסט —
ניט הערשן יעדן לומפּ אומזיסט.
איך נוץ די ביט'רע וואַפן:
איך שריי, איך לאַך, איך שפּאָט, איך שילט.
נוץ יעדן מיטל, וועלכער גילט.

איך בין אין קאַמף געקומען:
דער פּאָליאַק האָט זיך דאַן געשטעלט
אַנטקעגן רוס, פאַרלאַנגט די וועלט,
וואָס גזלה האָט גענומען.
אַ ווינטער־נאַכט, דער ביקס ער קנאַלט.
דאָס פענצטער־גלאָז אויפן קינדבעט פאַלט.

דאָך בלייבן מיינע גלידער
ניט אָנגערירט פון בייזן פאַל,
נאָר יענער מוראדיקער קנאַל
קלינגט פאָרט אין מיינע לידער
און הילכט און רוישט, און ברומט און קראַכט,
און וואַרפט אַ פחד אויף דער נאַכט.

צוויי גערטנער

אָפט שטיי איך אין גאַס מיט אַ פרייד,
דעם פנים צום פאָלקס־שול געריכט:
אַ גאָרטן באַוועגט זיך און גייט,
אַ גאָרטן פול פאַרבן און ליכט.

אַ גאָרטן מיט בלומען, ער גלאַנצט
און וויגט זיך, און הייבט זיך, און שפּרינגט.
אָט זע איך אַ בלום ווי זי טאַנצט,
אָט הער איך אַ קווייט, ווי ער זינגט.

אַט לויפט אַ פּיאַלעטע און רופט,
און אַט לויפט אַ ראָזע און לאַכט.
עס קלינגט און עס זינגט אין דער לופט.
אַ הערלעכער פרילינג דערוואַכט!

די ליליע אין ווייסע קאַרטון,
די מירטן געקליידט אין גרין...
געקושט פון דער מיטאָג־צייט־זון —
זיי גייען מיט הייטערן זין.

דאָס גייען די קינדער פון שול,
זיי גייען צו מיטאָג אַצינד,
די הערצלעך מיט פרייד-לעכקייט פול,
מיט גליק פון דער מיטאָג־צייט שטונד.

איך בלייב פאַר באַגייסטערונג שטום,
איך שטיי און דערלאַנג זיך קיין ריר.
מיך רינגלען די בלומען אַרום,
דער גאָרטן ער וואַקסט אַרום מיר.

און ס'דוכט מיר, איך ווער ווידער יונג
און וואַקס מיט די בלומען און בלי...
עס ווילט זיך מיר געבן אַ שפּרונג,
עס ווילט זיך מיר געבן אַ פלי.

עס באָדט זיך אין צויבער מיין בליק,
דאָס הארץ ווערט מיר לוסטיק און גרויס,
דאָך פּלוצלונג פייפט ווילד די פאַבריק,
אַ גאָרטן אַ צווייטער וואַקסט אויס.

אַ האַרבסט־גאָרטן אומ'טיק און קאַלט,
די בלומען פאַרוויאַלעט און געל,
די צווייגלעך צעבראָכן און אַלט,
פאַרשטויבט און פאַרניכטעט, אַ תל!

אַט שלעפּט זיך אַ קראַנקע פּיאַלעט';
אַט בלאָנדזשעט אַ טויט־בלייכע רויז,
אַט וואַנדלט אַ שטומער געבעט:
אַן אָרעמע ליליע נאָך הויז...

איך קוק אויף די גערטנער די צוויי
און וויים וואָס די ענדע וועט זיין,
און פיל אַזאַ ביטערן וויי
און פיל אַזאַ ביטערע פּיין.

די ליידיקע שפּול

כ'האָב יאָרן לאַנג געשאַפט מיט וויי,
אין דומפּע ווערקשטאַטס, וואָס פאַרדולן,
און אָפּגעשפּאָרט פון מיין געניי
אַ באַרג אַוועקגעוואָרפ'נע שפּולן.

דער פאָדים איז פון זיי פאַרניצט,
מען קערט זיי אוים, זיי זאָלן ניט שטערן.
בין ווי די שפּולן נאַקעט איצט
און איבריק נאָר אַרויסצוקערן.

מיין נוצלעכקייט איז שוין צעשטערט,
איך וואַלגער זיך אויף לייטנס חסדים,
מיין לעבנס-פאָדים איז פאַרצערט,
ער ליגט און פוילט אין פרעמדע בגדים.

איך בין מיט האָפענונגען פול
געווען אַמאָל אַרומגעשפּונען,
דאָך איצט בין איך אַ הוילע שפּול,
פון שיקזאַלס ווערקשטאַט קוים אַנטרונען . . .

אָט קייקל איך מיך אום אומזיסט,
ווי פאַר דעם סמיעטניק נאָר געבאָרן,
באַלד קערט מען מיך אַרויס אין מיסט,
אַוועק! פאַרגעסן און פאַרלאָרן.

העלדן פון דער שער

צו די סטרייקנדע שניידער אין שיקאַגא.

העלדן פון די שער און אייזן,
איר, וואָס האָט באַקליידט די וועלט,
איר באַקומט נאָר הונגער-פרייזן,
איר ווערט נאָר מיט נויט פאַרגעלט.

איר, וואָס בלענדט די מידע אויגן,
צאַפּלער פון דעם שניידער-פאַך,
אָ, ווי ווערט איר אויסגעזויגן!
אָ, ווי לײַדעט איר אַ סך!

אייער קרעכצן, אייער ברומען
זיינען איצטער אונדז'רע געסט,
פון דער שווייץ-פאַבריק געקומען,
פון דער הויפּט-שטאָט אין דער וועסט.

עלנט שלעפּט איר איי'רע יאָרן
דורך דער ווינדיק גרויסער שטאָט.
ווי דער ווינט ווערט איר פאַרלאָרן
און אייך העלפט קיין מענטש, קיין גאָט!

מישיגען די טייך צו הערן
ווי זי רוישט נעמט אָן אַ שרעק.
זיינען דאָס ניט איי'רע טרערן.
וועלכע רינען דאָרט אַוועק?

זיפצט דאָס דאָרט ניט אייער דלות,
ווען דער שטורעם בייטשט דעם טייך?
לויפט דאָס דאָרט ניט מיט די פאַליעס
אייער כעס, וואָס קאָכט אין אייך?

אָ, איר האָט אַ סך געליטן,
שניידער-שקלאַפן פון דער וועסט!
איר האָט קריעות זיך געשניטן,
אייער ברוסט אַרויסגעפּרעסט.

איר האָט ווי פאַרשאָלט'נע זינדער
זיך געמאַטערט מיד און מאַט,
און איר האָט פאַר ווייב און קינדער
ניט געהאַט קיין ברויט צו זאַט.

איר פלעגט טרייבן די מאַשינען
פרי און שפּעט, צו יעדער צייט.
אייער זוי'רער שווייס פלעגט רינען
אָ, איר אָר'מע, אָר'מע לייט!

איצטער סטרייקט איר, — ווייִ די שונאים!
קרוינט מיט אחדות אייער שטרייט!
לייכטן זאָל דער בלייכער פּנים
מיט דער זון פון אייניקייט!

די רויטע בהלה

(אויף פאַרברענטע פאַבריק-מיידלעך אין ניו-יאָרק)

ניט קיין שלאַכט, ניט קיין פאַרטייפלטער פּאָגראָם
האָט אָנגעפילט די גרעסטע שטאָט מיט קלאָגן;
די ערד האָט ניט געציטערט אין איר תהום,
עס האָט קיין בליץ, קיין דונער ניט געשלאָגן;
ס'האָבן קיין שוואַרצע וועטער-וואָלקנס ניט געקראַכט,
און קיין קאַנאָנען ניט די לופט צעאַקערט —
אָ, ניין! דאָס האָט אַ מוראַדיקע העל דערוואַכט,
אַ שקלאַפן-נעסט מיט שקלאַפן ווילד געפלאַקערט;
דאָס האָט דער גאָלד-גאָט מיט אַ בראַנד-געלעכטער
געפרעסן אונדזי'רע זין און טעכטער,
געלעקט די לעבנס מיט זיינע רויטע צונגען —
זיי זיינען אין דעם טויט געשפּרונגען,
אין זיין שוים געדרונגען,
ער האָט זיי געכאַפּט, געלאַכט, געזונגען...
ער האָט זיי פאַרשלונגען.

*
**

זיי זיינען געזעסן אין זייער יאָך פאַרטיפט,
זייער שווייס האָט געטריפט —

אין דעם פאַרטויבנדן געזשום
פון מאַשינען אַרום, —
ווען צען שטאָק אין דער הויך,
האָט זיי פאַרוויקלט דער רויך,
פאַרשפּונען דער פלאַם,
און אַ גלוטיקער ים
געפרעסן, גענאַשט,
פאַרקוילט, פאַראַשט!

***

שוועסטער מיינע! יונגע שוועסטער!
מיינע יונגע ברידער!...
טרויערט מיינע לידער!
יאָמערט און טרויערט!...
זעט ווי עס לויערט
פון טונקעלע נעסטער
דעם אַרבעטערס טויט;
ווי ער האַלט זיין ברויט...
ווי ער גלאָצט ביי זיין טיר,
ביי זיין אָרעם געצעלט —
וויי, וויי איז מיר!
וויי, וויי דיר, וועלט!

***

אַ שבת איז דאָס געווען,
אַן אַרבעטערס אַ שבת
זיין „קידוש״!... זיין „הבדלה״!...
די רויטע בהלה
איז פלוצלונג געשען,
געשיקט פון דעם רייכן,
דעם פרינץ פון געלט.
אַ,אַ, ווי אַן אַ גלייכן!
פליסט טרערן־טייכן,
אַ פלוך דער אָרדענונג!
אַ פלוך דער אומאָרדענונג!
אַ פלוך דער וועלט!

***

אויף וועמען זאָל מען פריער קלאָגן?
אויף די פאַרברענטע?
אויף די ניט־דערקענטע?
אויף די, וואָס קדיש זאָגן?
אויף די פאַרקריפּלטע,
פון „זיין" געטראָגן?
מיין טרערן־טייך
אויף אייך אַלעמען גלייך!

***

פאַרהיל זיך אין שוואַרצן, דו גאָלדן לאַנד!
צו טיף דיין פאַרברעכן, צו שרעקלעך דיין שאַנד,
צו טויב דיין געוויסן, צו בלינד דיין געזעץ,
צו טייוולש דיין „האַוועץ", צו בלוטיק דיין נעץ,
דיין נעץ, וועלכער פאַנגט דיינע אָרעמע לייט —
ס'וועט קומען די צייט!... ס'וועט קומען דיין צייט!...

***

צינדט יאָרצייט־ליכט אָן אין די יידישע גאַסן!
דער בראָך איז דער בראָך פון די יידישע מאַסן.
פון אונדזערע מאַסן פאַרחושכט און אָרעם.
ס'איז אונדזער לוויה, יאָ, — אונדזערע קברים.
ס'האָט אונדזערע קינדער, וויי, אונדזערע בלומען,
דער פייער פון אונדזערע אָרעמס גענומען.
וויי! אונדזערע ליבע פאַרשרפּהטע קוילן,
וויי! אונדזערע פריידן אַ העלע מיט גרוילן,
וויי! אונדזערע גליקן אַ באַרג מיט ארונות,
וויי! אונדזערע זיסע — גיהנום זכרונות!...

***

אויף דיין געוויסן, רייכער, אונדזער טרויער,
אויף דיין געוויסן אונדזער קלאָג.
עס זאָל דורך נאַכט און טאָג

דיך שרעקן דער פאַרברענטער מויער,
און אונדזערע טעכטער אין די פלאַמען
זאָלן דיין לעבן פאַרסמען!
דיך זאָלן ביי דיינע פריידן,
ביי דיינע גליקן,
ווערגן, שטיקן
אונדזערע ליידן!
ביי די שמחות פון דיינע קינדער
זאָלסטו פילן די קללה
פון דער רויטער בהלה,
און טאַפּן ווי אַ בלינדער
די ווענט מיט שרעקן,
ביז די צייט
וועט ברענגען די צייט
וואָס וועט דיך פאַרמעקן!

י י ד י ש

איר פרעגט אויב יידיש איז אַ שפּראַך,
גראַמאַטיש און נגידיש, —
איך קאָן אייך זאָגן נאָר איין זאַך:
דעם יידנס שפּראַך איז י י ד י ש.

צו זוכן, ליגט ניט אין מיין פאַך,
פון וואַנען ווערטער שטאַמען,
איך וויים נאָר, אַז איך ליב מיין שפּראַך,
דעם לשון פון מיין מאַמען.

אָט ווי זי האָט גערעדט צו מיר
אַזוי רייד איך אַצינדער,
פאַר מיר איז יידיש גרוים אָן שיעור
און וואונדער איבער וואונדער.

אין יידיש טרוימט מיין אַר'מער ייד.
וואָס טויג מיר יעדער פּשטל? —
אין יידיש קלינגט „שולמית" ליד,
אין יידיש רעדט מיין „שטעטל".

מיין „מירעלע אפרת” רעדט „זשארגאָן”,
מיין „באָנטשע” „שווייגט” אין יידיש...
און ביידע שטייען אויבן־אָן
און זיינען שיין, אַ חידוש!

ווי פיין דאָס יידיש קינד זיך שפּילט
מיט זיינע ווייסע „ציינדעיאַך”!
ווי שיין מיין „קרומער פּישקע” שילט:
„אַ ביאָך אין דיינע ביינדעיאַך”!

ווי ליב מיין מאַמעס ניגון קלינגט
פון יענער ווייסער ציגעלע,
וואָס רעדט אין יידיש און וואָס ברייגנט
אַ הימל אין דער וויגעלע...

אין יידיש קרעכצט מיר די פאַבריק,
אין יידיש רוישט מיין קינה,
ווען פאַלשע פרייהייט טרייבט צוריק
מיין ייד פון איר מדינה...

אין יידיש ווער איך אָפּט אין כעס
אויף אונדז׳רע קהלשע ווערים
און האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס
נעם איך זיי די געדערים...

עס מעגן געבן אונדז׳רע „פּני”
פאַר אונדזער שפּראַך אַ גראָשן,
מיר לאַכן זיך אַלע אויס פון זיי
און ריידן מאַמע־לשון!

אויף די קעטסקיל בערג

אָ, איר אור־אַלטע, אומבאַזיגבאַרע עדות
פון אומשטערבלעכקייט! גייסט־דערהויבערער,
געקרוינט מיט אומענדלעכקייט און כוח,
אויף וועמעס רוקן די צום הימל־שוועבנדע,
שטערן־ווינקנדע און לופט־דורכפליענדע אָדלער
רוען פון זייערע וואַלקן־רייזעס; איר ווערדעפולע,
גאָט־האַלטנדע, הייליקייט־אָטעמענדע טריבונעס,
פון וועמעס שווינדערנד־ערנסטע ריזן־הויכקייט

עס ווייט דער יצירה-פרישער באַלזאַם-דופט
פון לעבן; איר נשמה-גרויסע, צום נסתר
שטייגנדע מלאכים-לייטערס: — בערג!
אַ חלום-אומבאַדייטנדער קערנדל שטויב
פון אייער אייגענע דערהאַבענע צייט און
פורכט-בילדנדע אַלמעכטיקייט — אַ שטויב,
אַ פאַרניכטנד-שיינענדער קערנדל נאָר, גלאָץ
איך אויף אייער געדאַנקען-דערוועקנדע,
דורות-טראָגנדער, סודות-באַהאַלטנדער
און שטח-פאַרלאַכנדער אומבאַגרייפלעכקייט.
אין אייערע טיטאַנען-ברוסטן וואורצלען
די יאָרהונדערטן, און אייער איגנאָרירנד
גליווערנדע פעלדזן-קאַלטקייט צום מענטשנס
רגע-קורצן, מינוטן-דויערנדן פליגל-טומל,
מאַכט ציטערן די אומזיכערע שפינוועב-שוועלן
פון אונדזערע חקירות, און דאָך, איר בערג!
איר זייט נאָך אַלעם דעם נאָר אויפגעבלאָזענע
הויפנס ערד, און איבערלעבנדיק די וועלטן
מוזט איר דאָך פאַרבלייבן צוגעשמידט,
אומרירעוודיק, פון בחירה — לער, פון ברירה —
פוסט, אַ באַכמאַטנע מאַסע אומבאַהאַלפנקייט
אויף אייערע פון-שיקזאַל-שטרענג-באַגרענצטע
תחומען, און ניט פאַרווערן קאָנט איר מיר
מיין האַנט, די אייביק-טעטיקע, אַריינגעגראָבן
אין איי׳רע אוצרות-פולע, קברים-פינצט׳רע
הערצער, און טרעטן מוזט איר שטיל, געדולדיק
לאָזן מיינע מילבן-פיס אויף אייערע
מיט אייביקייט-באַדעקטע, דורות גראָע,
אימער יונגע קעפּ.

⁂

עס האָבן מיינע עלטערן אויף אייך אַמאָל
געטראָטן, עס וועלן מיינע קינדער אויך
און מיינע קינדס-קינדער אייער הויך באַשטייגן;
ביז אין די יינגסטע אייביקייט. און פונקט
ווי איר, אָ, בערג, זייט אומשטערבלעך,
איז אומשטערבלעך און שטענדיק דויערנד
דאָס אייביק מענטשלעכע; דער געניוס;
דער שטערבנדער, ניט-באַזיגטער מענטש!

אַ טאָג

1

פרימאָרגן

מיט הימלס פייערדיקע פערד —
אין מאָרגנס רייטוואָגן געשפּאַנט
פאָרט אָן דער טאָג און וואַרפט אויף דר'ערד
אַראָפּ זיין שטראַלנדעס געוואַנט.

אַ שטראָם מיט ליכט פאַרפּלייצט דאָס פעלד,
און זוימט דעם אויפגעוואַכטן טייך.
די ביימער שטייען שטיל און גלייך
און גלאַנצן אָן די יונגע וועלט.

דער פויגל פעדערט זיך אין נעסט,
קוקט אָן דעם מזרחס גאָלד'נעם טרעסט —
אַ תפילה שוועבט פון גרינעם וואַלד
אויף זעפיר־פליגלען ווייך און ריין:
„אַ דאַנק דיר, גאָט, נאָר דו אַליין
מאַכסט ליב דאָס לעבן, מאַכסט אים שיין".
און אַלץ אַרום דערווידערט באַלד:
„אָמן... אָמן... אָמן"...

2

דער מיטן טאָג

דער טאָג איז רייף, די זון דערגרייכט
דעם העכסטן פונקט, עס איז דערהויכט
איר פולסטער גלאַנץ. איר שטאַרקע שיין
ברעכט דורך די הימלען ברייט און ווייט,
און גליט די ערד, ס'איז מיטאָג־צייט,
דאָס ליכט איז קרעפטיקער ווי ווייַן.

עס האַלט די וועלט אין מיטן „הב״,
עס קען קיין כוח און קיין „לאו״
עס רוישט דאָס לעבן ווי אַ מיל,
עס בלייבט צומאָל קיין מילב ניט שטיל,
ס׳איז נאָך ניט אויסגעברענט אויף אַש

די ענערגיע, וואָס גליט און שאַפט,
עס גוועלטיקט נאָך אַ האַלבע קראַפט,
וואָס וויל נאָך פול מאַכן דעם בלאַנק
ניט אָפהאַלטן איר ווילדן ראַש.
פון האַלבן טאָג. ס׳איז זייגער צוועלף
„גאָט העלף דיר, פליס׳קע וועלט! גאָט העלף!״
און טומלענד קלינגט עס: ״שיינעם דאַנק״...

3

אָוונט

אויף די פּאַליסאַדן רוט די זון
וואַרפנדיק איר לעצטן, זיסן בליק
דעם פאַרלאָז׳נעם האָדסאָן, וועלכער ליגט
אין זיין קאַלטן זילבער-בעט פאַרטראַכט
מורמלענדיק אַ אומ׳טיקס „גוט נאַכט״.

גוטע נאַכט דיר, ליכט פּרינצעסין, שטום
ווי אַ יוגנט-חלום אין די בערג
זינקסטו, נעמענדיק מיט זיך די פרייד:
לייכטנדיק פאַרגייסטו אין דיין פּראַכט,
לאָזנדיק די וועלט אַליין — גוט נאַכט!

באַלד בלייבט איבער נאָר אַ רויטער פלעק
אויפן האָריזאָנט ווי בלוט, אַ שמערץ
וועפט זיך אוים אין מערב און אַ ווײַ
וויגט די פעלדער שלעפעריק און זאַכט,
און עס שעפּטשעט אומעטום: „גוט נאַכט״...

דאָס אַלטע ליד

אָ, מוזע, הימלס שיינע טאָכטער,
דו געטין פון געזאַנג און פרייד!
געדענקסטו נאָך ווען אַ פאַריאָכטער,
געשמידט אין ווערקשטאַטס טיפן לייד —
איך פלעג מיט ווײ צו דיר זיך ציען,
צו דיר, דיין שטראַלנדעס געזיכט! —
ווי היים מיין יונגעם האַרץ פלעגט גליען
ווען איך האָב מיך אויף דיר געריכט?

געדענקסטו ווען איך פלעג פאַרשמייסן
מיין גרויסע פליכט צו ווייב און קינד,
אַ יעדן ערדן-באַנד צערייסן
און לאָזן פליען מיטן ווינט...
און נאָר אין ד י י ן געבענטשטער מינע
געזוכט אַ טרייסט, ביי ד י ר אין בליק
געזען די אייביק-יונגע, גרינע,
באַבלומטע לוסטגערטנער פון גליק?
אויף אים האָסטו מיר דאַן געוויזן,
אויף א י ם, וואָס שטייט פאַרצאָגט און שאָפט,

אויף א י ם, דעם גרעסטן פון די ריזן,
אויף זיין אַלמעכטיקייט, זיין קראַפט,
אויף זיין פאַרשוויצטן, דאַרן פנים,
זיין אָר'מע היים, פאַרוויגט און וויסט —
אויף א י ם, וואָס שקלאַפט פאַר זיינע שונאים
און אָפּפערט זיך פאַר זיי אומזיסט,

און אויף די פעלדער, אויף די ווײדן,
אויף דער נאַטור האָסטו געצייגט,
אויף אונדזער מוטער ערדס גן-עדן,
אַוואו דאָס לעבן איז פאַרצווייגט
אין טויזנט פאַרפומירטע גליקן,
פאַר יעדן פון איר קינד עגאַל —
וואָס ווינקען, שמייכלען, רופן, קוויקן
און חנען זיך דורך יעדן שטראַל.

דו האָסט פאַרזייט אין מיר דעם קערן
פון יענעם פלאַמען-ווילדן ליד,
וואָס שיסט זיין פייער צו די שטערן

און פון זיין יעדער נאַטע בליט
אַן אַנדער בלום באַשפריצט מיט פונקען,
אַן אַנדער מענטשלעכער געפיל
מיט ליכט און ליבע דורכגעטרונקען,
וואָס רייסט זיך צו דעם העכסטן ציל.

אַצינד האָט מיך די צייט דערווייטערט
פון יענער ווערקשטאַט דומף און קליין,
מיין הימל האָט זיך אויסגעלייטערט,
דאָך דו קומסט אימער נאָך צוגיין
און ווייזט מיר אָן אויף די קרבנות
פון אומגערעכטע זאָרג און פיין,
און טראָגסט דעם כעס און די רחמנות
מיר ווידער טיף אין האַרץ אַריין.

און איצטער, פונקט ווי דעמאָלט, קלינגען
די לידער מיינע קעגן נויט,
און רופן, ציטערן און זינגען
פאַר דעם, וואָס מיט זיך ביז אין טויט.
אָ, מעגן טויזנט פויגל גריסן
דעם פרילינגס הייליקן פאַראַד,
זיי קען ניט הערן און געניסן
מיין אַלטער, עלנטער קאַמ׳ראַד.

איך הער אַ ג׳מיש פון נייע טענער,
עס שפילט אַ ייִנגערע מוזיק,
דאָך מיר איז ליב און הייליק יענער
פאַרגעס׳נער קרעכץ פון דער פאַבריק,
פון פעלד, פון ים און פון דער מינע,
וואו נאָר מיין חבר שענקט זיין מי,
פאַר די, וואָס צאָלן אים מיט שנאה,
זיין ווייטיק איז מיין פּאָעזיע.

זיין שיקזאַל טאָנט מיר אָן די לירע,
אָ, הימלס טאָכטער! שיינעם דאַנק
פאַרן מאַכן אים מיין לעבנס־שירה!
מיין „זיין" פאַרבלייבט דאָ מער קיין בלאַנק,
דען ווען ער וועט זיין מאַכט באַקלערן,
זיין גרויסקייט וועט אים ווערן קלאָר,
ערשט דאַן וועט זיך מיין שטים דערהערן
צוזאַמען מיט דעם גרויסן קאָר...

פּאָעזיע און לעבן

גאָר פון אָנפאַנג נאָך, אין וויגל
האָט זי זיך צו מיר אַנטפּלעקט,
מיך מיט אירע צויבער-פליגל
ליב און האַרציק צוגעדעקט.

זי האָט ווי אַ טרייע מאַמע
אָנגעזויגן מיך מיט לוסט,
די נשמהס צאַרטע אַמע
מיט דער ווייסער מוזענברוסט.

צאַצקעלעך פלעגט זי מיר ברינגען,
הימל-צאַצקעס וואונדערשיין!
און פלעגט שפּילן און פלעגט זינגען,
זינגען מיר צום שלאָפן גיין.

איך פלעג ליגן, זי פלעגט זיצן
לעבן מיר און האַלטן וואַך.
זיסע סודות, אייד'לע וויצן
אָנפאַרטרויען מיר אַ סך.

פאַר געשמאַקייט פלעג איך דרימלען,
אָבער זי פלעגט שטיל און זאַכט
איינבויגן פאַר מיר די הימלען
און איך האָב דאָרט אַלץ באַטראַכט...

ווען איך האָב מער קראַפט באַקומען,
האָב געכאַפּט שוין מער פאַרשטייו,
האָט זי מיר די האַנט גענומען
און געלערנט ווי צו גיין.

איבער מאַי און איבער בלומען
האָט זי מיך געפירט צום גז'אַנג.
פרייד איז דורך דער לופט געשוואומען
און באַגריסט מיין ערשטן גאַנג.

איבער מיר די גאָלד'נע שטראַלן,
מיר אַרום — דער גרינער וואַלד.

וואו מיין בליק נאָר איז געפאַלן
האָט געגרינט, געבליט, געשטראַלט.

און אין מיטן די קאַפעליע
האָט געטרילערט און געשפּילט,
און אין מיטן פון מיין זעלע
האָב איך פרישן גליק דערפילט.

דאָרט האָט זי דאָס אויסגעצויגן
אירע הענט, עס האָט געבלאַנקט!
און האָט פון דעם בלויען בויגן
מיר אַ האַרף אַראָפּ דערלאַנגט.

„נאַ דיר הימלס העכסטע פריידן״!
האָט געזאָגט זי, „זיי דערקוויקט!
שפּיל און זינג, און וויים קיין ליידן!
ליב און לעב, און זיי באַגליקט!

און זי האָט די יונגע פינגער
גלייך פאַרקנסט מיר מיט דער האַרף
און געבענטשט מיך אַלס אַ זינגער
און געזאָגט מיר וואָס מען דאַרף...

איך האָב אומשולדיק געזונגען
ווי אַ פויגל אויפן בוים,
און מיין האַרף, זי האָט געקלונגען,
אָבער ווי! ניט יענעם טרוים!

יענעם חלום טראָגן ווינטן,
יענער נחת איז גערויבט
יענע שיינע צייט זאָל שווינדן
פּלוצלונג, אַך! ווער וואָלט געגלויבט?

איצט איז מיין געזאַנג דער יאָמער,
מיין פאַנטאַזיע איז די נויט.
יענע יונגע פרייד ניטאָ מער,
יענער הייסער וואונטש איז טויט.

אויף דעם עלנט פון די מענטשן
האָב איך אויסגעווײנט מײן בליק.
נײן! איך האָב ניט וואָס צו בענטשן,
וואָס צו ליבן. נעם צוריק!

מוזע, נעם די כלי דײנע!
נעם, איך דאַרף ניט דײן געשאַנק!
איך האָב אַלע לידער מײנע
אויסגעקלאָגט שוין, איך בין קראַנק.

כ'האָב דעם לעבנס בראָך געזונגען
אין דעם שיקזאַלס שווערסטע טראָפּ.
נײן! עס איז מיר ניט געלונגען
זיך צו פרײען, איך גיב אָפּ!

„ז ש ' אַ ק ו ז"

(אויפן טויט פון עמיל זאָלאַ)

ניטאָ עמיל זאָלאַ, עס איז געשען!
פּאַריתומט ליגט דער מענטשהייטס שטאַרקע פּען —
די פרײע האַנט איז קאַלט, זי שאַפט ניט מער,
דער אמת װײנט און פרײהייט לאָזט אַ טרער,
און דורך די וועלטן טראָגט זיך לויט אַ כרוז:
די וואַרהייט רופט איך מוז: „זש'אַקוז, זש'אַקוז"!

און כל־זמן ערד וועט גײן אַרום איר אַקס,
ביז זי וועט זיך צעשמעלצן ווי אַ וואַקס,
און כל־זמן עס וועט גליען נאָך אײן שטראַל
און אין דער וועלט וועט זײן אײן טראָפּן גאַל,
וועט דונערן מיט צאָרן יענער כרוז
און וועט זיך ענדיקן: „זש'אַקוז, זש'אַקוז"!

---

*) „זש'אַקוז" (איך באַשולדיק) איז דער נאָמען פון דעם באַשולדיקונגס־בריוו, מיט וועלכן דער גרויסער פראַנצויזישער שרייבער עמיל זאָלאַ איז אַרויסגעטראָטן קעגן די פײנט פון דעם יידישן מאַרטירער קאַפּיטאַן אַלפרעד דרײפוס.

צום אַלטן שטעקן

שטעקן, דו מיין אַלטער שטעקן,
וועלכער וויים מיין יעדן גאַנג,
וועלכער קען אין צייט פון שרעקן
זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שלאַנג...

זאָג מיר, אַלטער פריינט, ביז וואַנען,
יאָ, ביז וואַנען איז דער שיעור?
זאָג, ווי לאַנג איך וועל נאָך שפּאַנען
און זיך חברן מיט דיר?

אויפן טייך

ליבסטע, זאָג! ווער איז אונדז גלייך
ווען מיר ביידע פאָרן
אויף דעם טייך דעם קלאָרן,
אויף דעם קלאָרן טייך?

אָ, עס איז אַ ליבע לוסט,
ווען אין ווייכן שלום
ס'טראָגט אונדז ווי אַ חלום
שטיל דעם וואַסערם ברוסט!

פון די וועלן קלינגט אַרוים
ווי אַ זאַנפטער ניגון,
ליב דיך צו פאַרוויגן
טרוימענד אויף מיין שוים.

דער לבנהס מילד געשטאַלט
ברעכט אַדורך דאָם בלויע
פול מיט זים הנאה —
איבער אונדזער וואַלד.

און זי שווימט אַלץ נעענטער צו
איבער אונדז צו שיינען.
גליקלעך ווי מיר זיינען!
גליקלעך איך און דו!

היינריך היינע

זונענשיפן, בלומענשיפן
האָט ער דורך דער לופט געפירט.
אויף דעם שטראַלן־ים דעם טיפן
האָט ער געטלעך אומשפּאַצירט.

און פון דאָרטן פלעגט ער זינגען
דאָס וואָס האָט אים טיף געקוועלט,
זיין נשמה פלעגט צעקלינגען
דופט און בשמים דורך דער וועלט.

גאָלד'נע שטערן לייכטן אויבן,
דאָך ניט שטענדיק זינגט ער זיי;
ער מוז דייטשלאַנדס וואַסער לויבן...
זינגען פון דער לאָרעליי.

האָט זיין הארץ, די שענסטע יאָרן,
אַלץ פאַרשענקט אַ טמא'ן לאַנד,
און זיין ליבע שניידט איצט צאָרן
און זיין היים־שטאָט איז זיין שאַנד.

אַראָלף זאָנענטהאַל

(אויף זיינער אַ פאַרלעזונג פון מיינע לידער אין ווין)

ער האָט אַוועקגערוקט דעם פאָרהאַנג: „נון, מיט גאָט!"
און איז מיט קדושה אויפגעטראָטן.
אַ ים אַפּלאָזן האָבן אים באַגעגנט
דעם איידעלן גרייז און אַרום אים גערעגנט.
ער האָט געלעזן, ניין, געבעטן!
דעם יידנס אַדל פון דער קייסערלעכער שטאָט
האָט דורשטיק יעדעס וואָרט געשלונגען —
ער האָט די זעלן דורכגעדרונגען.
ווי לולבס האָבן זיינע הענט געציטערט,
זיין שטימע אָבער האָט געוויטערט.
איך האָב געהערט, געפילט, געשטוינט.
זיין געניוס האָט מיין גייסט געקרוינט.

עס האָט דער קינסטלער אין דעם ייד
געבוירן פון דאָס ניי מיין ליד.
כ׳האָב ערשט אין דער געבענטשטער קראַפט
פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געשאַפט.

קדיש

(אַ געדענק־ליד אויף מיין זעליקן בן־יחיד)

אַ גאָלדענער לאָק, און אַ בילד און אַ בוך,
אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז פון אים געבליבן,
פון אים, וואָס איז געווען אַ פרייד צו ליבן,
וואָס נאָך זיין טויט איז מיר די וועלט אַ פלוך.

דער לאָק דערמאָנט מיך אָן דעם שיינעם קאָפּ,
דאָס בילד — אָן דער געבענטשטער, זיסער צורה,
דער בוך — אָן גייסט פול יוגנט, היץ און גבורה,
דאָך ער איז, וויי, פון לעבנס־שוים אַראָפּ!

באַהאַלט מיר די ירושה! זי איז מיין,
דער שיקזאַל האָט מיר מערער ניט געגעבן.
איך זע דעם טויט, דערמאָן איך מיך אָן לעבן,
אָן יענעם לעבן, וועלכער לעבט נאָר אין מיין פּיין.

אָ, גיב מיר צוריק . . .

אָ, גיב מיר צוריק די פאַרגאַנגענע יאָרן.
די צייט ווען נאַטור איז נאַטירלעך געווען;
ווען דו האָסט געזען וואָס דיין אויג האָט געזען,
און האָסט זיך אין טעות פון בלענד ניט פאַרלאָרן;
אָ, גיב מיר צוריק דאָס אומשולדיקע לעבן,
וואָס האָט אַן עלית נשמה געגעבן!

אָ, גיב מיר דאָס שטילע, דאָס איידעלע וועזן,
מיט שניי־ווייסע פּערל־ציין און אייגענע האָר,

אוּן גלידער ווי אויסגעטאָקט, חנעוודיק, וואָר,
דורך וועלכע דו האָסט אַ נשמה געלעזן! —
דער בוזעם, וואָס האָט מיט נאַטירלעכן צויבער
געוואונען דיין הארץ און געמאַכט דיך אַ גלויבער.

אָ, גיב מיר צוריק יענע הייליקע בליקן,
וואָס האָבן פאַרשעמטע אַרונטערגעקוקט,
פאַר וועלכע עס האָט זיך אַ זעלע געבוקט,
פאַרבענקט און געטרוימט פון די איידלסטע גליקן!
אָ, גיב מיר צוריך יענע יידישע מיידל
מיט פּשוטער שיינקייט און פשוטער קליידל!

אָ, גיב מיר צוריק יענע בערגלעך די גרינע,
וואו איך האָב געחלומט, געבלאָנדזשעט אַמאָל!
אָ, גיב יענעם פויגלס באַגייסטערטן קול.
וואָס האָט נאָך געקלונגען אָן כעס און אָן שנאה!...
אָ, גיב מיר דעם אמת, וואָס איך האָב באַגעגנט,
אין יוגנטס באַבלומטן, באַכישופטן געגנט!

אָ, גיב מיר די אַלטע, די שטילע געשטאַלטן,
וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם און זיכער באַוועגט,
וואָס האָבן דעם נערוון-געוועב ניט גערעגט,
דעם גייסט ניט געמאַטערט מיט פרעמדע געוואַלטן;
די רו ניט געריסן מיט טייוולשע צוואַנגען
נאָך גליקן וואָס זיינען ניט ווערט צו דערלאַנגען.

אָ, גיב מיר מיין יוגנט צוריק; מיינע פריידן!
אָ, גיב דאָך מיין אייגענעם „איך" מיר צוריק!
די ליבע אין הארצן, די ליכט אין מיין בליק;
די וועלט, וועלכע האָט מיר געשמעקט מיט גן-עדן.
אָ, גיב מיר מיין גלויבן צוריק אין די מענטשן!
כ'בין מיד שוין פון שילטן, עס ווילט זיך מיר בענטשן...

מיין יינגעלע

איך האָב אַ קליינעם יינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין!
ווען איך דערזע אים דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מיין שיינעם, ווען ער וואַכט,
איך טרעף אים אימער שלאָפנדיק,
איך זע אים נאָר ביינאַכט.

די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק,
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב!
אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים
אין פינצטערניש געהילט, —
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט,

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמע, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?"

איך הער עס צו און איל — עס מוז, —
יאָ, יאָ, עס מוז געשען!
די פאָטערליבע פלאַקערט אויף:
עס מוז מיין קינד מיך זען!...

איך שטיי ביי זיין געלעגערל
און זע, און הער, און שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך קוש די בלויע אייגעלעך,
זיי עפענען זיך — „אָ, קינד!"

זיי זעען מיך, זיי זעען מיך,
און שליסן זיך געשווינד.

„דאָ שטייט דיין פּאַפּאַ, טייערער,
אַ פּענעלע דיר, נאַ !"
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך :
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ ?"

איך בלייב צעווייטיקט און צעקלעמט,
פאַרביטערט און איך קלער :
„ווען דו דערוואַכסט אַמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך ניט מער"...

דער סוועט־שאַפּ

עס רוישן אין שאַפּ אַזוי ווילד די מאַשינען,
אַז אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש דאָס איך בין, —
איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלאָרן,
מיין איך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין :

איך אַרבעט און אַרבעט, און אַרבעט אָן חשבון,
עס שאַפט זיך, און שאַפט זיך, און שאַפט זיך אָן צאָל :
פאַרוואָס ? און פאַר וועמען ? איך ווייס ניט, איך פרעג ניט, —
ווי קומט אַ מאַשין צו דענקען אַמאָל ?

נישטאָ קיין געפיל, קיין געדאַנק, קיין פאַרשטאַנד גאָר, —
די ביטערע, בלוטיקע אַרבעט דערשלאָגט
דאָס איידלסטע, שענסטע און בעסטע, דאָס רייכסטע,
דאָס טיפסטע, דאָס העכסטע וואָס לעבן פאַרמאָגט.

עס שווינדן סעקונדן, מינוטן און שטונדן,
גאָר זעגל־שנעל פליען די נעכט מיט די טעג ; —
איך טרייב די מאַשין גלייך איך וויל זי דעריאָגן, —
איך יאָג אָן אַ שכל, איך יאָג אָן אַ ברעג.

דער זייגער אין ווערקשאַפּ ער רוט ניט אפילו,
ער ווייזט אַלץ און קלאַפּט אַלץ און וועקט נאָכאַנאַנד, —
געזאָגט האָט אַ מענטש מיר אַמאָל די באַדייטונג :
זיין ווייזן און וועקן, דאָרט ליגט אַ פאַרשטאַנד,

נאָר עטוואָס געדענקט זיך מיר, פונקט ווי פון חלום, —
דער זייגער ער וועקט אין מיר לעבן און זין,
און נאָך עפּעס, — איך האָב פאַרגעסן, — ניט פרעגט עס!
איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, איך בין אַ מאַשין!...

און צייטנווייז ווען איך דערהער שוין דעם זייגער,
פאַרשטיי איך גאַנץ אַנדערש זיין ווייזן, זיין שפּראַך, —
מיר דאַכט, אַז עס נוקעט מיך דאָרטן דער אומרו,
כ׳זאָל אַרבעטן, אַרבעטן מערער, אַ סך!

איך הער אין זיין טאָן נאָר דעם באָס׳ס ווילדן בייזער,
זיין פינצטערן קוק אין די ווייזערס די צוויי, —
דער זייגער, מיר סקרוכעט, מיר דאַכט, אַז ער טרייבט מיך
און רופט מיך „מאַשינע!" און שרייט צו מיר: „ניין".

נאָר דאַן, ווען ס׳איז שטילער דער ווילדער געטומל,
אַוועק איז דער מייסטער, אין מיטאָג־צייט שטונד,
דאַן פאַנגט אָן אין קאָפּ ביי מיר לאַנגזאַם צו טאָגן,
אין האַרצן צו ציען, — איך פיל דאַן מיין וואונד, —

און ביטערע טרערן, און זודיקע טרערן
צעווייקן מיין מאָגערן מיטאָג, מיין ברויט, —
ער ווערגט מיך, איך קען ניט מער עסן, איך קען ניט!
אָ, שרעקלעכע פּראַצע! אָ, ביטערע נויט!

ס׳דערשיינט מיר דער שאָפּ אין דער מיטאָג־צייט שטונדע
אַ בלוטיקע שלאַכטפעלד, ווען דאָרט ווערט גערוט:
אַרום און אַרום זע איך ליגן הרוגים,
עס ליאַרעמט פון דר׳ערד דאָס פאַרגאָסענע בלוט...

איין ווײַלע, און באַלד ווערט געפּויקט אַ טרעוואָגע,
די טויטע דערוואַכן, עס לעבט אויף די שלאַכט
עס קעמפן די טרופּן פאַר פרעמדע, פאַר פרעמדע,
און שטרייטן און פאַלן, און זינקען אין נאַכט.

איך קוק אויף דעם קאַמף־פּלאַץ מיט ביטערן צאָרן,
מיט שרעק, מיט נקמה, מיט העלישן פּיין, —
דער זייגער, איצט הער איך אים ריכטיק, ער וועקט עס:
„אַ סוף צו דער קנעכטשאַפט, אַ סוף זאָל דאָס זיין!"

עס מונטערט אין מיר מיין פאַרשטאַנד די געפילן,
און ווייזט ווי עס לויפן די שטונדן אַהין:
אַן עלנטער בלייב איך, ווי לאַנג איך װעל שווייגן,
פאַרלאָרן, ווי לאַנג איך פאַרבלייב וואָס איך בין...

דער מענטש, וועלכער שלאָפט אין מיר הייבט אָן דערוואַכן,
דער קנעכט, וועלכער וואַכט אין מיר שלאָפט דאַכט זיך איין, —
אַצינד איז די ריכטיקע שטונדע געקומען!
אַ סוף צו דעם עלנט, אַ סוף זאָל עס זיין!...

נאָר פּלוצלונג — דער „ווייסל״, — דער באָס — אַ טרעוואַגע!
איך ווער אָן דעם שכל, פאַרגעס וואו איך בין, —
עס טומלט, מען קעמפט, אָ, מיין איך איז פאַרלאָרן, —
איך ווייס ניט, מיך אַרט ניט, איך בין אַ מאַשין...

דער טרערן־מיליאָנער

אָ, ניט קיין גאָלד׳נער קאַמערטאָן
שטימט אָן מיין קעל צום זינגען,
עס קען דער וואונק פון אויבן אָן
מיין שטים ניט מאַכן קלינגען,
דעם שקלאַפס אַ קרעכץ, ווען ער איז מיד,
נאָר וועקט אין מיר די לידער,
און מיט אַ פלאַם לעבט אויף מיין ליד,
פאַר מיינע אָר׳מע ברידער.
דערפאַר פאַרגיי איך אָן אַ צייט.
דערפאַר וועפט אוים מיין לעבן:
וואָס קענען מיר די אָר׳מע לייט
פאַר אַ באַלוינונג געבן?
זיי צאָלן טרערן פאַר אַ טרער, —
דאָס אַלעס וואָס זיי קאָנען: —
איך בין אַ טרערן־מיליאָנער
און ווײן אויף די מיליאָנען...

די איינשווערונג

אָ, זעסטו די שעפער? באַטראַכסטו די פאַבריקן?
דאָס שאַפן די מענטשן דעם מענטש זיינע גליקן:
זיי שניצן און בויען, און שפּינען, און וועבן,
און שניידן און שמידן און שאַפן דאָס לעבן.
דאָך פרעג זיי די בלייכע, וואָס צאַפּלען און שוויצן,
ווי גרויס זייער לוין איז און וואָס זיי באַזיצן?
אָ, פרעג ווי זעט אויס זייער היים וואו זיי קומען
ביינאַכט, ווען די פינצטערע רעדער פאַרשטומען!
אָ, פרעג וואָס זיי טוען אין צייטן פון דארבן: —
אין צייטן פון סלעק, יאָ, די צייטן פון שטאַרבן!
אָ, פרעג ווער האָט שולד אין דעם עלנט דעם שווערן
און פעלט זיי באַזוואוסטזיין, — זאָלסטו זיי דערקלערן!
דערקלער זיי די סיבה פון שרעקלעכן איבל
און מעג די פאַרדאָרבנקייט האָבן פאַראיבל.
דיין פען זאָל אַ פידל צוגלייך און אַ שווערד זיין:
זאָלסט שפּילן און שטראָפן, דיין קראַפט זאָלסטו איבן,
און האָסט דיך די חיה, דער מענטש וועט דיך ליבן,
דאָס רעכט וועט דיך ליבן, און גרויס וועט דיין ווערט זיין.
נו, שווער, וועסטו זיין מיט דעם אָר'מען און שלאָפן?
„אָ, הער:
איך שווער!"
טאָ נעם צו די ברכה פון טויזנטער שקלאַפן!

דער בלייכער אַפּרייטער

איך זע דאָרט אַ בלייכן אַפּרייטער
פאַרקאָכט אין דער אַרבעט, אַ שרעק!
און זייט איך גערענק אים אַלץ נייט ער
און לייגט זיינע קרעפטן אַוועק.

עס ווערן חדשים פאַרפלויגן,
עס לויפן די יאָרן אַהין,
און נאָך זיצט דער בלייכער געבויגן,
און קעמפט מיט דער רויער מאַשין.

איך שטיי און באַטראַכט דאָרט זיין צורה,
זיין צורה פאַרשמירט און פאַרשוויצט,
און פיל, אַז דאָ אַרבעט קיין גבורה,
דער אימפּעט נאָר פּראַצעוועט איצט

דאָך פאַלן די טראָפּנס כסדר,
פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג שפּעט,
און זאַפּן זיך איין אין די קליידער,
און טרינקען זיך איין אין די נעט.

איך בעט אייך, ווי לאַנג וועט נאָך יאָגן
דער בלייכער דעם בלוטיקן ראָד?
אָ, ווער קען זיין ענדע מיר זאָגן?
ווער ווייס יענעם שרעקלעכן סוד?

אָ, שווער, זייער שווער דאָס צו זאָגן,
דאָך איינס איז באַוואוסט און באַשיידט:
ווען אים וועט די אַרבעט דערשלאָגן,
זיצט תיכף אַ צווייטער און נייט.

אַ גלות מאַרש

מיט דעם וואַנדערשטאַב אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד,
אָן אַ גואל, אָן אַ פריינט,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ היינט, —
ניט געדולדעט נאָר געיאָגט,
וואו גענעכטיקט ניט געטאָגט,
אימער וויי, וויי, וויי,
אימער גיי, גיי, גיי,
אימער שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן,
כל זמן כוח איז פאַראַן.

אונדזער גבורה ליגט אין שטויב,
אונדזער תורה איז אַ רויב,
אונדזער נאָמען — אַ געפּאַר,
אונדזער יחוס נאָר אַ צער,
אונדזער גאונות נאָר אַ חטא
אונדזער פיינקייט — אַ געשפּעט.
אימער שלעכט, שלעכט, שלעכט,
אימער קנעכט, קנעכט, קנעכט,
אימער זוך, זוך, זוך,
זעגען אין דעם שונאס פלוך.

און אַזוי־אָ, יאָר נאָך יאָר,
און אַזוי־אָ, דור נאָך דור,
אָן אַ האָפענונג, אָן אַ צוועק,
איינגעהילט אין גרויל און שרעק,
וואַנדלען מיר וועלט אויס, וועלט איין
פון יסורים נאָר צו פּיין.
אימער טרעט, טרעט, טרעט,
אימער בעט, בעט, בעט,
אימער נויט, נויט, נויט,
און קיין גליק זאָגאָר צום טויט...

דער יידישער מאַי

ווידער איז דער מאַי געקומען,
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט, —
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
האָבן ווידער אויפגעוואַכט.
ווידער בליט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאַנצט עס איבעראַל,
ווידער זינגט די נאַכטיגאַל.

ווידער נעמט דער פרילינג מאָלן
מיט זיין פּינזל, ווי ער שמירט,
ווערן בערגער, ווערן טאָלן,
ווערט די ערד מיט גרין פאַרצירט.
ווידער לאַכט די זון אַרונטער
צו דער וועלט און מאַכט זי מונטער:
מיט איר שמייכל, מיט איר קוש
מאַכט זי גרייט איר צום גענוס.

גלייך פאַנגט אָן צו גרינען, בליען
יעדער מענטשלעכער געפיל,
וואונדערשיינע פאַנטאַזיען
ציען דורכן האַרצן שטיל;
גאָלדענע חלומות שוועבן
און זיי וועבן
נייע הימלען,
און זיי וועקן
נייעם לעבן,
און עס קלעקן
טויזנט גליקן,
יעדע זעלע צו דערקוויקן.

דאָך איר זעט דאָרט איינעם טרעטן
קוקנדיק צו דר'ערד אַראָפּ?
אויף די גרינע מאַי טאַפּעטן
זיפצט ער שאָקלענדיק דעם קאָפּ.

איינזאַם מיט זיין שווערן קומער
גייט ער, אָפּגעלעבט און מיד, —

זיין געשמאַקער מאַי, זיין זומער
האָבן לאַנג שוין, לאַנג פאַרבליט!

ווייסט איר, קענט איר יענעם קראַנקן,
וועלכער גייט וואו אַלעס בליט,
מיט אַ שרעקלעכן געדאַנקען
און אַ שטורמישן געמיט?
אונדזער אַלטער, אונדזער ייד!

קיינע זיסע פאַנטאַזיען
און קיין האָפנונג אין זיין בליק:
דורך זיין האַרצן
ציען שמאַרצן,
אַלטע וואונדן
צוגעבונדן
מיט דערינערונגען אַלטע —
מתים, מתים, טרופּעס קאַלטע,
אַלטע יוגנט, אַלטעס גליק.

יעדע בלום און יעדער דאָרן
טרייבט מיט אים אַ ווילדן שפּאַס:
דער סטאַבון קוקט אָן מיט צאָרן
און די קראָע שרייט מיט כעס.
פרעמד די בלומען, פרעמד די בלעטער,
פרעמד די וועלט, אַ פרעמדער מאַי!
פרעמדע פייגל, פרעמדע געטער,
פרעמדע מענטשן — אַלץ פאַרביי!...

פעדער שקלאַפעריי

(די פען און די שער)

איך האָב געמיינט דער שאַפּ איז שלעכט
און בעסער די רעדאַקציע,
אַצינד בין איך אַ פעדער־קנעכט, —
אַ, שרעקלעכע רעאַקציע!

די פען, וואָס האָט ביי מיר געדינט,
מוז איך אַליין איצט דינען, —
איך ווייַן אויף יעדן טראָפּן טינט,
וואָס איז פאַראַן דערינען.

אַמאָל האָב איך די וועלט באַקליידט,
באַמאַנטלט און באַאַקערט, —
אַצינד בין איך אַליין באַנייט
און לאָז דעם עולם נאַקעט...

ווער קען זיך מאַכן אַ באַגריף
פון מיינע גרויסע ליידן? —
איך טראָג מיין וויי אין הארצן טיף
און טאָר דערפון ניט ריידן.

אָ, מאַכט מיר ווידער אויף דעם שאַפּ!
איך וועל דאָרט פיל פאַרטראָגן, —
אָ, צאַפּ מיין בלוט, דו סוועטער, צאַפּ!
איך וועל אַ העלפט נאָר קלאָגן.

וועל שאַפן ביטער, שאַפן שווער,
יאָ, שאַפן אָן אַ טענה, —
פאַרדינגען קאָן איך נאָר די שער,
די פען מוז בלייבן מיינע!

אַ נבואה

אַזוי ווי איר קענט דאָס געפערלעכע מויל
פון ווילדן וואולקאַן ניט פאַרמאַכן,
ווען פלוצלונג ער קאָכט זיך פאַנאַנדער מיט גרויל
און וואַרפט פון זיין גליענדן ראַכען
די יאָרנלאַנג קלייבנדע גלוט מיט אַ גוואַלט,
אַזוי וועט איר אויך ניט פאַרמאַכן
דעם קראַטער פון צאָרן, ביי דעם וואָס איר האַלט
פאַרשקלאַפט איצט, ווען ער וועט דערוואַכן.

איז שטיל, דאַכט זיך, רואיק, פון אויפרעגונג ווייט
און גיט זיין געדולד אויך צושטייער,
דאָך טיף אין זיין בוזעם פאַרפערטיקט די צייט
אַ גרויסן און שרעקלעכן פייער...
און וויי, ווען דער דאָזיקער פייער ברעכט אויס!
אָ, ווי אייך פאַר יענע מינוטן,
ווען ענדלעך עס וועלן מיט שרעקן אַרויס
די יאָרנלאַנג קלייבנדע גלוטן!

אָ, דאַן וועט איר זען אייער שרעקלעכן סוף,
פון וועלכן איר ווילט איצט ניט הערן;
דאָס וועלט־געריכט וועט אייך באַשטימען די שטראָף
און איר וועט ניט קענען זיך ווערן.
איר וועט, ווי אַ חלום אין טונקעלער נאַכט,
פאַרשווינדן אין רויך און אין שאָטן,
און ענדיקן וועט זיך די הערשאַפט פון מאַכט,
געשטיצט אויף דער קראַפט פון הארמאַטן.

דער לייב

וואָס רוקט איר אַלץ דאָס פלייש אין זיך
און שמייסט צו מיר די ביינער?
וואָס מיינט איר, וואָס? אַ הונט בין איך,
אַ הונט מיט קהלשע ציינער?

אַ הונט וואָס לויפט אַרום אין גאַס
און נעכטיקט אויף די בריקלעך,
און ווען אים פאַלט אַ ביין צום שפּאַס
איז ער שוין איבערגליקלעך?

אַ הונט וואָס כאַפּט אַ בים אין קיך,
דערנידעריקט און שפל,
און לעקט דערפאַר דעם ווירט די שיך,
דער ווירטין די פּאַנטאָפל?

אָ, ציטערט! דען איך בין דער לייב,
ניט שפּילט מיט מיר אין שפּיצלעך,
דען קוים דערלאַנג איך מיך אַ הייב,
צעפלייש איך אייך אויף פּיצלעך!

איך קען די סטעפּ, איך קען דעם וואַלד,
איך בין אין יאַגד געבאָרן,
איך טו אַ ברום, עס ווערט אַ גוואַלד, —
און איר דערקענט מיין צאָרן.

ניט קוקט זיך איין וואָס איך פאַרשוויג,
ניט האַלט מיך פאַר אַ שוטה, —
עס קומט דער טאָג, איך ברעך די שטייג
און איר בלייבט ליגן טויטע...

האַרבסט בלעטלעך

איינזאַם זיץ איך ווי געפאַנגען
פון אַ זעלטזאַמען געפיל:
עפּעס האָב איך איין פאַרלאַנגען,
דאָך איך וויים ניט, וואָס איך וויל.
זיינען פריידן, זיינען ליידן
ערגעץ וואו פאַר מיר באַשטעלט?
קראַנק איז איינער פון אונדז ביידן! —
זאָגט: בין איך עס, צי די וועלט?

שטונדן קומען און פאַררינען, —
נייע, נייע קומען צו,
דאָך קיין איינע ברענגט מיין זינען
און מיין קראַנקן בוזעם רו. —
וויינען מוז איך, קען ניט ריידן,
קען ניט וויסן, וואָס מיר פעלט.
קראַנק איז איינער פון אונדז ביידן! —
זאָגט: בין איך עס, צי די וועלט?

אלול מעלאָדיעס

אָ, קאַלטלעך און ווינטיק,
דער סוף פון דעם זומער!
עס וועלקן די בלומען אין טאָל!
די שיינקייטן שווינדן,
אין טויטלעכן שלומער
איז אַלעס פאַרוויגט מיטאַמאָל.

דער שטורעם, ער שליידערט
די טרוקענע בלעטער,
צעטראָגט דאָס פאַרשטאָרבענע צווייט,
דער וואַלד רוישט אַ ווידוי, —
אַ ווייליקנע שפּעטער
פאַרשטומט אויך דאָס הייליקסטע ליד.

גרויע האָר

גרויע האָר, בית-עולם בלומען!
איך קוק אייך אָן און פיל אַ קעלט, —
צו שנעל זייט איר צו מיר געקומען,
שלוחים פון אַ טויטער וועלט!

איר ווייזט צו שנעל מיר מיין פאַרבליען,
מיין זון, צו גיך ווי זי פאַרגייט,
דער בייזער ווינטער קומט צו ציען,
ער האָט דעם קאָפּ מיר שוין פאַרשנייט.

האָב מיטלייד, ווינטער, האָב דערבאַרמען,
ניט וואַרף צו שטאַרק אויף מיר דיין קעלט!
איך האָב קיין זאַך וואָס זאָל דערוואַרעמען
מיין קראַנקעס הארץ אויף דער אַ וועלט.

מיין הייסער וואונטש איז לאַנג פאַרפלויגן,
ער האָט זיך ניט פאַרווירקלעכט, ניין!
אומזיסט נאָר אויסגעוויינט די אויגן,
אומזיסט געבליבן הויט און ביין!

שוין פיל איך דעם זכרון שווינדן,
מיר בלייבט קיין שפור פון יענער צייט,
וואָס פלעגט מיך ווי אַ צויבער בינדן
צום שיינעם טרוים, וואָס איז צו ווייט.

ווײנט, מײנע לידער

אָ, וויינט מיינע לידער,
איך זע זי ניט מער!
אומזיסט איז מיין זוכן,
אומזיסט מיין באַגער
צו טרעפן זי ווידער,
וויינט מיינע לידער!

אַ חלום נאָר ברענגט מיר
איר שטימע צוריק,
איר שיינענדן פּנים,
איר טרייסטנדן בליק.
אַ חלום נאָר שענקט מיר
ווידער מיין גליק.

יצחק לייבוש פרץ

(אַ קראַנץ פון זיינע אייגענע בלומען)

עס שווייגט דאָס פאָלק... עס איז אַנטשוויגן.
אַ שלוכצן ציטערט אין דער שטיל.
איך הער אַ „גלגול פון אַ ניגון"
ציט דורך די לופט מיט אַ געפיל.

ר' יוחננס מעשהלעך" פאַרשטומען.
מען מורמלט: „אייזיקל שעכט"...
און „באַנטשע שווייגט"... קברנים קומען...
„פרינצעסין קוניגונדע" ברעכט

די הענט: דער קיניג איז פאַרגאַנגען!...
פון „צווישן צוויי בערג" קלינגט אַ שטים:
„באַגלייט פון הימלשע געזאַנגען
איז פרץ גלייך אַרויף צו אים"...

דאָס „קראַנקע יינגל" רעדט פון פיבער,
און „מאָניש" חזרט קדיש איין...
און שטום, און לאַנגזאַם צווישן גריבער
אַ טויטן-וואָגן פאָרט אַריין...

דער „משוגענער בטלן" וויינט משונה,
אַ „שטריימל" ווייזט זיך אין דער לופט...
„ער לעבט... ער בלייבט אין אייער שכונה"
פאַרנעם איך ווי אַ שטימע רופט.

די „נייטאָרין" ברענגט די מלבושים...
די „חופה-קלייד" איז אויפגענייט...
די שכינה קומט און גיט אַ קוש אים,
און טוט אים אָן די „גאָלדענע קייט"...

און כרובים מיט לולבים-פעכער
דערוואַרטן זייער טייערן פריינט.
אַרויף גאַנץ הויך „אויב נישט נאָך העכער"
איז ער, אַוואו דער מאָרגן שיינט...

1915

טשערנישעווסקי איז טויט

.1

עס שוועבט דער טויט דורך נאַכט און ווינט,
מוטיק ווי אַ שטאָלצער העלד,
ער טראָגט אַ קעמפּער איצט געשווינד
אויף דעם שוואַרצן טויטן פעלד.

דורך די וואָלקן טרעט ער מוטיק
און טשערנישעווסקין טראָגט ער מיט,
טשערנישעווסקין, וועלכער בלוטיק
האָט פאַר דער מענטשהייט זיך געמיט,

וועלכער קעגן „קנוט" און הענקער,
קעגן דעספּאָטס שווערד און בויגן
געשטריטן ווי אַ בראַווער דענקער,
ביז זיין זעלע איז פאַרפלויגן;

וועלכער האָט זיין גאַנצע יוגנט
און זיין גאַנץ שווער לעבן
פאַר דער מענטשהייטס וואויל און טוגנט
מיט צופרידנקייט געגעבן.

אין סיביר האָט ער געשמאַכטעט
אונטער קייטן שטאַרק באַטריבט,
און די מענטשהייט דאָך געאַכטעט
און זיין אידייע דאָך געליבט.

איצט שוועבט טויט, צעוואָרפן די האָר,
פרייט זיך מיט זיין בראַוון קרבן.
אָך, אייביקער טויט, אַלטער נאַר!
טשערנישעווסקי איז נישט געשטאָרבן...

טשערנישעווסקין צוצונעמען?
ניין! דאָס קאָן דיר נישט געראָטן!
דו טראָגסט אַצינד — ווייסטו וועמען?
מער ניט טשערנישעווסקיס שאָטן...

קאָן דען שטאַרבן וואָס אומשטערבלעך איז?
קאָן דען פאַרדאַרבן אַזאַ מין גייסט,
וועלכער האָט ווי אַ טרייער ריז
פאַר דער וואַרהייט געקעמפט מיט דרייסט?

טויט איז נאָר טשערנישעווסקים פעז,
אָבער זיינע שריפטן לעבן,
זיינע ווערטער קאָנט איר זען,
ווי די בליצן גליענד שוועבן.

זיין גייסט ווינקט צו דער בלומענצייט,
זיינע שריפטן טראָגן פירות,
זיין טויט שרייט: גערעכטיקייט
אויף לאַנגע אייביקע דורות!

.2

אַך, רוסלאַנד, — וועלט-גילאָטינע —
מערדערלעכער קאַזעמאַט,
ווי לאַנג וועט דיין דיסציפּלינע
דערפילן איר שמוציקן טאַט?

ווי לאַנג וועט מען שינדן, רויבן
און טראַמפּלען איבערן שוואַכן?
ווי לאַנג וועט דאָס פאָלק אַלץ גלויבן,
אַז אַנדערש קאָן מען נישט מאַכן!

ווי לאַנג וועט דויערן דער טראָן?
ווי לאַנג די דעספּאָטישע קייטן?
ווען וועט מען די שמוציקע קראָן
אונטער די פיס צעטרעטן?

אַך, דעספּאָט, דעספּאָט, וועלט-הענקער!
אַזאַ מין גאַלגען איז נאָך נישט געבויט,
אויפהענגען אַלע דענקער
און אַלע די, וואָס בעטן ברויט.

צו קנאַפּ אייזן אין דער ערד,
און ווינציק פלאַקס אויף די בייטן,

אום צו מאַכן שטריק און שווערד,
די מענטשן אויסצוטויטן!...

רוסלאַנד, די צייט איז נישט פערן,
וועסט טרינקען דיין ביטערן כוס,
אַ בעכער פול פאַרגאַלטע טרערן...
עס איז שוין איבער דער מאָס!

.1889

זעלדע און שולמית

איך קען צוויי שיינע מיידלעך,
איך האָב — ווער ווייס די סיבה? —
פאַר איינער — נאָר באַוואונדערונג,
פאַר ד׳אַנדערער — הייסע ליבע.

און די, וואָס איך באַוואונדער,
באַזיצט פיל שען׳רע פאַרבן
ווי יענע, וואָס באַהערשט מיך
מיט ליבע ביז צום שטאַרבן.

די ערשטע מיט אַנטציקונג
באַטראַכט איך, דאָך פאַרזיסן
מיין וועלט קען נאָר די צווייטע
איר ליבשאַפט צו געניסן.

פיל חן שוועבט אויף דער ערשטער,
עס לייכטן אירע אויגן —
און דאָך האָט מיך איר צויבער
צו נאָנ׳ט ניט צוגעצויגן...

איך וואָלט איר קיינמאָל קושן,
קיינמאָל צו זיך ניט דריקן
עס קען איר איידלע שיינקייט
מיך געגצלעך ניט דערקוויקן.

און ניט נאָר איז זי פּרעכטיק,
וואָס פּרעכט׳קער קען ניט געבן,
נאָר אויך די ריינסטע אומשולד —
אין הימל נאָר צו שוועבן...

דאָך ליב איך ניט שולמית
און ליב מיין זיסע זעלדע,
ווייל זעלדע איז לעבעדיק,
שולמית — אַ געמעלדע.

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן

אַ נאָבלמאַן פון העכערן גייסט געבאָרן
אַריסטאָקראַט געוועזן אין אָנפאַנג פון זיין לעבן,
דאָך האָט דער יחוס זיך אין אים פאַרלאָרן;
ער האָט דעם פאָלק זיין איידל האַרץ אַוועקגעגעבן.
ער האָט זיין גרעסערן „איך" צו הילף גענומען:
דעם מענטש, די פרייהייט האָט ער לויז געמאַכט די פליגל,
ער איז אַוועק פיל נאָבלער ווי געקומען,
זיין קבר איז אַ פולע גרעסער ווי זיין וויגל —

געקעמפט, רעגירט, דאָך ניט געהערשט אויף קיינעם,
אַ חבר צו יוכבדס זון; ווי פון מצרים
באַפרייט אַ פאָלק, געלעבט מיט אים איינאייגעם,
און אויפגעמאַכט דער וועלט אַ ניי ירושלים.
אָ, גרויסער גייסט, וואָס האָט אַ וועלט געשאַפן.
אָ, ריינע אומבאַפלעקטע זעלע אָן אַ גלייכן!
דיר זינגט אַ ליד איעדער פרייער האַפן,
דער האָדסאָן רוישט דיין לויב, עס רוישן אַלע טייכן!

דיר פלאַטערט אוים אַ לויב דער שענסטער באַנער,
עס רעדן אַלע בערג פון דיר, די טיפע פלויטן.
אָ, דו אומשטערבלעכער אַמעריקאַנער,
פון וועלכן אַלע פעלקער דענקען, ווען זיי בלוטן!
אָ, זאָל דיין גייסט ביי דיזן טויער וואַכן,
ביים טויער, וואָס דו האָסט געעפנט פאַר דעם מידן,
און זאָל קיין בייזע קראַפט אים ניט פאַרמאַכן,
ניט לעסטערן דיין זעלע, וועלכע רוט אין פרידן!

אומזיסט

צעברעך די פען, דו אָר'מער דיכטער,
פאַר וועמען זינגסטן דאָ דיין ליד?
פאַר וועמען? אין לאַנד פון טומל,
וואָס קאָכט און רוישט ווי אַ יאַריד!

וואו מענטשן לויפן ווי פאַרסמטע,
וואו נאָר עס ליאַרעמט, הילכט און שרייט;
וואו יעדער איינער שאַכערט, מאַכערט
און האָט קוים, קוים צו שטאַרבן צייט!

ווער דאַרף דאָ דיכטער און פּאָעטן?
פאַרלוירן ווערט דאָ דיין געזאַנג,
אין דעם צעמישטן ים פון האַנדל,
צווישן די דאָלערס וויסטן קלאַנג?

דו האָסט אַ פּנים ווי משוגע
ביי דער פאַרקויפטער, פאַלשער וועלט.
דאָ האָט מען פיינט געציילטע זילבן,
דאָ ליבט מען נאָר צו ציילן געלט!

וואָלט וויטמאַן

אָ, דו, אין וועמעס שטאַרקער זינגער-ברוסט
עס האָבן זיך צוויי אָפּגרונטן פאַראיינט:
די טיפקייט פון פאַרקלערטן הימל, און
די שטיל פאַרוויגטע טיפקייט פון דער ערד;
אין וועמעס האַרץ עס האָט געשיינט די זון,
די לבנה, און וואו עס האָבן העל געגלאַנצט
די שטערן, גאַנצע וועלטן אָן אַ צאָל,
אין וועמעס האַרץ עס האָט געגרינט דער מאַי,
און וואו דעם דונערס ברום האָט זיך צעמישט
מיט דעם געזוויטשער פון דער נאַכטיגאַל;
אין וועמעס וואונדער-שטאַרק ליד מען פילט
די אַלמאַכט און די קראַפט פון דער נאַטור,
פּראָפּעט אומשטערבלעכער, איך גיב דיר לויב,
איך זינג פאַר דיר און פאַל איצט פאַר דיין שטויב.

דעם שטעקנס יום־טוב

עס איז פונקט אַ פערטל טויזנט יאָר זייט יידן האָבן זיך באַזעצט אין אַמעריקע; זייט יעקבס אייניקלעך זיינען צום ערשטן מאָל געשטאַנען שמונה עשרה צווישן אינדיאַנער און געלייענט קריאת שמע אויף אַ רואיקן מאַטראַץ.

דאָס זיינען ניט געווען די ערשטע יידן, וואָס האָבן באַטראָטן אָט דעם באָדן... עס איז באַוויזן געוואָרן שוואַרץ אויף ווייס, אַז יידן האָבן נאָך געהאָלפן קאָלאָמ־בוסן אַנטדעקן אַמעריקע, און אַז דער איינפּאַל אָפּצוקויפן פון די אינדיאַנער אַ מיליאָן תחום שבתן לאַנד פאַר אַ בינטל פאַטשערקעס, איז אויך געווען אַ יידישער...

סיי־ווי־סיי, צי מיר האָבן אַנטדעקט אַמעריקע צי ניט, זיכער איז דאָס, אַז אַמעריקע האָט אונדז געוויס אַנטדעקט. ערשט אין דער רייניער, הייליקער לופט פון דער געפונענער וועלט האָט דער ייד געהאַט די גאָלדענע געלעגנהייט צו ווייזן וואָס ער איז און וואָס ער קען און מען ווייס שוין ווער מיר זיינען...

דער יום־טוב פון דער יידישער איינוואַנדערונג.

מערקווירדיק, ווי די הויפּט בעלי־שמחה פון דעם דאָזיקן יום־טוב זיינען די דייטשע יידן! דער הויפּט־פּאַראַד פון דעם יובילייִ איז אין זייערע טעמפּלען און זייערע אינסטיטוציעס. דער שכל דערפון איז אפילו זייער פשוט און ליגט פון אויבן אויף.

אַזוי ווי די דייטשע יידן האָבן געהאַט די ערע, אַז מען זאָל זיי טרייבן פון דייטשלאַנד מיט 250 יאָר פריער ווי די יידן פון רוסלאַנד, זיינען זיי טאַקע די יחסנים, איז דאָס זייער יובילייִ, זייער שמחה מער ווי אונדזערע. ביי יידן ציילט זיך דער סדר היחוס לויט די שלעפּעריי, לויט ווער עס האָט פריער גענומען די טאָרבע מיטן שטעקן, און די ערשטע שלעפּער זיינען געווען די דייטשן. נאַטירלעך, זיינען זייערע טאָרבעס אונטער דער צייט אויסגעוואַקסן אין זעקלעך, אין געלט־זעקלעך, מען מעג זאָגן אין געלט־זעק. איצט איז דאָס זייער אַמעריקע. און זיי פרייען זיך טאַקע.

דער יידישער יחוס איז דער יידישער שטעקן.

דער ערשטער ייד, דער פּאַטער פון דער יידישער געשיכטע איז דער, וואָס האָט זיך דער ערשטער געמוזט אַוועקלאָזן אין דער וועלט אַריין, דער ערשטער, וואָס האָט זיך געדאַרפט אָפּגעזעגענען מיט זיין פאַטערלאַנד און מיט אַלץ, וואָס אים איז ליב און טייער און נעמען דעם שטעקן.

דער שטעקן איז ביי יידן די הייליקסטע זאַך אין דער וועלט און לויט ווי „די חכמים זאָגן", איז ער אַזוי אַלט ווי די וועלט, ווייל ער איז, ווי דאָס מויל פון בלעמס אייזל, אַ קונסט־ווערק פון די מעשה־בראשית. אָן דעם יידישן שטעקן וואָלט די וועלט ניט פאַרענדיקט געווען... ווען...

דער ערשטער האָט אים, נעבעך, געמוזט נעמען אדם הראשון און אויסוואַנדערן

דער אַרטיקל איז געשריבן דורך מאָריס ראָזענפעלד אין 1904 צו דעם 250סטן יאָרטאָג פון דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע.

פון גן־עדן, דערפאַר וואָס ער האָט פאַרזוכט פון „עץ הדעת", — טאַקע דערפון גופא דרינג איך, אַז אדם איז געווען אַ ייד, ווייל נאָר דער ייד מוז שטענדיק וואַנדערן צוליב זיין וויסן, צוליב זיין נאַשן פון „עץ הדעת". שפּעטער האָט גענומען דעם שטעקן אונדזער טאַטע אברהמל און אויך צוליב זיין וויסן. אַזוי איז זיך דער יידישער שטעקן איבערגעגאַנגען בירושה פון ייד צו ייד, ביז ער איז געקומען אין מעקלענבורג, האַמבורג, מאַגדענבורג, שטראַסבורג, און לימבורג... ביז ער איז געקומען אַהער, וואו ער איז דער הויפּט־יחסן פון דעם יידישן פאָלק.

דער יידישער שטעקן איז דעם יידנס איינציקער אָנשפּאַר אין לעבן און דער איינציקער אינסטרומענט מיט וועלכן ער, דער ייד, ניט דער שטעקן, קאָן מאַכן אַלערליי קונצן און דריידלעך. דער ייד מאַכט מיט זיין שטעקן אַלע געריכטן, פּונקט ווי דער יענקי מיט זיינע פּאַטייטאָס און דער כינעזער מיט זיינע רייז. איר קאָנט זיך מעסטן מיט אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט מיטן יידישן שטעקן. ער אַרבעט מיט זיין שטעקן ווי דער אויסטראַליער וואַלד־מענטש מיט זיין „בומעראַנג", ער וואַרפט אים און טרעפט וועמען ער וויל, און דער שטעקן קומט ווידער צוריק ביים וואַרפער אין די הענט...

זעענדיק אַז זיין איינציקע האָפענונג ליגט נאָר אין זיין שטעקן, האָט זיך דער ייד אויסגעלערנט אים צו געברויכן אויף פאַרשיידענע אופנים: יעקב האָט אָפּגענאַרט דעם אַלטן לבן הארמי מיט שטעקלעך, משה האָט געשפּאָלטן דעם ים מיטן שטעקן און האָט שפּעטער געצוואונגען מיטן שטעקן דעם שטיין, ער זאָל געבן וואַסער, — וואַסער איז דאָס איינציקע וואָס מען קאָן אַרויסקריגן פון אַ שטיינערן האַרץ אפילו ווען מען געברויכט אַ שטעקן, — ביי אהרן הכהן האָט זיך דער שטעקן פּלוצלונג פאַנאַנדערגעבליט און עס האָט אויף אים אָנגעהויבן צו וואַקסן מאַנדלען...

פון פּריסטער איז, נאַטירלעך, קיין ראיה ניט צו נעמען, ווייל ביי זיי געשען שטענדיק ניסים. די פּריסטער האָבן שטענדיק געבענטשטע שטעקנס, וואָס ברענגען זיי אַלע גוטע זאַכן. זייערע הייליקע שטעקנס בליען און וואַקסן און קוועלן, אַז עס איז אַ ליבער נחת צו קוקן...

איידער דער יידישער שטעקן איז אָבער באַקאַנט געוואָרן, האָבן די פּריסטער, איך מיין די פּריסטער פון די אומות־העולם, אין אים אַ גרויסן טעות געהאַט. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ שלימזלניק ביז זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיט אַ יידישן שטעקן שפּילט מען זיך אויך ניט...

ווי נאַריש פּרעהס פּריסטער זיינען דאָס געווען, אַז זיי האָבן געוואָלט וויזן אַ יידן אַ קונץ מיט אַ שטעקן; ווי נאַריש איז דער פּרעה אַליין געווען, אַז ער האָט דעם כוח פון דעם יידישן שטעקן ניט פאַרשטאַנען, און ווי נאַריש עס זיינען די איצטיקע פּרעהס, אַז זיי קענען נאָך דעם אַלטן היסטאָרישן שטעקן ניט און זוכן אים צו רייצן און צו טשעפּען...

איך קוק אויף דעם איצטיקן פּערטל טויזנטדיקן יידישן יובילייִ אין אַמעריקע און טראַכט מיר: „דאָס איז דער יום־טוב פון יידישן שטעקן. עס איז פּונקט 250 יאָר ווי דער וואַנדער־שטאַב, אָדער בעסער געזאָגט, דער וואונדער־שטאַב,

האָט געבראַכט דעם אייביקן וואונדערבאַרן וואַנדערער אויף אַ נייעם וועג פון לעבן. די, וואָס זיינען טאַקע ווערט דעם שטעקן מיט אַן אמת, זיינען די „אַפּטאַונער", די דייטשע יידן... אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, ער בלייבט נאָך ניט „אַפּטאַון", אָסור חזיר, אויב ער בלייבט דאָרט... די אמתע יחסנים אין אַמעריקע, די גייסטיקע יחסנים זיינען, די וואָס נוצן דעם שטעקן איצט... דער רוסישער ייד האָט דאָ אויפגעטאָן אין 50 יאָר מער ווי דער דייטשער יאַהודי אין 250. אמת טאַקע, מיר האָבן נאָך ניט אַזוי פיל באַנקירן, פּראָצענטניקעס און בערזן-מעקלער, דערפאַר אָבער האָבן מיר אַ גייסטיקן פאַרמעגן, וואָס איז טייערער פון מיליאָנען. שווער איז נאָר צו זאָגן וואו דער יידישער שטעקן וועט נאָך מגולגל ווערן. וויפל הינט ער וועט נאָך דאַרפן שלאָגן, וויפל מאָל ער וועט זיך נאָך דאַרפן פאַרוואַנדלען אין אַ שלאַנג און נאָכדעם ווידער אין אַ שטעקן...

שטעקן און שלאַנג, שלאַנג און שטעקן, דאָס איז דאָס אַלטע אייביקע מעשהלע, וואָס ווערט איבערגעחזרט יעדעס יאָר מיט מער פרישקייט. לאָמיר אָבער האָפן, אַז מיר וועלן דאָ ענדלעך קאָנען מאַכן פון שטעקן אַ וואַלגער-האָלץ, אָדער אַ טייטל פאַר דער קאָנסטיטוציע, אַבי מיר זאָלן ניט דאַרפן ווייטער גיין...

נאַטירלעך זיינען מיר נאָך ניט לאַנג גענוג אין אונדזער אַנטדעקטער מדינה, אַז מיר זאָלן זי שוין קענען זען אַן אָפּגעדעקטע, מיט איר פולער, אָפענער גע־שטאַלט, ווי מיר האָבן געזען יענע מדינות, וואו מיר האָבן געהאַט די ערע לאַנג צו זיצן. אַמעריקע האָט נאָך דערווייל אַליין ניט קיין פּנים, עס איז דערפאַר שווער צו זאָגן, אויב מיר האָבן שוין אַ צורה. אַמעריקע איז נאָך ניט קיין „בוגרת" און מען קאָן ניט וויסן, ווי זי וועט אויסזען ווען זי וועט דערוואַקסן זיין...

רוים איז געוואָרן אַ געפאַלענע פרוי, שפּאַניע האָט זיך פאַרקויפט צום טייוול, פראַנקרייך איז אויסגעוואַקסן אַ חצופה, דייטשלאַנד איז אַ פאַרפודערטע קאָקעטקע, ענגלאַנד איז געוואָרן אַ מיסיאָנערקע, וואָס לערנט דער וועלט זאָגן פאַטשערעס, און רוסלאַנד — יאָ, רוסלאַנד דאַרף נאָך ערשט ווידער געבוירן ווערן.

עס איז דער יובילײ פון אונדזער איינוואַנדערונג נאָך אַמעריקע; עס איז פריילעך, דאָך ניט ווילנדיק זינגט זיך:

שטעקן, דו מיין אַלטער שטעקן,
וועלכער וויס מיין יעדן גאַנג,
וועלכער קאָן אין צייט פון שרעקן
זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שלאַנג...
זאָג, מיין אַלטער פריינט, ביז וואַנען,
אָ, ביז וואַנען איז דער שיעור?
זאָג, אויב איך וועל אויך פון דאַנען
ווען עס איז נאָך גיין מיט דיר?

1904.

דריי דורות

גאָר אַמאָל, אַמאָל פלעגט מען „לויפן" נאָך אַמעריקע, אין אַ היפּשער צייט שפּעטער — איז מען „געגאַנגען" קיין אַמעריקע, און איצט — „פאָרט" מען קיין אַמעריקע.

דאָס איז אַ גרויסער אונטערשייד!

די, וואָס זיינען מיט יאָרן צוריק געקומען צו לויפן קיין אַמעריקע, זיינען שוין כמעט קיינער ניטאָ מער, בלויז זייערע קינדער און קינדס־קינדער שפּילן איצט אַ ראָלע אַלס רייכע אַמעריקאַנער יאַהודים, אַלס יחסנים... זיי איז מערסטנס גאַנץ גוט און זיי קוקן אַראָפּ אויף דער „איסט־סייד" מיט אַ מיקראָסקאָפּ... די, וואָס זיינען נעבעך „געגאַנגען" נאָך אַמעריקע, יאָ, געגאַנגען, ווייל דער שיקזאַל און די פאַרפאָלגונג האָט זיי געטריבן פון דער היים ניט געבנדיק גענוג הוצאות־הדרך — די מענטשן זיינען נאָך כמעט אַלע פאַראַן. זיי זיינען דאָס די יעניקע, וואָס האָבן דאָ אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג פאַר יידיש וויסן, יידישער זשורנאַליסטיק און יידישער קונסט. פון די, וואָס זיינען געגאַנגען נאָך אַמעריקע, זיינען ניט אַלע גליקלעך. פיל, זייער פיל זיינען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד פון חיונה און פּראָגרעס, און פיל זיינען געבליבן הענגען אין דער לופטן אָן אַ פעסטן באָדן אונטער זייערע מידע פיס.

די, וואָס זיינען געקומען אַהער צו „לויפן", האָבן זיך געטויגט אַנצוזאַמלען עשירות איוף פאַרשיידענע אופנים, ווי זיי זיינען דאָס געוואוינט געווען צו טאָן אין זייער היים, פון וואַנען זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן, אום ניט מיאוס אַריינצופאַלן... אָבער די, וואָס זיינען אַהער געקומען צו „גיין", האָבן געמוזט קעמפן, ביטער, זייער ביטער, אום צו עקזיסטירן.

גאַנץ אַנדערש איז מיט די, וואָס קומען איצט צו פאָרן קיין אַמעריקע. די „צו־בויפגעפאָרענע" קומען שוין דאָ אויף אַלעם פאַרטיקן. זיי ווייסן ניט און ווילן גאָר ניט וויסן וואָס עס איז פריער געווען. זיי הויבן גלייך אָן זיך צו מישן און זאָגן דעות. זיי ווילן ניט אָנערקענען מיט דאַנקבאַרקייט דאָס, וואָס מען האָט דאָ אויפגעטאָן פון זייערטוועגן, און נעמען זיך גלייך בלאָזן און „בריקענען", פּונקט ווי זיי וואָלטן געהאָלפן עפּעס אויפבויען, עפּעס צו שאַפן.

עס איז זיכער, אַז אין פאַרלויף פון די קומענדיקע דורות וועלן די דריי קאַטעגאָריעס עמיגראַנטן זיך אַזוי פאַרמישן, אַז מען וועט ניט מער וויסן „ווער איז ווער". דערווייל אָבער זיינען די „געלאָפענע", „געגאַנגענע" און „געפאָרענע" דריי גאַנץ באַזונדערע קלאַסן.

די „אַנטלאָפענע" האָבן זיך אַרויפגערוקט אין די הויכע מקומות פון דער „וועסט־סייד" און אין די עלעגאַנטע ערטער פון די איסט. די „געגאַנגענע" שאַרן

*) פאַרעפנטלעכט אין דער מ. ראָזענפעלד־אויסגאַבע פון 1910. דער אַרטיקל איז געשריבן מיט אַ פּאָר יאָר פריער. — רעד.

זיך אויך ביסלעכווייז אַוועק פון „העסטער" מיט אירע שוועסטער, און די „גע־פאַרענע" בלייבן אַלץ מער און מער די זעלבסטהערשער פון דער „איסט־סייד", פון דער אַזוי־גערופענער „געטאָ". די „צונויפגעפאַרענע" געפינען שוין דאָ פאַרטיקע ציַיטונגען; פאַרטיקע יוניאָנס; פאַרטיקע טעאַטערס; פאַרטיקע לאָדזשעס, חברות, פאַראיינען, סאָסייעטיס, שפּיטאַלן, קערפּערשאַפטן און אינסטיטוציעס פון פאַר־שיידענעם כאַראַקטער. די לעצטע און נייע עמיגראַנטן פאַנגען דאָס גלייך אָן צו ניצן און נאָכמער — צו קריטיקירן! זיי ווייסן ניט, וויפל בלוט און שוויס, וויפל מאַרך און מי און לעבנס עס האָט געקאָסט דאָס אַלץ צו שאַפן אין אַ פרעמדן לאַנד אונטער די ערגסטע אומשטענדן.

די נייע איינוואַנדערער אינטערעסירן זיך גאָר ניט מיט דער געשיכטע פון דער „איסט־סייד", מיט די פיל קרבנות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אויפן מזבח פון דעם יידישן פאַרשריט אין דער נייער וועלט. זיי כאַפּן זיך צו דעם ווי צו זייער אייגנס און האָבן צומאָל קיין גוט וואָרט פאַר זייערע פאַרגייער.

ביז איצט האָט מען פון דער איסט־סייד גאָר ניט געהערט. קוים איז זי אָבער געוואָרן פּראָמינענט, קוים האָבן מענטשן מיט מסירת־נפש גרויס געמאַכט דעם יידישן נאָמען, קומען די „אַנטלאָפענע" און בעטן אַ חלק אָנערקענונג. זיי זאָגן אַז דאָס אַלץ איז געשען אין זייער זכות, אַז זייער ליכט האָט עס אויף אונדז משפּיע געווען פון אויבן אַראָפּ... און מאַנכע נייע „גרינהאָרנס", בני בלי שם, וועמען עס האָט נאָך גאָר דער בויך ניט ווי געטאָן אויף אַמעריקע, האָבן גאָר די חוצפּה צו קומען אונדז לערנען און אויפקלערן און שימפן מיט די שענדלעכסטע ווער־טער. מיר האָבן זיך מקריב געווען זייט לאַנגע יאָרן פאַר דעם פאָלק, מיר האָבן אים געשאַפן אַן אויסגעברייטערטע און אַן ערשט־קלאַסיקע זשורנאַליסטיק, מיר האָבן פאַרפּאַסט ביכער און האָבן דאָס אַלץ געשאַפן אין אָרעמקייט און אין עלנט, קעמפנדיק מיט הונגער און פאַרפאָלגונג, און די, וואָס זאַמלען די פּרוכט פון אונ־דזער בלוטיקער פּראַצע, קוקן זיך צומאָל ניט אום אויף אונדז.

מילא די יחסנים פון „אַפּטאַון", די קנאַקער פון דער גאָלדענער געטאָ, האָבן שוין ביסלעכווייז אויסגעפונען, אַז מיר ווילן זיי ניט אָנערקענען אַלס שותּפים אין דער מעשה בראשית פון אונדזערע גייסטיקע שאַפונגען. מיר האָבן זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר זיינען אונדזערע אייגענע באַלעבאַטים. איצט בלייבט אונדז נאָר צו דערמאָנען די נייע אָריינגעפאָרענע, אַז זיי זאָלן ניט פאַרגעסן זייערע בראַווע פּיאָנערן. עס קומען איצט אַריבער אייגענע אויפגעבלאָזענע משכּילים און סתם יידן מיט פּרעטענזיעס און בלאָזן זיך און מאַכן זיך אַ פּוריע קעגן די אַלטע קעמפער פון דעם יידישן פּראָגרעס אין דעם קוואַרטאַל פון יידן. די משכּילים דאַרפן ציען די הוט פאַר די, וואָס האָבן דאָ אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג פון זייערט־וועגן.

יעדע יידישע צייטונג פון דער „איסט־סייד" האָט איר ליידנס־געשיכטע, און יעדער שרייבער, וואָס פאַרדינט איצט אויף ברויט, האָט יאָרנלאַנג געהונגערט. יעדע יוניאָן האָט אַ רעקאָרד מיט בלוטיקע סצענעס, מיט טרערנפולע און יאָמער־דיקע געשיכטעס, און יעדער יידישער שוישפּילער, וואָס טראָגט אַ דימענטענע

שפּילקע און אַ גאָלדענעם זייגער, האָט לאַנגע צייטן געשטריטן מיטן שיקזאַל און געפּאַכטן פאַר אַ לעבן. יעדע אמתע יידישע פּאָעזיע אין דעם גלות־לשון, וואָס איז געדיכטעט געוואָרן אין די דומפּע טענעמענט־געביידעס פון יידישן קוואַרטאַל, טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אויפּאָפּערונג, און יעדעס לערנבוך, וואָס דאָ איז פאַר־פאַסט געוואָרן, צו לערנען דעם גרינעם די שפּראַך פון דער מדינה, איז אַ מצבה נאָך אַ שטיק פאַרלאָרענעם לעבן.

די אויפטוער פון אָט די אַלע גוטע זאַכן אין דער „איסט־סייד" ציען זיך לאַנגזאַם אָבער זיכער צוריק. זיי זיינען מיד געוואָרן. נאָך אַ קורצע צייט, און זייער טעטיקייט וועט איבערגענומען ווערן פון אַנדערע, פון יינגערע הענט. באַלד שטאַרבט דער ערשטער פערטל יאָרהונדערט פון מי און מאַטערניש, פון אומ־אונטערבראָכענע קאַמפן. איר, נייע אַמעריקאַנער, איר „אַנגעפּאַרענע", פאַרגעסט ניט אייערע מוטיקע פאַרגייער! פאַרגעסט ניט וואָס מיר האָבן געטאָן פאַר אייך! בלאָזט זיך ניט! קוקט אויף דאָס גוטע, וואָס איר געפינט דאָ, מיט רעספּעקט. וואָס מיר גיבן אייך איבער, עס מעג אפילו זיין ניט אינגאַנצן פולשטענדיק, דאָך לאָזט זיך עס זען, אָבער וואָס איר וועט ווייטער טאָן, דאָס קאָן מען ניט וויסן.

רעספּעקט פאַר די מאַרטירער פון דער „איסט־סייד"! בויגט דעם קאָפּ פאַר אַן אומשטערבלעכן פערטל יאָרהונדערט!

אחדות

„פּראָלעטאַריער אַלער לענדער, פאַראייניקט אייך!"

שאַט! מיינט ניט, אַז דאָס איז דער אויפטו פון די „אחרונים". האָט קיין טעות נישט. דער רעיון פון אחדות איז עלטער פון קאַרל מאַרקס און פון באַקונין...

בעט, זייט מוחל, דעם אַלטן בטלן אין בית־המדרש ביים אויוון, וועט ער אייך אויפמישן דעם מדרש תהילים. איר וועט זיך מחיה זיין.

וואָס אַ מדרש פאַרגינט זיך צו דערציילן!

...און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט און זיינען געקומען ביז דעם כסא הכבוד... און גאָט האָט אַרויפגעשוועבט אויף זיי און האָט געזאָגט:

— עס זאָלן זיך פאַרזאַמלען די וואַסערן!

ווען די ערד האָט דאָס דערהערט, האָט זי אַרויסגעגעבן בערג און טאָלן. עס זיינען געוואָרן גריבער, און עס זיינען געקומען די וואַסערן און האָבן זיי אָנ־געפילט... נאָכדעם האָבן זיך די וואַסערן ווידער געכוחט און געחכמהט מיט אַ גדלות: „מיר זיינען די שטאַרקסטע פון גאַנצן באַשאַף. קומט, ברידער־כוואַליעס, לאָמיר צודעקן דעם גאַנצן פנים פון דר'ערד. עס איז צו ענג. מיר דאַרפן די גאַנצע ערד... די גאַנצע!..."

— שטיל, יונגאַטשעס! — האָט דער באַשעפער אַ דונער געטאָן אויף די פּלוטן. — שטיל זאָל זיין, אייער גאַנצע גבורה איז אָט דאָס ווערט!

אַ ווינט האָט זיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן...

— איך וועל שיקן דעם זאַמד און אים מאַכן פּאַר אַ גרענעץ, איר זאָלט אים ניט קאָנען אַריבער! — האָט גאָט ווייטער געליאַרעמט איבער די קריגערישע טיפענישן.

ווען די עזות־פּנימדיקע כוואַליעס האָבן דערזען די קערנער־זאַמד, ווי קליין און דין זיי זיינען, האָבן זיי זיך ווידער געלצעוועט.

— וואָס קאָנען אונדז אַזעלכע קליינוואַרג טאָן? קיי און שפּיי!... דער קלענסטער פון אונדזער חברה וועט זיך אַ לאָז טאָן, וועט ער מאַכן פון זיי אַ תל.

ווען דער גרעסטער פון די קערנער זאַמד האָט דערזען זיינע ברידער, ווי דערשראָקן זיי זיינען, האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיי און האָט געזאָגט:

— אמת, אמת טאַקע, ברידערלעך, מיר זיינען זייער קליין, און ווען יעדער איינער וועט ליגן באַזונדער, איז ער גאָר ניט ווערט. לאָמיר זיך נאָר צוזאַמענעמען אַלע ווי איינער און קיינמאָל אין לעבן זיך ניט צעשיידן. דאַן וועלן די כוואַליעס, די באַרימער, זען אונדזער כוח און וועלן מער ניט שפּאָטן...

ווען די זאַמד־קערנער האָבן געהערט אָט די דאָזיקע טענה, זיינען זיי צוזאַמענגעפלויגן פון אַלע עקן וועלט. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גרויסע מחנות אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך, און האָבן באַלאַגערט די אָפענע ברעגן פון די מעכטיקע, ווילדע פלוטן.

די כוואַליעס האָבן זיך געוואָרפן און געשליידערט אַנטקעגן זאַמדיקן ברעג, און זיך אומגעקערט מיט אַ ברומעריי צוריק...

און אַ שטימע האָט זיך געטראָגן איבער די וואַסערן:

— באַטראַכט מיט שכל דעם פּלאַן פון די זאַמדן און ווייסט, אַז אפילו די קלענסטע קרעפטן ווערן אַ שטאַרקע מאַכט, ווען זיי זיינען פאַראייניקט.

— אמת, — האָבן געענטפערט די קערנער זאַמד, און דער רוקן פון אַ מעכטיקער כוואַליע האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן ברעג און איז צעבראָכן געוואָרן אין שטיקער...

וויג, קבר און מענטש

די וויג

און די וויג האָט געזאָגט:

קום, מענטש, לויב מיך! הויב אויף דיין שטימע הויך; באַזינג מיך מיט די שענסטע לידער. איך פאַרלאַנג דאָס פון דיר; איך האָב אַ טייל אין דיר; דו ביסט מיר אַן אַלטער בעל־חוב. אין מיין שויס האָבן דיך געקושט די יינגסטע שטראַלן פון לעבן. אין מיר זיינען געפאַלן דיינע ערשטע טרערן, און איך, די ערשטע, האָב זיי דיר געשטילט.

זיס האָסטו אָפּגעטרוימט דיינע קינדער־יאָרן אויף מיין פריילעכן בוזים. אין מיין האַרצן האָסטו זיך געוויגט און געטרוימט פון מלאכים. ניין, ביסט דאַן אַליין געווען אַ מלאך... דיין מוטער האָט דיר געגעבן איר מילך, און איך — אַ זיסן שמייכל און דרימל. איך בין געווען דיין גן־עדן אויף דער וועלט. זייט דו ביסט פון מיר אַוועק, האָט דיך דאָס לעבן אָנגעהויבן צו פאַרפאַלגן.

באַזינג מיך, מענטש! דו טאָרסט מיך ניט פאַרגעסן. דען איך האָב פאַר־געטערט דיינע קאַפּריזן און דיין וואונטש פלעגט געשען. ווי שיין איז געווען דאָס קליין ווייסע ציגעלע, וואָס איך האָב דיר געגעבן! איך בין געווען דיין ערשטע הויז, און דיין קליינער שאָטן האָט געשוועבט אויף מיינע הענט. באַזינג מיך, דען ווען ניט דיין זיסע דערינערונג אָן מיר, וואָס וואָלט דיך באַגלייט אויף דיין ווייטער נסיעה?

מיט מיר איז פאַרבונדן דיין אומשולד, דיין גליק, דיין שענסטע צייט, וואָס קומט ניט מער צוריק.

דער קבר

און דער קבר האָט גערעדט:

באַזינג מיך, שטערבלעכער, ווייל שפּעטער וועסטו דאָס ניט קאָנען. באַצאָל מיר, כל־זמן דו ביסט נאָך דאָ. ווידמע מיר דיינע טיפסטע געפילן, דען איך בין דיין אמתער פריינט, דיין מלאך הגואל. איך וועל דיר אָפּווישן דיינע לעצטע טרערן און ברענגען אייביקע צופרידנקייט. אין מיין שויס וועסטו רוען מיט אַן אמת, פריי פון זאָרג און האַרץ־קלעמעניש.

שווער איז דער קאַמף פון דיין לעבן, ביי מיר איז פרידן. גרויס איז די צאָל פון דיינע פאַרפאָלגער, ביי מיר ביסטו זיכער. איך בין דיין שטאַרקסטע פעס־טונג; איך באַשיץ דיך. ביי מיר וועט דיך קיינער ניט באַרירן; דו ביסט רואיק. וואָס דו רופסט איצט דיינע, וועסטו פאַרלירן, דאָך מיינע בלומען רייסט מען ניט...

באַזינג מיך, שטערבלעכער! ביי מיר ענדיקט זיך דיין פאַלשער חלום. איך בין היילי־קער ווי דיין וויג. זי האָט דיך אָפּגענאַרט, און ביי מיר איז דער אמת. דאָס לעבן האָט דיך אומריין געמאַכט, איך בין דיך מטהר. רעיונות פּלאָגן דיך, דו קלערסט און ציטערסט; ביי מיר איז שכחה. ביי מיר קלינגט ניט דער קוש

פון פאַלשער ליבע, און דער שאָטן פון חניפה שוועבט ניט אויף מיינע ברעטער. איך בין דיין לעצטע היים, דיין לעצטע דירה, פון מיר ציסטו ניט מער; דו פאַר־בלייבסט דאָרט. דער עירוב פון דער צייט פירט דיך נאָר ביז מיר; ביי מיין שוועל ענדיקט זיך דעם לעבנס תחום שבת...

באַזינג מיך, שטערבלעכער! איך וועל דיר פאַרטרויען יענעם סוד, וואָס איז פאַרהוילן פון די לעבעדיקע. ביי מיר וועסטו דערגיין דעם צוועק פון דער וועלט, דעם ציל פון ווילדן טומל...

וועסט דערגיין, וואָס דו ביסט ניט דערגאַנגען; ווידמע מיר דיינע געזאַנגען!

דער מענטש

און דער מענטש האָט אַ קוק געטאָן אין מזרח און אין מערב און האָט געזאָגט:

גרויסאַרטיק און פול מיט צויבער זייט אירביידע. הייליק איז דער טרוים פון קינדהייט, וואָס שמייכלט אויף דער וויג, און ערנסט איז די פאַרב פון די גע־דאַנקען, וואָס ציטערט אויף דער גרוב.

וויג און קבר! איך בין דער שטראָם, אין וועלכן איר ביידע שפּיגלט זיך אָפּ.

איך האָב פאַר דיר אַ ליד, מיין וויג, דאָך קורץ און קינדיש איז עס, ווי די צייט פון אונדזער קענטשאַפט. איך בין גרויס פאַר דיר אַצינד און דו פאַר מיר — צו קליין. מיין שאָטן איז איבערגעוואַקסן דיינע ווענט, און מיין פאַנטאַזיע — דיינע הימלען... צו שווער איז איצט מיין האַרץ אַריינצוטאָן פאַר דיר אין אַ געזאַנג. צו שווער; וועסט צוזאַמענברעכן אונטער מיינע טענער...

און וואָס פאַר אַ בעל־חוב בין איך דיר סיי־ווי־סיי? כ'האָב אַלע דיינע גליקן אָפּגעשטעלט ביי דיר, און וואַנדל עלנט דורך די טיפסטע ווילדערנישן פון לעבן.

און דו, אָ, גרוב, שוואַרצע וואַוינונג פון מיין צוקונפט! אויך דו קומסט פאַ־דערן אַ געזאַנג? פאַרוויס פאַרלאַנגסטו זאָל איך דיר באַצאָלן? פאַרוואָס? דו וועסט מיר געבן רו. וועל איך פילן, אַז איך רו? איך וועל פאַרגעסן, זאָגסטו. וועל איך אויך געדענקען? דיינע בלומען רייסט מען ניט, פאַרזיכערסטו מיר. וועל איך אָבער פילן, ווי זיי שמעקן?

ניין, ניין! מיין תחום־שבת ענדיקט זיך ניט נעבן דיר, אין ברעג פון עירוב איז אָנגעבונדן אָן דער אייביקייט... אָן הימל... אָן דער זון... אָן גאָט! אָן אַלץ, וואָס לעבט, שטרעבט, באַוועגט זיך, רייסט זיך, שטופּט זיך פאַראויס צו דער ליכט, צו דער אייביק, אייביק ריינער ליכט... צום אייביקן „זיין"...

אויך דו, אָ, גרוב, ביסט נישט דאָס, וואָס דו ביסט, פונקט ווי איך בין נישט דאָס, וואָס איך שיין צו זיין...

דו וועסט פאַרטרויען מיר אַ סוד, האָסטו געזאָגט. פאַרטרוי עס איצט! אָט דאָ וויל איך דאָס וויסן! דו שווייגסט, אָ, עלנטע באַרימערין! אומזיסט איז, וואָס דו רעדסט. דו ווייסט עס פונקט ווי איך, ניין, איך ווייס דאָס בעסער... דען איך בין דאָ אַ טייל פון יענער קראַפט, וואָס צעברעכט און שאַפט.

מיין לעבנס־געשיכטע אין קורצן

איך בין געבוירן אין דעם יאָר 1861 אין באָקשע, אַ דאָרף דריי מייל פון דער שטאָט סואוואַלק, פוילן, — דאָרט איז אויך געבוירן מיין מוטער רחל; מיין מוטערס עלטערן און אורעלטערן. מיין פאָטער, אפרים ראָזענפעלד, איז געבוירן אין אַ קליין שטעטעלע מיטן נאָמען שלאַוואַנט, אויך סואוואַלקער גובערניע. אין באָקשע, ווי איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, בין איך געבוירן געוואָרן, און האָב זיך דאָרט דערצויגן ביז מיין צענטן יאָר. מיינע עלטערן און עלטער־עלטערן אי פון טאַטנס, אי פון דער מאַמעס צד זיינען געווען פישערס. מיין פאָטער איז זאָגאַר געווען אַ פאַכמאַן, אַ שניידער ביי פראָפעסיאָן, ער האָט אָבער די שניידעריי ניט באַטריבן און איז אויך געווען אַ פישער. באָקשע, דער דאָרף וואו איך בין געבוירן געוואָרן, איז באַרימט מיט זיין גרויסן טייך (לעבן וועלכע אונדזער הויז איז געשטאַנען), מיט די וועלדער, הויכע בערג און לאַנדשאַפטן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט. איך געדענק נאָך ווי היינט, ווען מיין טאַטע און מיין מוטערס פאָטער, מיין זיידע (זלמן ווילטשינסקי), פלעגט מיט מיר אַרומפאָרן איבערן גרויסן און קלאָרן טייך און מיר דאָרט דערציילן אַלערליי געשיכטן. דאָס האָט אויף מיר געוואַלדיק געווירקט. ניט איינמאָל פלעגט עס צעשפּילן מיין קינדישע פאַנ־טאַזיע און אויפוועקן אין מיין יונג האַרץ געפילן צו זאַכן, וואָס איך האָב נאָך דאַן אַליין ניט פאַרשטאַנען. ווען איך בין אַלט געוואָרן צען יאָר, האָבן מיינע עלטערן אויסגעוואַנדערט נאָך וואַרשע. דאָרט האָט מיין פאָטער פאַר מיר געהאַלטן לערער, וועלכע האָבן מיט מיר געלערנט לשון־קודש, גמרא, אַ ביסל פויליש און אַ ביסל דייטש. מיין פאָטער האָט עס אָבער אין וואַרשע אויך ניט געגליקט, און נאָכדעם ווי מיר האָבן דאָרט געוואוינט 4 יאָר, האָבן מיינע עלטערן אַריינגעצויגן זיך אין סואוואַלק. דאָרט בין איך געווען אַ באַלעבאַטישער ליידיקגייער, פלעג אַ ביסל לערנען אין בית־המדרש און אַ ביסל זיך לערנען נייען אויפן מאַשין אין מיין טאַטנס „ווערקשאַפּ”. אַזוי האָב איך פאַרבראַכט ביז מיין 18טן יאָר, דאַן האָט מען מיך חתונה געמאַכט מיט מיין מוטערס אַ קוזינע, אַ זייער רייכע אָבער זייער מיאוס מיידל, מיט וועלכער איך האָב געלעבט 6 מאָנאַטן און האָב זיך געגט. איך האָב דאַן געוואַרט צוויי יאָר און האָב געהייראַט מיט מיין איצטיקער פרוי רעבעקאַ יעוואַרקאָווסקי, פון סואוואַלק, אַ פאָרנעמען באַלעבאָס׳ אַ טאָכטער, אַ יונגע און שיינע מיידל. אין אַ יאָר נאָך מיין חתונה האָב איך אָפּגערייזט נאָך אַמעריקע, דאָך ניט קענענדיק ריכטיק קיין פאַך, האָב איך דאָ ניט געפונען וואָס צו טאָן און בין געקומען צוריק קיין סואוואַלק נאָכן פאַרברענגען דאָ 6 מאָנאַטן.

דאָך ניט זייענדיק זיכער פון מיליטער, האָב איך געמוזט פאַרלאָזן סואוואַלק אויף יעדן פאַל. איך בין דאַן געפאָרן נאָך האָלאַנד; האָב זיך דאָרט געלערנט דיאַמאַנטן־שלייפן; איך בין אָבער דערביי קראַנק געוואָרן און האָב אָפּגערייזט נאָך לאָנדאָן. דאָרטן האָב איך פאַרשיידנס געטאָן אום אַ לעבן צו מאַכן. איך בין דאָרט ענדלעך געוואָרן אַן אַפּרייטער, און האָב אַראָפּגעבראַכט מיין פרוי נאָך לאָנדאָן. (און מיינע) עלטערן אויך. מיין פאָטער איז געווען אַ למדן אַ (ייד),

(ער האָט) געקענט גאַנץ שיין דאַווענען פאַרן עמוד, ער איז געווען אויך אין לאָנדאָן אַ חזן, שפּעטער אַ העברייאישער לערער, וואָס ער איז דאָרט אויך איצט.

מיך האָט אָבער אין לאָנדאָן ניט פאַליובעט דער וועטער, און איך האָב אָפּ־געדייזט נאָך ניו־יאָרק, וואו איך בין פאַרבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג. דאָ האָב איך אַ קורצע צייט געאַרבעט, נאָכהער האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן אין צייטונגען, וועלכע האָבן גלייך געגומען דרוקן מיין פּאָעזיע, סקיצן און פאַרשיידענע אַרטיקלען. איך האָב דאָ גלייך אַראָפּגעבראַכט מיין פרוי און האָב זיך אָנגעהויבן צו דערנערן פון מיין פעדער, פון דעקלאַמירן מיינע געדיכטע אין טעאַטערן און אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, און אַזוי באַטרייב איך עס ביז היינטיקן טאָג.

שרייבן געדיכטע האָב איך אָנגעהויבן, לויט ווי איך געדענק, צו מיין 14טן יאָר. מיינע עלטערן אָבער און אַלע מיינע פריינט, וואָס קאָנען מיך פון מיינע קינדער־יאָרן דערציילן, אַז איך פלעג ליב האָבן צו זינגען לידלעך נאָך צו מיין 7טן יאָר. מענטשן פלעגן זיך אַרומקלייבן אַרום מיר און בעטן מיך, איך זאָל זיי זינגען לידלעך, נאַטירלעך פאַרשיידענע פאָלקס־לידלעך, וועלכע איך האָב צו יענער צייט געקענט. איך האָב אויך פאַרגעסן צו באַמערקן, דאָס אין סואוואַלק זאַגאַר, און נאָכהער אין לאָנדאָן, האָט מען שוין געזונגען מיינע לידער, צו וועלכע איך פלעג אַליין צופּאַסן מעלאָדיען. מיינע ערשטע געדיכטע זיינען געווען נאַציאָנאַלע, שפּעטער, אַריינפאַלנדיק אין די סוועטינג־שעפּער פון לאָנדאָן און ניו־יאָרק, האָב איך גענומען זינגען אַרבעטער־לידער, וועלכע זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער צוליב זייער שיינע פאָרם, פּאַטאָס און טיפן ערנסט. די טעטיקסטע פעריאָדע פון מיין דיכטן איז געווען אין דער צייט פון די לעצטע פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד און גריכנלאַנד (אין קארפו). דאַן האָב איך זיך פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט, פאַר מיר האָט נאָך געלעבט איין זאַך און דאָס איז געווען — דער ייד. איך האָב געשריבן אַ סך לידער, אין וועלכע איך האָב אויסגעגאָסן מיין האַרץ פאַר מיין פאָלק און אויף מיין פאָלק. איך האָב נאָכהער דיזע געדיכטע אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדערן בוך אונטער דעם טיטל עמיגראַציאָנס־ געדיכטע... דיזע לידער זיינען זייער גערימט געוואָרן אין אַלע העברייאישע זשורנאַלן, און אויך אין דעם „וואָסכאָד" פון פאַרגאַנגענעם ווינטער, אין וועלכער אַ געוויסער „ישורון" רופט מיך: „דער געקרוינטער פּאָעט דער עמיגראַציאָן" ער ברענגט דאָרט מאַנכע ציטאַטן און באַוואונדערט מיין פּאָעטישע קראַפט.

דאָס ערשטע ווערק, וואָס האָט אויפגעוועקט אין מיין האַרץ דעם געפיל צום דיכטן, איז געווען די ביבל. שפּעטער האָב איך געלעזן די מאָדערנע העברייאישע ווערק, ווי אדם הכהן לעבענזאָנס און י. ל. גאָרדאָנס געדיכטע; אָבער די האָבן מיך ניט צו שטאַרק באַגייסטערט. ערשט צו מיין 20סטן יאָר האָב איך גענומען אַליין שטודירן די דייטשע קלאַסיקער, איך האָב כמעט געלעזן אַלע גרויסע דייטשלאַנדס דיכטער און שריפטשטעלער. וואו איך פלעג ניט אַזוי פאַרשטיין, האָב איך זיך אימער געלאָזט באַלערן פון די, וואָס קענען. צו מיין 25סטן יאָר האָב איך געלעזן שעקספּיר, אין שלעגלערס איבערזעצונג. און ביז מיין 30סטן יאָר האָב איך געלעזן דאַנטע, ווירגיל און האָמער, אין דייטשער און ענגלישער איבערזעצונג.

איך האָב געלעזן הוגאָ און אַנדערע גרויסע דיכטער אין דייטשער, ענגלישער און העברייאישער איבערזעצונג. איך בין אין קיין איינע פון די דריי דערמאָנטע שפּראַכן פּערפעקט; דאָך פאַרשטיי איך העברייאיש, דייטש און ענגליש צימליך גוט. איך שרייב דיזע אַלע שפּראַכן, אָבער — מיט פעלערן. דאָך אין לעזן פעלט מיר ניט, וואו איך ווייס ניט אַ וואָרט, באַנוץ איך זיך מיט אַ גוטן ווערטערבוך.

ווי איר זעט, האָב איך קיין סיסטעמאַטישע שול־בילדונג ניט גענאָסן און בין, ווי דער ענגלישער מאַן זאָגט: „עי סעלף מעיד מען”. אַלס מוסטער האָט מיר אַממערסטן געדינט געטע. געטע איז מיין ליבלינג־דיכטער. דאָך זיינען מיינע לידער גאַנץ אייגנטימלעך; זיי זיינען די קינדער פון מיין אייגענער מוזע. איך דענק אימער אין יידיש־דייטש און בין כמעט גאַנץ אָריגינעל. איך האָב פיינט צו עקספּלואַטירן פרעמדנס טאַלאַנט, און עמפּפינדע מיינע לידער גאַנץ אַליין. מיין ליד „צו לויפיגן וואַסער”, אויף וועלכן איר מאַכט מיך אויפמערקזאַם, איז מיין אייגענע עמפּפינדונג; ביי געטע האָב איך עס ניט אַנגעטראָפן. פיליכט האָב איך זיך מיט אימיצן צונויפגעטראָפן; דאַן איז עס גאַנץ אומשולדיקערוויזע. דאָס איז אין קורצן אַלעס, וואָס איך האָב אייך געקאָנט שרייבן. איך ווייס, אַז איר וועט דאָ געפינען אַ מיש־מאַש און וועט דאַרפן אַ ביסל צואַרבעטן, אום אַלעס געענוי אַרומצונעמען: שרייבט עס אָבער צו צו דעם, וואָס איך בין איצט אין

טראָבל: מיינע קינדער זיינען זייער קראַנק, און מיין קאָפּ איז מיר זייער צעדרייט.

אין אַלגעמיין איז מיין לעבן ניט געווען קיין וועג פון רויזן. איך האָב קיין האָניק קיינמאָל נישט געלעקט און צו־גוט איז מיר יעצט אויך נישט. איך האָב אַ ווייב מיט 4 קינדער און דאַרף זיך געגוג קוועלן, ביז איך ברענג אַרויס אַ לעבן פון מיין פעדער. אַ נאָמען אַליין איז נאָך נישט אַלעס. און מיט אַ פּאָפּולאַריטעט לעבט מען נישט. בכלל, דורכלעזנדיק מיין מגילה, וועט איר פאַרשטיין אַלעס און אַלעס. אין שילדערן נאַטור־סצענעס, גלויב איך, דאַרף איך נישט נאָכמאַכן קיינעם, ווייל איך בין אַ נאַטור־קינד, איך בין אויפן שויס דער נאַטור געבוירן געוואָרן. אין מיין שילדערן דעם ים דאַרף איך קיינעם נישט נאָכטאָן, ווייל איך בין געפאָרן אויפן ים עטלעכע מאָל, קען דעם אַלטן „חברה־מאַן”, און ווייס זיינע אַלע קאַפּריזן.

אייער איבערגעגעבנסטער,

מאָריס ראָזענפעלד

פון דער רעדאַקציע:

די אויטאָביאָגראַפיע איז אָפּגעדרוקט אין דער זאַמלונג „מאָריס ראָזענפעלדס בריוו” (מיט אַן אַריינפיר און דערקלערונגען פון י. ליפשיץ), ייוואָ, בוענאָס־איירעס 1955. ס'איז אָנגעמערקט, אַז „מאָריס ראָזענפעלד האָט אַוודאי (זי) אָנגעשריבן אין 1897 פאַר לעאָ ווינערן... די אויטאָביאָגראַפיע איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין „זאַמלביכער” 1, ניו־יאָרק 1936.

מ. ראָזענפעלד שרייבט, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „עמיגראַציאָנס געדיכטע”, אַזאַ בוך לידער מיט דעם נאָמען איז נישט באַקאַנט. **ישורון האָט געשריבן אַן אַרטיקל אין „וואָסכאָד”**, נאָוועמבער 1896, אונטערן נאָמען „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן”. דאָ איז אָנגעגעבן אַז מ. ראָזענפעלד איז געבוירן געוואָרן אין 1961. אין די אַלע שפּעטערדיקע מקורים איז די דאַטע פון זיין געבוירן אין יאָר 1862. אין אַ פּאָר ערטער איז די שפּראַך — פאַרריכט.

אַ בריוו פון מ. ראָזענפעלד

(אַ בריוו צו דר. אַרנאָלד קיש)

צו דעם האָכגעשעצטן ראַבינער דר. אַרנאָלד קיש.

מיין טייערער און פאַרערטער פריינט!

אייער לעצטן בריוו האָב איך ריכטיק דערהאַלטן. איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער שנעלער אַרבעט צו באַשטימען דעם דאַטום אויף דעם 14טן אָקטאָבער, חול המועד סוכות. איך האָף, אַז איר וועט ביי מיין פאָרלעזונג אין בודאַפעשט האַלטן אַ פאָרטראַג און עס וועלן נאָך אפשר אויך אַנדערע מיינע לידער אין אונגאַריש אָדער דייטש פאָרלעזן, אום איך זאָל נישט דאַרפן צופיל זיך אָנשטרענגען.

וואָס מיינע לידער, וועלכע איך זאָל פאָרטראָגן, אָנבאַטרעפט, ווייס איך נישט אויב זיי לאָזן זיך איבערזעצן, ווייל זיי זיינען ספּעציפיש־יידיש און איך גלויב קוים, זיי זאָלן מאַכן אַ גרויס אויפזען אין אונגאַריש. איבעריקנס וועל איך אייך צושיקן צוויי לידער און זעט, וואָס איר קענט מיט זיי מאַכן.

וועגן מיין קראַנקהייט און מיין דערהאָלונג איז שוין פיל אין אייראָפּע געשריבן געוואָרן, דאָס איך האָב כמעט וועגן דעם נישט וואָס צוצוזעצן. די הויפּט־סיבות פון מיין שווערער קראַנקהייט, וועלכע האָט מיך אַוועקגעלייגט אויף אַ קראַנקן־בעט אויף גאַנצע דריי יאָר, זיינען געווען צוויי: ערשטנס, האָבן זיך מיר אָפּגערופן אַלע שווערע און ביטערע ליידן פון מיין אומגעלונגענער יוגנט. דאָס פריע וואָגלען אין דער פרעמד אָן מיטל און פריינט, די איבערמענטשלעכע אַרבעט אין די פינצטערע שוויצבאָדן פון ענגלאַנד און אַמעריקע; די גרויסע אָנשטרענגונג פון אַרבעטן גאַנצע טעג אין פאַבריק און שרייבן גאַנצע נעכט מיינע לידער, נישט האָבנדיק דערצו די נויטיקע פפלעגע, די גוטע לופט און די נאַרהאַפטע שפּייזן; די ביטערע זאָרג צו דערנערן אַ פרוי און קינדער, דאָס אַלעס האָט זיך מיר איינגעלייגט טיף אין די ביינער. דאַן איז געקומען די צווייטע גרויסע סיבה, דאָס גרעסטע אומגליק פון מיין לעבן: דער טויט פון מיין בן־יחיד, מיין טייערן יוסף, אַ גאון, אַ דיכטער און אַ פאַרשוין, וועלכער האָט אויסגעהויכט זיין ריינע, נאָבעלע זעלע אין דער פריער עלטער פון 15 יאָר. ער איז געשטאָרבן פון דער טויטלעכער קראַנקהייט, אַ מין קרעפּס־געוויקס. ער האָט דאָס געקראָגן אויפן רעכטן שולטער, און נאָכדעם, ווי מען האָט זיין רעכטע שולטער־פּלאַטע אָדורכגעשניטן, איז אים די קראַנקהייט אַריין אין קרייץ. נאָך אַ העלישעס ליידן פון די אומבאַשרייבלעכע קוועלן און עינוים קשים פון כמעט איין גאַנצעס יאָר, איז ער געשטאָרבן.

דאָס זיינען געווען די אורזאַכן פון מיין פּאַראַליזירונג און בלינדקייט, וואָס האָבן געדויערט ביז מיט אַכט מאָנאַט צוריק. אין גאַנצן געזונט קאָן איך שוין קיינמאָל מער נישט זיין. איך בין נערוועז און לייד פון אַבסאָלוטע שלאָפלאָזיקייט. מיינע יעצטיקע פאָרלעזונגען, די אויפרעגונג, דאָס פאָרן פון איין שטאָט אין דער

*) דר. אַרנאָלד קיש איז געווען דער אויבער־ראַבינער אין בודאַ, אַ טייל שטאָט פון בודאַפּעשט, אונגאַרן. דר. קיש האָט, אַגב, איבערגעזעצט מ. ראָזענפעלדס לידער אויף אונגאַריש. דער בריוו איז געשיקט פון קראָקע, ווען ער האָט פאַרבראַכט אין אייראָפּע.

אַנדערער ווירקן פאַרדאַרבלעך אויף מיין שוואַכן קערפער, אָבער איין גאָט ווייס, דאָס איך מוז דאָס טאָן. דאָס ביסל אייגנס, וואָס איך האָב געהאַט, האָט דער יעצטי־קער שווערער קריזיס אין אַמעריקע איינגאַנצן רואינירט און איך מוז יעצט, שוין צו די עלטערע יאָרן, צעבראָכן און צעשמעטערט אין געזונט, אָנהייבן זוכן נייע מיטלען צום לעבן און זיך ווי עס איז איינפיקסן פון דאָס ניי. צו די אַלע זאַכן, וואָס איך האָב אייך דאָ אויסגערעכנט, האָב איך נאָך אַ מאַסע שונאים צווישן די יידישע שרייבער, וועלכע פאַרגינען נישט מיין פאָפולאַריטעט און וואָלטן מיך דער־טרונקען פאַר האַס און נייד. עס איז זיי קיין מיטל נישט צו שווער, קיין נידער־טרעכטיקייט נישט צו נידערטרעכטיק. זיי ווענדן אָן אַלעס מעגלעכעס מיר אויף שריט און טריט צו שאַדן. זיי קאָנען מיר גאָרנישט טאָן, זיי האָבן קיין איינפלוס, מיין 30־יעריקער לעבן אין אַמעריקע איז אַן אָפענער בוך פאַר אַלע יידן פון יענעם לאַנד, מיינע שונאים קאָנען מיר אויף קיינעם פאַל נישט גרייכן. דאָך איז מיר נישט אָנגענעם מאַנכעס מאָל זיי צו אַנטוואָרטען.

דאָס איז אין קורצן אַלעס, וואָס איך קאָן אייך זאָגן. אין אייניקע טעג וועל איך אייך צושיקן צוויי לידער. מער קיין נייעס ווייס איך אייך פאַרלויפיק נישט מיטצוטיילן. אויב אייך איז אינטערעסאַנט, קאָן איך אייך שרייבן, דאָס דעם 31טן אויגוסט וועל איך פאַרלעזן אין קראָקע, און טאָקע די זעלביקע נאַכט אָפּפאָרן נאָך טשערנאָוויץ, בוקאָווינע, אויף דער קאָנפערענץ פון דער יידישער שפראַך. דאָרט וועלן זיין פאַרטראָטן די גרעסטע יידישע שרייבער פון אייראָפּע און אַמעריקע. די קאָנפערענץ וועט דויערן פון דעם ערשטן ביז דעם דריטן סעפטעמבער. די קאָנפערענץ מאַכט אַ ספּעציעלן אָוונט פאַר מיר אין דעם גרויסן דייטשן טעאַטער, וואו אַלע גרויסע און באַרימטע יידישע ליטעראַטן וועלן מיטווירקן. דער צוועק פון דער קאָנפערענץ איז צו רעווידירן די גראַמאַטיק פון דער יידישער שפראַך, צו שאַפן מיטלען אַרויסצוגעבן ניצלעכע, וויסנשאַפטלעך־פאָפולערע און ליטעראַרישע ביכער פאַרן פאָלק פאַר ביליקע פרייזן און איבערהויפּט צו באַווייזן מיט אייזערנע פאַקטן, דאָס יידיש איז אַ שפראַך, אין וועלכער מען קען דיכטן און פילאָסאָפירן און שרייבן טעכנישע ווערק, פונקט ווי אין יעדער ציוויליזירטער שפראַך פון דער וועלט. מיר ווילן אַראָפּנעמען דעם פאַראורטייל פון אונדזער מוטערשפראַך, וועלכע ווערט גערעדט פון זיבן מיליאָן יידן.

איך וועל פאַרבלייבן אין גאַליציע ביז דעם 16טן סעפטעמבער. איך וועל אין דיזער צייט פאַרלעזן אין לעמבערג, סטאַניסלאַוו, קאָלאָמעאַ, בראָדי, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל, טאַרנאָוו און אַנדערע שטעט, און דעם 20טן וועל איך לעזן אין פראַג אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם גרעסטן באָהעמישן דיכטער, פראָפ. יאַראָסלאַוו וויטשליצקי. דאַן בין איך איינגעלאַדן אין ווין, פראַנקפורט אַ. מ., בערלין און האַמבורג, און אויף ניי־יאָר האָף איך צו זיין אין אַמעריקע.

מיט האָכאַכטונג צו אייך און אייער האָכפאַרטרעטער און געשעצטער פרוי און מיט האָפענונגען זיך מיט אייך צו זען, אייער גאַנץ־ערגעבנסטער און דאַנק

מאָריס ראָזענפעלד

קראָקע, אויגוסט 20, 1908.

וועגן דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ

איך האָב נאָר־וואָס אַוועקגעשיקט פינף קראָנען נאָך טשערנאָוויץ, בוקאָווינע, וועלכע וועלן מיך דאָרטן באַרעכטיקן אַלס דעלעגאַט צו דער „קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך”, און וועלן מיר געבן אַ שנעלע געלעגנהייט זיך צו פאַרגעסן אָן דעם אַסימילאַטאָרישן קראָקע. דער געדאַנק פון דער קאָנפערענץ איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, צו דער צייט, וואָס דר. נתן בירנבוים האָט דאָרטן געהאַלטן זיינע פאָרלעזונגען. דעמאָלט האָבן עטלעכע ניו־יאָרקער יידישע שרייבער זיך אונטערגעצייכנט אויף דעם דערקלערונגס־בריוו וועגן דער נייטיקייט פון אַזאַ קאָנפערענץ. פון יענע אַלע אונטערצייכנטע פאָרט אָבער צו דער טשערנאָוויצער אסיפה בלויז איין איינציקער, דר. ח. זשיטלאָווסקי, און איך בין דער צווייטער אַמעריקאַנער, וועמען עס איז באַשערט צופעליק צו זיין פון די קאָנפערענצלער, לויט ווי איך האָב ערשט איצט דערפאַרן, געפינען זיך שוין אין טשערנאָוויץ פרץ, אַש, נאָמבערג און נאָך אַנדערע ליטעראַטן פון רוסלאַנד און גאַליציע. איך וועל וואַרשיינלעך אָפּפאָרן פון קראָקע צו דער קאָנפערענץ צוזאַמען מיט אברהם רייזען, באַלד נאָך זיין פאָרלעזונג, טאַקע די זעלביקע נאַכט. רייזיקע פאָרבערייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן. עס וועלן געהאַלטן ווערן רעפעראַטן פון גרויסע שרייבער. איך וועל דאָרט האָבן אַ ספּעציעלן אָוונט אין דעם גרויסן דייטשן טעאַטער, פון וועלכן עס וועט אַראָפּגיין 40 פּראָצענט פאַר ליטעראַרישע צוועקן און פאַר אָרעמע שרייבער, וועמען מען וועט מוזן דעקן די רייזע־קאָסטן א.אַז.וו.

מילא, אַ קאָנפערענץ וועט דאָס זיין און אַ היסטאָרישע דערצו, דאָך צו רופן די צונויפגעפאָרענע שרייבער „דעלעגאַטן”, איז נישט אינגאַנצן ריכטיק, ווייל די באַטרעפנדע שרייבער זיינען פון קיינעם נישט דעלעגירט; זיי זיינען פון קיין פאַרטיי, חברה, פאַראיין אָדער גרופּע נאָך טשערנאָוויץ ניט געשיקט געוואָרן. די ליטעראַטן פאַרטרעטן דאָרט ממש נאָר זייער אייגענעם ווילן און אין אַ וויטן זין — די יידישע שפּראַך. אָבער דאָס אַליין, ווי עס שיינט, איז גענוג, דען כאָטש די זאָגענאַנטע דעלעגאַטן פאַרטרעטן דאָרט קיינעם נישט, פאַרטרעטן זיי אַלעמען. זייענדיק די דעלעגירטע פון דער פאָלקס־שפּראַך, פאַרטרעטן זיי דאָס גאַנצע פאָלק. עס זעט אפילו אויס זייער פרעמד, דאָס אַזאַ קאָנפערענץ זאָל זיין איינבאַרופן און אַראַנזשירט פון אַ מאַן, וועלכער קען קיין וואָרט יידיש רעדן און צומאָל זייער שווער פאַרשטיין, — איך מיין דר. בירנבוים, דאָך נישט יעצט איז די צייט צו אונטערזוכן די פּסיכאָלאָגיע דערפון. סיי־ווי־סיי איז דר. בירנבוים אַ יידישער שרייבער, כאָטש ער שרייבט אין דייטש, און ער האָט, מען מוז דאָס אים מיט רעכט געשטיין, פאַר דער יידישער קולטור זייער פיל אויפגעטאָן, זיך פּשוט פאַר איר מקריב געווען.

*) דער אַרטיקל פון מאָריס ראָזענפעלד איז געשריבן אין קראָקע, פאַר זיין פאָרן קיין טשערנאָוויץ, ער איז געדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס”, דעם 13טן סעפּטעמבער 1908.

איך ווייס, אַז מיט דער אויסנאַם פון אייניקע מענטשן האָט מען (ניט) אין אַמעריקע קיין צו גרויסן אינטערעס אין דיזן טשערנאָוויצער צוזאַמענפּאַר מחמת פאַרשיידענע טעמים. — ערשטנס גלייבט מען, אַז עס וועט דערפון קיין פּראַקטישער סך־הכל נישט אַרויסקומען. צווייטנס, איז דער אַמעריקאַנער יידישער שרייבער, ווי דער יידישער לעזער, נישט צו שטאַרק פאַרקאַכט אין גראַמאַטיקאַלישע כללים. וואָס מאַכט דאָס אויס, אויב מען שרייבט „גייןּ, געהן, אָדער גאַין״, „ייד״, „יוד״ אָדער „יהודי״, אַזוי לאַנג ווי מען קאָן דאָס איבערלייענען און פאַרשטיין. אַ גראַמאַטיקע קען דאָך נישט איינגעפלאַנצט ווערן אין אַ פאָלק אָן פאָלקס־שולן, איבערהויפּט אָן העכערע שולן, אָן גימנאַזיעס, וועלכע דערקלערן און גיבן איבער מיט דורכפאָרבירטע, פּעדאַגאָגישע מעטאָדן און פּראַקטיקע דעם גייסט פון דער שפּראַך. טויזנט גראַמאַטיקעס און ביכער איבער רעטאָריק און שפּראַך־לערע וועלן קיין גראַמאַטיקאַלישע שפּראַך נישט שאַפן, ווען עס וועט נישט זיין קיין באָדן, אויף וועלכן די שפּראַך זאָל זיך אַנטוויקלען, קיין שולן, וואו די יוגנט זאָל קומען לערנען. ביי די מערצאָל אַפילו פון אונדזערע גוטע שרייבער ווערט דאָס יידיש באַטראַכט בלויז אַלס אַ פאַראַם, וואָס פירט אַריבער צו דער אַנדערער זייט, צו דער לאַנד־שפּראַך, וועלכע יעדער איינער פון אונדז מוז לערנען אין דעם לאַנד, וואו ער געפינט זיך.

אָבער אָט די אַלע טענות, גערעדט מיט אַ „קאַלטן לונג און לעבער״, קאָנען נאָר גילטן אין אַמעריקע. דאָ, אין גאַליציע, זיינען זיי מער ווי אַ בלויזע פראַגע וועגן דקדוק, דאָ איז דאָס אַ פּאָליטישע פראַגע, אַ לעבנס־פראַגע. און טשערנאָוויץ זאָל זי פאַרענטפערן, דען נאָר אין עסטרייך מוז די אַלטע שאלה, אויב יידיש איז אַ „זשאַרגאָן״, אויב יידיש איז אַ „לשון״ — געלייזט ווערן. דאָ מוז זיך איינער שטאַרק אין אַכט נעמען, אויב ער וויל אין דיזער אָנגעלעגנהייט עפּעס אַריינרעדן און זיך אָפּטראָגן מיט גאַנצע ביינער. דאָ איז דאָס ניט קיין קאָפּ־הויז־שאלה, קיין יאַלעווער קעגנשטאַנד פאַר אַ קיבעצאַרניע; דאָ איז שוין וועגן דעם פאַרגעקומען אַ סכסוך אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט און עס שלייפן זיך געווער פאַר דיזער שפּראַך־שלאַכט, וואָס מוז און וועט פריער אָדער שפּעטער אויפרודערן די וועלט.

דיזע גרויסע קשיא, וואָס וואָרצלט טיף אין דער אינערלעכער פּאָליטיק פון די גאַליצישע יידן, איז ערשט אַרויסגעקומען אין איר גאַנצער, פולער שאַרפקייט זייט עסטרייך האָט געגעבן אַלע אירע בירגער דאָס גלייכע און געהיימע שטים־רעכט, און די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס שטעלן צונויף איר מלוכה, כמעט פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע, מיט אַ גזיכערטעס רעכט זיך צו בילדן אין זייערע אייגענע שפּראַכן אויף די הוצאות פון שטאָט. די טשעכן, די פּאָליאַקן, רוטענער, קראָאַטן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין דעם האַבסבורגישן רייך (עסטרייך) אַרבעטן יעצט וועגן דער אָפיציעלער אָנערקענונג פון זייערע מוטער־שפּראַכן, און די יידן אַרבעטן אויך דערפאַר. ווען די שפּראַך פון די יידן זאָל אָנערקענט ווערן, וועלן זיי מעגן פאָדערן פון זייער פּראָווינץ־לאַנדסטאָג אַ יידישע קאַטעדרע אין דעם גימנאַזיום אָדער אין דער אוניווערזיטעט, וואו וויסנשאַפטן וועלן געלערנט

ווערן פון אַ יידישן פּראָפעסאָר אין יידישער שפּראַך.

נון, האָבן אָבער יידן, ליידער, צוויי שפּראַכן. איינע, וואָס זיי האָבן אין גלות געשאַפן, און איינע — וואָס זיי האָבן אין גלות פאַרגעסן, נעמלעך: דאָס טויטע לשון קודש, די רעליגיאָנס־שפּראַך פון די תפילות און יוצרות, וואָס דאָס פאָלק פאַרשטייט נישט, און דאָס לעבעדיקע יידיש, וועלכע איז די מוטערשפּראַך פון שטאַרקע זיבן מיליאָן יידן אין דער גאַנצער וועלט. ווען דער יידישער אָפּגע־אָרדנטער שטאַנד, פון לעמבערג, אַ ציוניסט, האָט געדאַרפט נעמען די שבועה אין פּאַרלאַמענט, האָט מען אים געהייסן שווערן אין זיין פאָלקס־שפּראַך, און ער האָט געוואָלט שווערן אין לשון־קודש, אָבער דאָ האָט זיך אויפגעהויבן די שאלה, אויב דאָס פאָלק רעדט לשון־קודש, און קומענדיק צום באַשלוס, אַז העברייאיש ווערט נאָר געברויכט בלויז פון זאָגענאַנטע יידישע שפּראַך־אַריסטאָקראַטן, האָט ער געמוזט שווערן אין יידיש. אָט־דאָס איז געווען די ערשטע אַנטשיידענע שלאַכט צו גונסטן פון אונדזער מאַמע־לשון. די העברייער האָבן זיך פונדעסטוועגן נישט אָפּגעשראָקן און זעצן פאָר זייער קאַמף נישט נאָר מיט דעם טויטן בוכשטאַב, נאָר מיט די לעבעדיקע אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער — פון די אויסגעברייי־טערטע יידיש־רעדנדיקע מאַסן. די העברייער ווייסן גאַנץ גוט, אַז זיי וועלן נישט אַנטשעפּען דעם יידישן פאָלק אַ הייליקן בר־מינן אויף דער פּלייצע, ווייל ער וועט דאָס פּאָזיטיוו נישט קאָנען טראָגן. די יידן רעדן יידיש, און עס איז פאַרפאַלן, אָבער די העברייער פּאַסט דאָס נישט. ס'טייטש, די „שפחה בזויה", די מיאוסע, נידע־ריקע דינסט־מויד, זאָל ירשענען די באַלעבאָסטע. און די מלחמה גייט אויף טויט און אויף לעבן. ווען עס זאָל אָפּיציעל באַשטימט ווערן, אַז לשון־קודש איז די יידישע שפּראַך, דאַן וועלן די יידישע מאַסן פאַרלירן זייער ווערט, און זייער שפּראַך וועט איגנאָרירט ווערן. עס וועלן דערפון פּראָפּיטירן בלויז די „סנאָבס", די נאַציאָנאַלע יידישע אַריסטאָקראַטישע צוקערלעקעך־אידעאַליסטן. דאַרום זיינען די אויגן פון די אמתע פאָלקס־פריינט און אַרבעטער־פריינט אין גאַליציע און אפילו אין רוסלאַנד געריכטעט צו טשערנאָוויץ. דאַרום האָט יענע קאָנפערענץ אַ וויכטיקע, היסטאָרישע באַדייטונג. איך ווייס נישט, פון וועלכן שטאַנד די קאָנ־פערענץ וועט באַהאַנדלען די שפּראַך־פראַגע, וועלכע אַרגומענטן דאָרט וועלן געפירט ווערן און וועלכן ענדציל מען וועט זוכן צו דערגרייכן. מעגלעך, אַז די קאָנפערענץ זאָל טראָגן אַ מין מלמדישן, בטלנישן כאַראַקטער, אַ זאַך וואָס לאָזט זיך אפילו נישט גלויבן; זיכער איז דאָס אָבער, אַז די קאָנפערענץ וועט האָבן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אויף דער יידישער פּאָליטיק אין גאַליציע.

אויגוסט 1908.

א. מ. ליליען — מ. ראָזענפעלד'ס אָפּטרייטער

קלמן מרמר

מאָריס ראָזענפעלד

1.

דאָס איז געווען אין די 80ער יאָרן פונעם 19טן י״ה. יעדע שיף פון אייראָפּע האָט דעמאָלט געבראַכט פרישע אַרבעט־הענט פאַר אַמעריקע. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַ יידישער שניידער מיטן נאָמען מאָריס.

ווי די מערסטע יידישע אימיגראַנטן, האָט מאָריס געאַרבעט פון באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט. אָפט איז ער געשלאָפן אין ענגן, פייכטן „סוועט־שאָפּ״ (שוויץ־פאַבריקל), כדי צו זיין דער ערשטער, ווען דער באַלעבאָס וועט פאַנאַנדער־טיילן די „באָנדלס״ (פעקלעך אַרבעט) צו די שניידער־אַרבעטער. מאָריס איז געווען גרייט צו אַרבעטן איבער זיינע כוחות. ער האָט געוואָלט וואָס פריער אָפּ־שפּאָרן די נויטיקע סומע אַריבערצוברענגען זיין ווייב און קינד פון אייראָפּע.

זיצנדיק ביי דער שניידער־מאַשין, אָדער שטייענדיק ביים פּרעס־אייזן, האָט מאָריסן פון צייט צו צייט געגעבן אַ ברי אַ געדאַנק וועגן דער לאַגע פון דעם אַרבעטער אין סוועט־שאָפּ. געוויינלעך איז אים דער געדאַנק געקומען אין גראַ־מען און אָפטמאָל באַגלייט מיט אַ ניגון. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט עס מאָריס דעקלאַמירט אָדער אויסגעזונגען פאַר זיינע נאָענטע שאָפּ־חברים. יענע האָבן עס אָפטמאָל איבערדעקלאַמירט אָדער איבערגעזונגען פאַר זייערע שכנים און פריינט. אַזוי האָבן זיך זיינע לידער צעטראָגן פון שאָפּ צו שאָפּ און געוואָרן באַקאַנט אין אַלע ברייטערע אַרבעטער־קרייזן.

זיינע נאָענטע פריינט ראַטן אים אויפצושרייבן זיינע לידער און זיי אַריינ־טראָגן אין אַ רעדאַקציע. מאָריס שטרענגט דאַן אָן זיינע מידע הענט און שרייבט אויף זיינע לידער אויף דעם גראָבן פּאַפּיר אין וועלכן דער קרעמער, דער „גראָסערימאַן״, האָט איינגעוויקלט דאָס ביסל עסנוואַרג, וואָס ער האָט ביי אים געקויפט.

די רעדאַקטאָרן האָבן צוערשט געהאַט וויניק צוטרוי צו די לידער אויף זאַק־פּאַפּיר פון אַן אומבאַקאַנטן „פּראָסטן״ אַרבעטער. קוים אָבער האָבן זיי עס איבערגעלייענט, האָבן זיי דערזען, אַז דאָס איז עכטע פּאָעזיע, אַ זאַך וואָס איז דעמאָלט געווען אַ זעלטנהייט אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע אין יידיש.

אָט אַזוי ווערט דער שניידער־אַרבעטער באַקאַנט אַלס דער יידישער פאָלקס־דיכטער מאָריס ראָזענפעלד.

ווען זיין „לידער־בוך״ ווערט אין די 90ער יאָרן איבערזעצט אין ענגליש, שטורעמט אויף דאָס גרויסע לאַנד. די וואָרט־זאָגער פון דער אַמעריקאַנער

ליטעראַטור דערקלערן, אַז די יידישע אימיגראַנטן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַ וועלט־דיכטער, און טאַקע איינעם פון די באַדייטנדיקסטע פון זיין צייט.

די דאָזיקע בשורה האָט זיך שנעל פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער ציוויליזירטער וועלט. מאָריס ראָזענפעלד ווערט באַלד איבערזעצט אין אַלע קולטור־שפּראַכן. זיינע לידער ווערן אַריינגענומען אין די אַנטאָלאָגיעס פון די בעסטע מוסטערן פון דער וועלט־ליטעראַטור. זיינע לידער דערשיינען ניט נאָר אין צייטונגען און זשורנאַלן, נאָר אויך אין בוך־פאָרם. אָפטמאָל אויך אין עטלעכע איבערזעצונגען פון פאַרשיידענע באַדייטנדיקע דיכטער.

אַדאַנק מאָריס ראָזענפעלדס שאָפּ־לידער, אָדער לידער פון געטאָ, ווי מען האָט זיי דעמאָלט אָנגערופן, האָט די ברייטע וועלט פון יענער צייט זיך דערוואוסט, אַז יידן באַזיצן אַ גרויסע אַרבעטערשאַפט, וואָס איז באַזעלט פון סאָציאַלע אידעאַלן; אַז די יידן האָבן אַן אייגענע קולטור־שפּראַך — יידיש — אין וועלכער עס זיינען געשריבן זאַכן, וואָס זיינען אַ צירונג פאַר דער וועלט־ליטעראַטור!

***

מאָריס ראָזענפעלד האָט פאַר זיין אָנקומען אין אַמעריקע, אין 1886, שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ היפּש ביסל אין זיין יונגן לעבן. ניט אַלע מאָל איז ער געווען דער „פּראָסטער" אַרבעטער, וואָס ער האָט אויסגעזען ביי זיין אָנקור־מען אין ניו־יאָרק. ער פלעגט זעלטן רעדן מיט מיר וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט אין איראָפּע. זיינע שמועסן מיט מיר זיינען דאָס רוב געווען איבער יהודה הלוי און היינריך היינע, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר זיינע מייסטער. זיין פרוי, בעסי (אָסנע ביילע) האָט מיר אָבער אַמאָל דערציילט געטרײַ און אויספירלעך פון זייער לעבן. זיי זיינען ביידע געווען לאַנדסלייט און זיך געקענט פון קינדוויי אויף, זינט זיינע עלטערן האָבן זיך אַריינגעקליבן פון דאָרף באָקשאָ (דריי מייל פון סעני) קיין סוואַלק (ליטע).

זי האָט אים געקענט אַלס אַלטערל אפרימס. זיין אָריגינעלער נאָמען איז געווען משה יאַנקל, נאָר זיינע עלטערן האָבן אים פאַרצויגן אויף „אַלטערל". זיי האָבן אים געצערטלט ווי אַ בן־יחיד. זיי האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן. ער איז געווען אַ לערנער, אַ וואוילקענער, אַ מושלם. ער האָט געהאַט אַ ברוינעם פנים מיט שוואַרצע אויגן — „צווי שטיקער פייער". זיינע פּעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר האָבן, לויט בעסיס שילדערונגען, אים געגעבן „טויזנט חנען". לויט ווי זי האָט מיר דערציילט, האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק לידער פון אליקום צונזער, מיכל גאָרדאָן, אברהם גאָלדפאַדען און אַנדערע. ער פלעגט זיי זינגען „אַזוי שיין און זיס, און מיט אַזוי פיל נשמה, אַז דאָס האַרץ פלעגט צעגיין פאַר נחת". ער איז געווען פול מיט לעבן, ער האָט אַריינגעבראַכט פריילעכקייט און געלעכטער אין יעדער געזעלשאַפט וואו ער איז נאָר געקומען. ער איז געווען לוסטיק און וויציק און געהאַט שפּאַסיקע איינפאַלן אָן אַ שיעור.

נאָך זייער חתונה זיינען זיי אַ געוויסע צייט געווען ביי זיינע עלטערן אויף קעסט. „אַלטערל" איז געזעסן אין בית־מדרש ביים בלאַט גמרא און פאַרשאַפט

די עלטערן „נחת און גדולה". גלייכצייטיק האָט ער אויך געלייענט ביכער אין דייטש און העברייאיש.

אין עלטער פון 20 יאָר, שוין זייענדיק אַ טאַטע פון אַ קינד, וואַנדערט ער אויס קיין אַמעריקע. ער קומט צוריק פון דאָרטן אַנטוישט. ער קאָן שוין אָבער אויך ניט בלייבן מער אין סואַוואַלק. זיינע עלטערן וואַנדערן אויס קיין לאָנדאָן, פאָרט אויך ראָזענפעלד אַהין אַוועק, וואו ער ווערט אַ שניידער אין אַ סוועט־שאַפּ. זיין שיינע ביילקע בלייבט אין סואַוואַלק. עס דויערט אַ לאַנגע צייט ביז ער נעמט זי אַרויס מיט זייערע צוויי קינדער קיין לאָנדאָן. זי געפינט דאָרט ניט מער דעם שיינעם שטאָלצן „אַלטערל" פון זייער יוגנט, נאָר אַ פאַרדאגהטן, פאַרחושכטן סוועט־שאַפּ־אַרבעטער מאָרים.

ניט געקוקט אויף זיינע גרויסע ליידן אין לאָנדאָן, האָט אָבער מאָרים ראָזענפעלד געפונען אַזוינס, וואָס האָט אים דערמוטיקט און געשטאַרקט — דעם אידעאַל פון אַ בעסערער און שענערער וועלט. ער און ביילקע, וועלכע הייסט אין לאָנדאָן בעסי, זיינען געווען איבערגעגעבענע לייענער פון דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינט". די נויט אין לאָנדאָן, איז געווען ניט צו דערטראָגן און מאָרים מוז זיך ווידער אַוועקלאָזן איבערן ים זוכן „אַמעריקאַנער גליקן". אין ניו־יאָרק קומט ער שוין אַ טרייער יוניאָן־מאַן. ער שליסט זיך אָן אין דעם פאַראיין „ריטער דער פרייהייט", וואָס שיקט אָפט הילף דעם „אַרבעטער־פריינט" אין לאָנדאָן.

די אַרבעט אין ניו־יאָרקער סוועט־שאַפּ איז געווען איבער ראָזענפעלדס כוחות. פינף אַזייגער באַגינען פלעגט ער אַוועק אין שאַפּ און פלעגט קומען צוריק אַהיים שפּעט ביינאַכט.

זיין האַרציק ליד „מיין ייִנגעלע" האָט ער ניט געשאַפן פון דער פאַנטאַזיע. ער אַליין איז געווען דער עלנטער פרעסער, וועמעס טרער עס פאַלט אויפן הייסן פרעס־אייזן. ער איז אויך געווען דער „בלייכער אַפּרייטער", וועמעס טרויעריק לעבן ער האָט באַוויינט. אַ שטיק פון זיין אייגן לעבן איז אויך זיין ליד, אין וועלכן ער שילדערט זיין אָרעם הויזגעזינט. זיין פאַרצווייפלונג: וואָס וועט זיין מיט זיין ווייב און קינד, אויב ער „זאָל מיט איין מאָל ניט ווערן" — „ווער וועט זיי ביידע ערנערן?" ער דערציילט דאָרט אין יענעם ליד, אַז ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף קומט אים אויס ווידער צו שלעפּן זיינע „פאַרמאַטערטע גלידער" צוריק אין דער „דומפּיקער שאַפּ". נאָר באַלד האָט ער דאָס אויך ניט געקאָנט. ער איז געוואָרן קראַנק, געמוזט אויפהערן אַרבעטן, און זיין פרוי, פון דער היים אַ פאַרוק־מאַכערין, און אין ניו־יאָרק אַ שאַפּ־אַרבעטערין, האָט געמוזט פאַרזאָרגן דאָס הויז און דעם „אָרעמען קראַנקן מאַן".

פילנדיק אַליין זיין ווערט אַלס דיכטער, פּרואווט דער קראַנקער אַרבעטער אָפּדרוקן אַ פּאָר העפטלעך לידער. ער זינגט זיי און דעקלאַמירט זיי ביי מיטינגען און אונטערנעמונגען. ער פאַרלאַנגט דערפאַר בלויז מען זאָל קויפן זיינס אַ ביכל. ער פּרואווט אויך אַרויסגעבן הומאָריסטישע זשורנאַלכלעך אַליין, אָדער צוזאַמען מיט שותפים. נאָר אַלע זיינע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען ברענגען אים גאָר ניט אַריין. ער פאַרשולדיקט זיך נאָר אין חובות.

אַ קורצע צייט זעט אויס, אַז מאָריס ראָזענפעלד וועט שוין קאָנען אָנהויבן לעבן פון זיין דיכטונג. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די אַמעריקאַנער ליי־טעראַטור־קריטיק האָט אים אָנערקענט פאַר אַ וועלט־דיכטער און די ציוויליזירטע וועלט האָט צוגעשטימט דערצו. נאָר די אַלע גליקן האָבן לאַנג ניט געדויערט. די אַסימילירטע יידישע אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט אויך אַ געוויסע צייט שטאָל־צירט מיט דעם גרויסן יידישן דיכטער, וואָס די וועלט אָנערקענט, האָט אָבער ניט געקאָנט בייקומען איר גרינגשעצונג צו דער שפּראַך און קולטור פון די ברייטע יידישע מאַסן. די דאָזיקע וואוילהאָבנדיקע יידן האָבן געוואָלט באַזאָרגן דעם יידישן אַרבעטער־דיכטער, ער זאָל זיך, נעבעך, ניט דאַרפן מער אָפּגעבן מיט אַזאַ „מלאכה בזויה", ווי שרייבן אין „זשאַרגאָן". האָבן זיי אים געעפנט אַ „קענדי־סטאָרקע" — אַ קרעמל צו פאַרקויפן צוקערקעס צו קינדער. דער גרויסער דיכטער איז אָבער געווען גאָר אַ קנאַפּער געשעפטסמאַן, בפרט נאָך ווען זיין מוח איז געווען כסדר פאַרנומען מיט פאַרטראַכטן לידער. האָט זיין „געשעפט" זיך שנעל אויס־געשעפּט. ער האָט עס שפּעטער באַזונגען אין אַ דיאַלאָג צווישן אים און דער נויט. ער זאָגט צו איר:

„איך מאַך קיין גראַמען מער. אַ מערק עס!
איך האַנדל טאַבאַק און צוקערקעס.
עס אי מיר זיס, עס איז מיר ביטער:
איך בין קיין סוחר קיין געניטער,
דאָך פינקטלעך און אַ גוטער צאָלער,
לעב רעכט און שלעכט און שפּאָר אַ דאָלער."

און די נויט ענטפערט אים:

„און שרייבסטו ניט, דאַן וועסטו שרייבן:
וועסט, פריינט, קיין קרעמער ניט פאַרבלייבן;
איך קען זיי גוט, אַ די געדיכטן;
דו וועסט נאָך ליידן, וועסט נאָך דיכטן."

צוריק אין שאַפּ איז מאָריס ראָזענפעלד שוין ניט מער געגאַנגען. ער איז געוואָרן אַ צייטונגסמאַן. דער בייט פון שאַפּ אויף דער רעדאַקציע איז פאַר אים געוואָרן אַ „שרעקלעכע רעאַקציע". ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ „פעדער־קנעכט" און געיאָמערט, אַז ער מוז „אַליין איצט דינען די פען, וואָס זי האָט פריער ביי אים געדינט". ער האָט ניט געקאָנט מוחל זיין זיין רעדאַקטאָר, פאַרוואָס ער האָט אויסגעמעקט פון די לידער די „שענסטע ווערטער" און אים געהייסן אָנשטאָט דעם געבן בלויז „געגראַמטע ווערטער", און דערקלערט, אַז „די הויפּט־זאַך איז דאָס ביסל זנות, דען ווייטער איז דאָך אַלצדינג שטות". די אַרבעט אין רעדאַקציע איז דאָך געווען פיזיש לייכטער. און האָט דער רעדאַקטאָר אויסגעמעקט ווערטער און שורות אין זיין ליד, האָט ראָזענפעלד זיי צוריק צוגעשריבן אויפן אויסשניט פון דער צייטונג און געהאָפט, אַז ער וועט דאָס ליד נאָך אַמאָל קאָנען פאַרעפנט־לעכן ווי עס איז געשריבן. ער קאָן זיך דעמאָלט אויך אָפּגעבן מיט דער דער־ציאונג פון זיינע קינדער, און איז באַזונדער שטאָלץ אויף זיין גערעטענעם זון,

א פּופּצן־יאָריק בחורל, וואָס האָט אַליין געשריבן לידער אין ענגליש און אויך איבערזעצט זיין באַרימטן פּאָטערס לידער אין אָט דער שפּראַך. נאָר אויך דאָס דאָזיקע גליק האָלט לאַנג ניט אָן. דער שענסטער חלום פון זיין לעבן, זיין דיכטערישער יורש שטאַרבט אַוועק. מאָריס ראָזענפעלדס דריי לידער וועגן זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם איין־איינציקן זון, מאַכן נאָך היינט אַ טיפן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. דער טיף־פילנדיקער דיכטער ברעכט צוזאַמען. ער ווערט טיילווייז פּאַ־ ראַליזירט און איז אין געפאַר צו ווערן בלינד.

.2

אין אָט דער שווערסטער צייט פון זיין לעבן האָב איך זיך מיט אים באַקענט פערזענלעך. צוערשט שריפטלעך, אָנהייב 1906. איך האָב אים דעמאָלט גע־ האַט איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין דעם וואָכנבלאַט „יידישער קעמפער", וואָס האָט אין יענער צייט זיך געגרינדעט אין פילאַדעלפיע אונטער מיין רעדאַקציע. מאָריס ראָזענפעלד האָט מיר געענטפערט מיט אַ לאַנגן בריוו, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט „ברודער־גרוס" און געאָטעמט מיט מענטשן־ליבע. צווישן אַנדערעס שרייבט ער דאָרט אַזוי:

„ייד און אַרבעטער" איז שטענדיק געווען מיין מאָטאָ. אַמאָל האָט מען מיך אָבער ניט פאַרשטאַנען. אין קעגנטייל, מען האָט מיך נאָך געשימפּט און פאַר־ חרמט פאַר מיין „וואַרפן זיך" אין „ביידע זייטן". עס האָט געדויערט אַ פערטל־ יאָרהונדערט ביז די ציל־באַוואוסטע יידישע אַרבעטער, יידישע קעמפער, זיינען געקומען צו מיר". — — — „איך בין שוין געבראָכן אין קערפּער, אָבער מיין גייסט פרייט זיך מיט מיין זיג". — — — „זעט אייער בלאַט זאָל זיין ליטעראַריש און ריין פון פערזענלעכקייט".

מחמת זיין קראַנקהייט זיינען זיינע שפּעטערדיקע בריוו צו מיר צוערשט גע־ שריבן מיט דער לינקער האַנט. ער קלאָגט זיך דעמאָלט, וואָס „פון די אַלע אומגעלומפּערטע געשרייען אין די יידישע בלעטער וועגן הילף" פאַר אים, האָט ער „אויסער חרפּה קיין זאַך ניט געזען". די שטיצע פון יחידים איז אים געווען דערווידער. ער האָט געוואָלט, אַז בלויז אָרגאַניזאַציעס זאָלן פאַר אים וואָס אונ־ טערנעמען. ווען איך האָב עס ניט פאַרשטאַנען, האָט ער עס מיר צוריקגעצאָלט דורך אַ מתנה — די דייטשישע איבערזעצונג פון זיינע לידער דורך בערטאָלד פייוועל, רייך אילוסטרירט פון אפרים משה ליליען. אַזוי צאַרט־פילנדיק איז געווען דער דיכטער, וועמען ניט־פאַרגינער האָבן געשטעמפּלט פאַר אַ שנאָרער.

די פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט מאָריס ראָזענפעלדן, נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, האָט ניט געענדערט מיין ערשטן גוטן איינדרוק וועגן אים. זיין טריאומף־רייזע אין אייראָפּע, דער פאַלשער קלאַנג וועגן זיין טויט און די שבחים־פולע הספדים איבער אים, וועלכע ער האָט זוכה געווען צו לייענען ביי זיין לעבן, האָט מאָריס ראָזענפעלדן ניט פאַרדרייט דעם קאָפּ. כ'האָב אים געטראָפן דעם זעלבן באַשיידענעם און דאַנקבאַרן מענטשן וואָס פריער.

זיין פופציק־יאָריקער יובילײ, וואָס איז געפייערט געוואָרן אין אַ סך שטעט אין

אַמעריקע, האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. עס האָט פון אים געאָטעמט מיט אינערלעכער פרייד און ברייט־האַרציקער מענטשן־ליבע. די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן וויזן אים דעמאָלט אַרויס אַ סך ליבע און פּאַרערונג. זיינע לעצטע דריי בענד „געוויילטע שריפטן" (בענד 7, 8, 9) ווערן דאַן אַנגעבאָטן פון „פאָר־ווערטס" צו אַ רעדוצירטן פּרייז, זיינען געשטאַנען מאַסן יידן אין רייען און אויס־געקויפט אין אַ פּאָר טעג די פיל טויזנטער עקזעמפּליאַרן. ס'איז ווערט צו דער־מאָנען, אַז ווען עס איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון ראָזענפעלדס לידער מיט יאָרן פריער, איז אויך אין אַ קורצער צייט אויספאַרקויפט געוואָרן די גאַנצע אויסגאַבע, כאָטש אַ דאָלער אַ בוך איז דעמאָלט (אין 1904) געווען איבער די מיטלען פון זיינע לייענער, צום גרעסטן טייל שאָפּ־אַרבעטער.

זיין פיזישע און גייסטיקע לאַגע פאַרערגערט זיך דורך זיין ווערן אַרויס־געשטויסן פון „פאָרווערטס", וואָס איז דעמאָלט געווען די איינציקע יידישע אַרבע־טער־צייטונג אין ניו־יאָרק. ער מוז אָנקומען אַרבעטן אין אַ פרעמדער באַלעבאַ־טישער סביבה און ער ווערט דורך דעם אָפּגעריסן פון זיינע אַרבעטער־קרייזן. דאָס דריקט אויף אים זייער שטאַרק, ער פילט זיך ווי אין אַ שטייג. ער איז כסדר פאַרביטערט. ער הערט אויף צו שאַפן נייס. באַלד ברעכט ער אויך צוזאַמען פיזיש (ער שטאַרבט דעם 22טן יוני, 1923).

איצט איז מאָריס ראָזענפעלדס חשובער פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור פעסט עטאַבלירט. ניטאָ אויך מער קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן וועגן זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם פּיאָנערישן יידישן אַרבעטער־ליד, פון וועלכן ער, מאָריס ראָזענפעלד, איז דער באַדייטנדיקסטער פאַרשטייער.

3.

אין זיינע רייזע־בילדער באַשרייבט מאָריס ראָזענפעלד דעם אַלטן בית־עולם פון פּראַג:

„אויף איין מצבה — שרייבט מאָריס ראָזענפעלד — איז געשטאַנען אויס־געהאַקט אַ שניידערשע שער, און אין די קוים־קוים לעזבאַרע שורות האָט מען נאָך געקאָנט זען די ווערטער 'החייט... הצדיק... הגדול'. איך האָב זיך ביי דעם דאָזיקן קבר אָפּגעשטעלט און האָב לאַנג געקוקט און געטראַכט, הלוואי שטעלט מען מיר אויך אַזאַ מצבה, נאָר לעבן דער שער זאָל נאָך ליגן אַ פעדער!..."

מאָריס ראָזענפעלד איז דעמאָלט שוין געווען וועלט־באַרימט. זיין רייזע קיין אייראָפּע איז געווען אַ טריאומף־צוג פון אַ וועלט־דיכטער. ער איז אַרויס־געפאָרן פון אַמעריקע האַלב־פּאַראַליזירט און אין געפאַר צו ווערן שטאָק־בלינד. נאָר קומענדיק אין אייראָפּע, וואו ער האָט געזוכט היילונג פאַר זיין קראַנקן קער־פער, איז ער אויפגענומען געוואָרן ווי אַ העלדישער זיגער. ראָזענפעלד־אָוונטן זיינען אַראַנזשירט געוואָרן אין אונגאַרן, באָסניע, בוקאָווינע, בעמען, גאַליציע, דייטשלאַנד און עסטרייך. ס'זיינען אים געקומען ערן באַרימטע אייראָפּייאישע קינסטלער און געלערנטע. ער האָט געהערט דעקלאַמירן און זינגען זיינע לידער אין אונגאַריש, דייטש, טשעכיש, פּויליש, קראָאַטיש, רומעניש און שפּאַניש. ביי זיין ערשטן אויפטריט אין ווין, אינעם איבערגעפּאַקטן זאַל פון קאָנסערוואַטאָריום,

וואו מאָריס ראָזענפעלד האָט געלייענט זיינע לידער אין יידיש, איז געווען פאַר־טראַכטן ניט בלויז די קונסט און וויסנשאַפט, נאָר אויך די פינאַנץ (די ראָטשילדס און אַנדערע מיליאָנערן) און די אַרמיי. דאָך האָט זיך מאָריס ראָזענפעלד קיין רגע ניט פאַרגעסן, אַז ער געהערט צו דער אַרבעטער־משפּחה, זיין אַמביציע איז געווען, אַז צוזאַמען מיט זיין פעדער זאָל מען אויך דערמאָנען זיין שער...

***

מאָריס ראָזענפעלד האָט געוואוסט, אַז ער באַזיצט אַ וואולקאַנישע קראַפט. ער האָט פון זיך געזונגען: „מיין ליד האָט זיך ווי לאַוואַ דורכגעבראָכן". נאָר מאָריס ראָזענפעלדן איז אויך ניט פרעמד געווען די שטילע, צאַרטע ליריק, וואָס גיט איבער די אינטימסטע באַוועגונגען פון דער נשמה. ס'איז גענוג דורכצולייענען עט־לעכע פון זיינע לירישע לידער, דאָס איינצוזען. למשל:

„ביי דעם שטילן האָדסאָן קלאָג איך
מיינע אייביקע יסורים.
האָדסאָן, שטילער האָדסאָן, זאָג איך,
ווי דיין וואַסער אָן דיבורים
רעדט צו מיר דורך יעדע וועלע,
וועלכע קומט און ווערט פאַרשוואונדן,
ניט אַ רויש און פליסט אַוועק —
פּונקט אַזוי אַ רעדט מיין זעלע
רק צו מיר דורך נייע וואונדן,
נייע וויען, נייע שרעק."

דער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד האָט געוואוסט און אויך דערקלערט, אַז ער קומט גאָר פון אַן אַנדער וועלט, פון „אַ שענער, בעסער לאַנד", וואו ער גייט אַרום און חלומט חלומות. ער דערציילט אויך, אַז אין זיין יוגנט האָט אים זיין מוזע געפירט צום געזאַנג איבער מאַי און איבער בלומען, „פרייד איז דורך דער לופט געשוואומען" און באַגריסט זיין ערשטן „גאַנג".

„איבער מיר גאָלד'נע שטראַלן,
מיר אַרום דער גרינער וואַלד,
וואו מיין בליק נאָר איז געפאַלן,
האָט געגרינט, געבליט, געשטראַלט.

און אין מיטן די קאַפעליע
האָט געטרעלערט און געשפּילט,
און אין מיטן פון מיין זעלע
האָב איך פרישן גליק דערפילט."

נאָך יענע צייט, ווען מאָריס ראָזענפעלד האָט „אומשולדיק געזונגען ווי אַ פויגל אויפן בוים", איז גיך פאַרביי. שוין אין פרילינג 1889 האָט מאָריס ראָזענ־פעלד, אין זיין ליד צו די פּאָעטן, אויסגערופן:

„דיכטער! גענוג אייך פאַנטאַזירן,
הערט אויף אין דער לופטן צו שוועבן,

פּרוּווט זיך בעסער אינטערעסירן
אין דעם מאַטעריעלן לעבן. —

לאָזט צורו די רויזן, די ליליען,
די שמעטערלינגע, די נאַכטיגאַלן,
זאָל די בלום דופטן, די פויגל שפּילן,
באַזינגט אונדזער נויט, אונדזערע קוואַלן *)..."

אַט אַזוי האָט דער אַרבעטער אין ראָזענפעלדן געגעבן זיין ליריק אַן אַנדער ווענדונג. אַנשטאָט צו זינגען פון „הימלס העכסטע פריידן", איז ראָזענפעלד געוואָרן דער דיכטער פון ערדס טיפסטעליידן...

***

מאָריס ראָזענפעלד איז געבליבן אַ ליריקער אויך אין זיינע אַרבעטער-לידער. ער איז ניט געווען קיין דרויסנדיקער וועקער, ניט קיין מיטפילנדיקער באַוויינער. ער איז אַליין געווען דער העלד פון זיינע לידער. ער האָט באַוויינט זיין אייגענעם שיקזאַל אין דעם „סוועט-שאָפּ". ער האָט געשאָלטן דעם „באָס" מיט „טויטע קללות", געבענקט צו דער שיינער נאַטור און געחלומט פון אַ שענערן, בעסערן לעבן. די אַרבעטער האָבן באַלד דערפילט, אַז ראָזענפעלדס געוויין, קללות, בענקשאַפט און חלומות זיינען די זייעריקע. האָבן זיי אָנערקענט זיין ליד, עס דעקלאַמירט און געזונגען נאָך איידער דער ליטעראַטור-טעמפּל האָט זיך פאַר אים געעפנט.

מאָריס ראָזענפעלד האָט אַלע מאָל געהאַלטן, אַז זיין ליד איז אַ פּראָדוקט פון שאָפּ. ווען ער האָט דערהערט אין זיין האַרצן אַ באַדויערן, וואָס ער האָט פאַרלאָרן זיין יוגנט אין שאָפּ, האָט ער זיך אַליין געענטפערט:

„דאָך ניט זיך גאָר אומזיסט געקוועלט.
כ'האָב דעם אַרבעטערס יאָך,
זיין לייד און זיין בראָך,
פאַרמסרט פאַר דער גאַנצער וועלט."

דאָס איז ניט געווען קיין מליצה. מאָריס ראָזענפעלדס אַרבעטער-ליד, איבערזעצט אין די מערסטע קולטור-שפּראַכן, האָט ווירקלעך „פאַרמסרט" דעם אַמעריקאַנעם „סוועט-שאָפּ" פאַר דער גאַנצער וועלט. אמת, די וועלט, וואָס האָט באַוואונדערט זיין ליד אין די רייכע סאַלאָנען, האָט ניט אָפּגעשאַפט די אַמעריקאַנער שוויץ-סיסטעם. דאָס האָבן געטאָן זיינע אָרעמע שאָפּ-חברים, די „העלדן פון די שער און אייזן". האָט דער אַרבעטער-דיכטער טאַקע שטאַרק שטאָלצירט מיט זיי און זיי געבליבן טריי ביז צו זיין לעצטער מינוט.

4.

דער „סוועט-שאָפּ" איז פאַרשוואונדן. דאָס אַרבעטער-לעבן איז געוואָרן אַ ביסל גרינגער. מאָריס ראָזענפעלד אַליין איז, אַדאַנק זיין וועלט-באַרימטקייט, איבערגעגאַנגען פון שאָפּ צו דער רעדאַקציע, פון שער צו דער פען. נאָר ער האָט

*) ליידן.

וויניק נחת געהאַט פון אַט דעם בייט. ער האָט אויסגעפונען, אַז אַ פעדער־קנעכט איז נאָך ערגער ווי דער „שקלאַף אין ווערקשטאַטס העלע"... אַז פאַר־דינגען די שער... דער „באָס" פון דער „שרייבמאַשינע" איז געווען נאָך ערגער ווי יענער פון שאָפ. דער שונד־רעדאַקטאָר פלעגט דעם דיכטער הייסן „מיסט און בלאָטע גראָבן פאַר זיינע לעזער זיך צו לאָבן"... גאָר אָפט האָט דער דיכטער געוואונטשן צו ווערן באַפרייט פון אָט דער „שענדלעכער מלאכה", כאָטש אַ יאָר בעפאָר זיין שטאַרבן...

נאָר ווינטשנדיק, צייטנווייז, צוריק זיין שער, האָט דאָך ראָזענפעלד געזען, אַז זיינע שער־חברים האָבן נאָך ווייט ניט געזיגט.

„זיי קריגן שוין אַ ביסל מער שכירות,
זיי וואוינען שוין אין עטוואָס בעס'רע דירות,
זיי דאַרפן שוין דאָס לעבן מער ניט פלוכן,
האָבן שוין נאָך אַ הערינג, נאָך אַ קוכן,

אַ בעס'רן מאַנטל שוין און בעסערע הויזן,
דאָך טרעטן זיי נאָך אַלץ ניט אויף קיין רויזן,
באַקומען ניט דעם ווערט פון זייער שאַפן,
זיי זיינען בלויז אָרגאַניזירטע שקלאַפן."

דערביי פאַרצווייפלט ניט דער אַלטער אַרבעטער־דיכטער. ער איז איבער־צייגט, אַז „דאָס וועט אַלץ נאָר אַזוי לאַנג געווערן, ביז די, וואָס שאַפן, וועלן זיך באַקלערן, און די, וואָס זיי באַרויבן און פאַרשעמען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל שטרענג צום חשבון נעמען.

און ווען מ'האָט ראָזענפעלדן פאַרגעוואָרפן פאַר וואָס ער האַלט כסדר אין וויי־נען, האָט ער געענטפערט, אַז די צייט, ווען ער „וואָלט העל געלאַכט", האָט ער פאַרלאָרן אין שאָפ, אין דער „שקלאַפן־נאַכט"... און כאָטש ער שאַפט שוין איצט „אַלס שרייבער, ניט אַלס שטעפער", דאָך שווימט נאָך אום אין זיין בלוט „דער אומעט פון די שעפער". נאָכמער, גראָד איצטער, ווען ער איז „שוין אַנטשוויגן, שטום" — זעט ער „זיך אַרום", אַז „יענער אַלטער ווייטיק רעדט און קרעכצט, און רופט און בעט":

„וואָס שווייגסט דו אויף מיין גרויסן בראָך?
איך דויער נאָך, איך דויער נאָך."

מאָריס ראָזענפעלד האָט געהאַלטן, אַז די צייט האָט אים אָפגעקילט, אַז ער זינגט און זיין האַרפע שפּילט,

„נאָר ניט דעם זעלבן ניגון;
ניטאָ, עס פעלט דער ערשטער ברען,
איך זוך, איך אַקער און איך קען
אים מער צוריק ניט קריגן."

דאָך, קוים זיינען נאָר די „העלדן פון די שער און אייזן" אַרויס אין קאַמף, אַזוי האָט דער אַלטער אַרבעטער־דיכטער ווידער געקראָגן דעם „ערשטן ברען" און אויפגעשפּילט „דעם זעלבן ניגון", וואָס אין זיין יוגנט. פּען און שער ווערן דאַן ביי אים ווידער איינס און ער שניידט מיט זיי שאַרף און טיף...

***

שער און אײזן זײנען פאַר מאָריס ראָזענפעלדן ניט קײן שטומע באַשעפענישן. רירט ער זײ אָן מיט זײן צויבער־פען, אַזױ הײבן זײ אָן צו רעדן. און גײען אַרױס די אַרבעטער אין סטרײק, אַזױ לאָזט זײ מאָריס ראָזענפעלד הערן, װאָס זײערע געצײג האָבן װעגן דעם צו זאָגן:

„עס רעדט די שער: "איך קאָן ניט לײדן
װאָס אײער האַנט איז ניט געקרעפטיקט,
װען איר האָט ניט קײן מאַכט צו שנײדן...
װען איר זײט לעבן מיר באַשעפטיקט."

קײן װאונדער, װאָס מאָריס ראָזענפעלד האָט נאָך יאָרן אַרבעט מיט דער פען דאָך שטאָלצירט מיט זײנע „אַלטע געצײג"... ער האָט געזונגען:

„נאָך ליגט בײ מיר די אַלטע שער
מיט װעלכער איך פלעג שנײדן,
װען איך פלעג שקלאַפן נאָכאַנאַנד,
װען איך פלעג הונגער לײדן."

און אַזױ אױסרעכענענדיק אַלע זײנע „אַלטע געצײג", פירט ראָזענפעלד אױס, אַז זײ האָבן אים צופיל געקאָסט ער זאָל מיט זײ זיך שײדן, אױך נוצן זײ אים, װען ער דאַרף אָפט עמעצן „באַקלײדן"...

די פען און די שער גײען בײ מאָריס ראָזענפעלדן האַנט אין האַנט. בײדע קאָנען זײן קײטן צו פאַרשקלאַפן און בײדע קאָנען אױך זײן געצײג פון באַפרײען. האָט מאָריס ראָזענפעלד אױך אין זײן העכסטן גלאַנץ ניט געקאָנט פאַרגעסן זײן שער און אײזן. ער דערצײלט אין זײן ליד „די שאַפּ", אַז ער געדענקט ניט מער זײן אַלטע הײם װאו ער איז געבוירן, אַז ער שענקט אױך ניט „דעם מינדסטן קלער די ליבסטע פון די יונגע יאָרן". ער געדענקט נאָר דעם שאַפּ, װײל ער האָט אים „צופיל געצאָלט". קוים קומט אים דער שאַפּ אױף דעם זין, דערשײנט אים „יעדער באָס אַ שפין", װאָס „פאַנגט און זױגט די אָר׳מע פליגן".

און אַזױ טראַכטנדיק פון שאַפּ פלעגט זיך דער אַלטער אַרבעטער־דיכטער אָפט פאַרבענקען נאָך זײנע חברים פון שער און אײזן. נאָר, האָט ער געקלאָגט,

„איך טרעף קײן אײנציקן פון זײ
מיט מיר, װאָס האָבן געשקלאַפט,
זײ זײנען אַלע טױט שױן, װײ!
זײ זײנען שױן אָפּגעשאַפט."

ער האָט געפילט, אַז אױך ער, דער „פעדער־שקלאַף", װעט זײנע שאַפּ־חברים לאַנג ניט איבערלעבן. בלױז אײן אונטערשײד האָט ער געזען. ער האָט גע־פילט, אַז כאָטש ער איז בײ זײן לעבן פאַרגעסן געװאָרן, איז ער דאָך אומשטערבלעך.

„דען אַלץ, װאָס איז געזונט, דאָס זע איך בלײבן.
עס קאָן אין װעקסלס לאַנגן שטרײט
דאָס קראַנקע נאָר, דאָס פױלע זיך צערײבן.
דאָס געזונטע — מיט אַ נײע לײב באַלײבן
און שטענדיק װידערשטײן די צײט."

.1929

ראובן ברײַנין

מײַן באַגעגעניש מיט מאָריס ראָזענפעלד

1.

דעם אמת געזאָגט, בין איך ניט קיין גרויסער למדן אין דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור. איך זאָג דאָס און שעם זיך דערמיט, ווײַל איך רעכן, דאָס יעדער העברייִשער שריפטשטעלער, יעדער פרײַנט פון אונדזער המון־עם איז מחויב צו וויסן און צו לעזן אַלץ, וואָס ווערט געשריבן פאַר אונדזער פאָלק אין זײַן גלות־שפּראַך. אונדזער מיינונג איבער דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור קאָן זײַן וועלכע זי איז, אָבער צומאַכן די אויגן און ניט וויסן, וואָס דאָרט גייט פאָר, ווי און וואָס עס ווערט דאָרטן געאַרבעט, געשאַפן, געזונגען, געקלאָגט, געלאַכט און דערציילט איז דאָך אַ גרויסע זינד.

צו מײַן פאַרענטפערונג קאָן איך נאָר זאָגן, אַז איך בין מער ווי 10 יאָר פון רוסלאַנד, און עס איז מיר אוממעגלעך צו באַקומען יידישע ביכלעך. דאָ איז דאָס אַ יקר־המציאות. די ביכלעך אין זשאַרגאָן, וועלכע מען שיקט מיר צו פון אַמעריקע און פון דער שווייץ, זײַנען גאָר פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט. דעם יידישן גייסט, דאָס יידישע לעבן, די יידישע וועלט, די יידישע צרות און יסורים, יידישע ווערטלעך און בילדער קאָן מען אין זיי ניט געפינען. און אַזוי ווערט מען ביסלעכווייז, לײַדער, דערווייטערט פון מאַמע־לשון. אונדזער מאַמע־לשון איז אַפילו זייער אָרעם, האָט אַפילו פיל חסרונות און איז אונדז צו ענג פאַר אונדזערע נײַע געדאַנקען און נײַע געפילן, אָבער דאָך מאַמע־לשון, און דער לשון פון מיליאָנען אָרעמע, אומגליקלעכע ברידער.

און ווי שטאַרק האָב איך זיך געשעמט, ווען ישראל זאַנגוויל, דער גרויסער דערציילער פון יידישן לעבן אין דער ענגלישער שפּראַך, האָט מיך, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אויפמערקזאַם געמאַכט אויף מאָריס ראָזענפעלדן, און איך האָב ניט געוואוסט ווער ער איז. אין אַ קורצער צײַט נאָך דעם געשפּרעך מיט זאַנגווילן איז דערשינען אַן ענגלישע איבערזעצונג פון ראָזענפעלדס לידער. די ענגלישע צײַטונגען האָבן פיל אַרטיקלען דעריבער געשריבן און זיי זייער שטאַרק געלויבט. די אַמעריקאַנישע צײַטונגען האָבן ראָזענפעלדס נאָמען געהויבן ביז אין הימל. איך האָב אויך זיך דערוואוסט, אַז בערטהאָלד פייוועל, דער רעדאַקטאָר פון דער „וועלט״, גרייט־פאַר אַ דײַטשע איבערזעצונג פון ראָזענפעלדס לידער. דאַן האָב איך מיר אָנגעשאַפט ראָזענפעלדס שירים אין אָריגינאַל, אין זשאַרגאָן, איך זאָל קענען אַליין באַאורטיילן זייער ווערט, און ניט גלויבן וואָס אַנדערע זאָגן מיר;

גערשריבן אין 1902, מיר גיבן עס מיט אייניקע פאַרקירצונגען. — רעד.

איך זאָל הערן דעם דיכטער אין זײַן שפּראַך, און ניט ווי זײַנע איבערזעצער ריכטן אים צו.

איך האָב דורכגעלעזן ראָזענפּעלדס זשאַרגאָן־לידער און בין געווען אַנטציקט. איך האָב געפונען אין זיי הייסע געפילן, אַ יידישע, טיף־פּאָעטישע נשמה, געזונטע געדאַנקען, אַ רײַכע שפּראַך, גלענצנדע בילדער און אַ ברידערלעכע ריינע ליבע צו אַלע אָרעמע און אומגליקלעכע, צו אַלע דערנידעריקטע און פאַרפאָלגטע. וויפל פאַרשטענדעניש האָט אונדזער פּאָעט פאַר אַלע ביטערקייטן פון גלות. ער באַקלאָגט די גערעכטיקייט, וואָס ווערט צעטראָטן אונטער די פיס. ער באַקלאָגט די שיינקייט, וואָס ווערט דערשטיקט, די יוגנט, וועלכע ווערט פאַרוועלקט. אַך, ווי ער ליבט די פרייהייט, די מענטשן־ערע, דעם בלויען הימל, די שיינע בלומען, דעם שטרייט פאַר דעם אמת! אַך, ווי ער האָסט די מאַשין אין אַמעריקע, וועלכע האָט געמאַכט זײַנע אָרעמע ברידער פון רוסלאַנד פאַר קנעכט; די מאַשין, וועלכע זויגט אונדזער בלוט, אונדזער מאַרך און וועלכע מאַכט מענטשן פאַר סקעלעטן, פאַר ציפער, פאַר אירע דינער, אויך פאַר מאַשינען.

וואָס מער איך האָב געלעזן זײַנע לידער, האָב איך מער באַוואונדערט זײַן קונסט. אַלץ קלינגט און זינגט; עס גייט טיף אין האַרצן. יעדעס ליד ציט. צופּט און רײַסט־אויף אונדזערע אַלטע וואונדן, אָדער אויך די נײַע פריש־געבאַקענע וואונדן אין האַרצן. אָבער גלײַך מיט די שמערצן ברענגען זיי באַלזאַם, פאַרגעניגן און טרייסט, ווי יעדעס קונסט־ווערק. עס ווערט, דאַכט זיך, גרינגער אויפן האַרצן, ווען מען לייענט ראָזענפעלדס געדיכטן; די טרערן קומען ווי אַ גאולה. ראָזענפעלד איז אַ דיכטער, וואָס האָט אַליין געליטן פון קינדווייז־אָן גלות־צרות. ער אַליין איז געווען פאַרוואָגלט, נע־ונד און ער אַליין איז געווען געקנעכטעט פון דער ניי־מאַשין. ער זינגט וואָס ער האָט איבערגעלעבט; ער גיט דאָס וואָס ער האָט. ער האָט אָבער אויך שוין פאַרזוכט די פרייהייט אין דער נייער וועלט און דאָס שפּירט מען אין אַלע זײַנע בעסערע געדיכטן.

מ. ראָזענפעלד איז אַ מאָדערנער, ד. ה., אַ היינטוועלטיקער מענטש און דאַרום פילט ער טיף די אַלע אומגערעכטיקייטן, וואָס אונדזער איינער פילט, דאַרום זוכט ער זײַן „איך", דאַרום איז אים אַזוי טייער, אַזוי ליב די זעלבשטענדיקייט, דאַרום איז ער אַזוי מאַט און מיד און זוכט רו, גליק, טרייסט ביי דער מוטער־נאַטור. ער איז אָבער צו גלײַכער צייט אַ מאָדערנער ייד, און דאַרום פילט ער אַזוי שטאַרק די ביטערקייט פון גלות און רײַסט זיך נאָך אונדזער אַלטן פאָטערלאַנד, דאַרום פילט ער אַזוי שמערצלעך די באַזונדערע יידישע צרות. ער איז דורך־און־דורך מענטש און דורך־און־דורך ייד און דערצו — דער עכטער, געבוירענער פּאָעט, אַ פאָלקס־דיכטער, ער לעבט און לײַדט, האָפט און שטרעבט צוזאַמען מיט זײַנע ברידער.

ווער קאָן פאַרגעסן זײַן מייסטער־ליד „דער יידישער מאַי", וואָס איז געדרוקט אין דעם „יוד" פון יאָר 1899. אין דעם ליד זעען מיר אונדזער געליבטן פּאָעט אין זײַן פולן גלאַנץ און פּראַכט, אין זײַנע יום־טוב־קליידער; מיר הערן זײַנע האַרץ־רײַסנדע זיפצן און די שענסטע מעלאָדיען פון זײַן צאַרטער, פײַנפילנדער

האַרפֿע. אָך, װי שײן ער מאָלט די נאַטור, און װי טיף איז זײַן טרױער װאָס דער ייִד גענייסט זי ניט, און קאָן זי ניט געניסן, ער קאָן פֿון איר גאָר קײן הנאה האָבן; זי איז ניט זײַנע, זי איז אים אַ שטיף־מוטער.

דער פּאָעט שילדערט מיט העלע פֿאַרבן, מיט ברײטע שטריכן, װי שײן עס איז געװען אַמאָל דער ייִדישער מאַי אין זײַן אײגענעם לאַנד. דאָרטן, אין זײַן לאַנד, האָט דער ייִד אַמאָל „פֿון אַ װאונדערלעכער פֿידל אױסגעקװעטשט די שענסטע לידער". אָבער איצט:

אױף אַ װערבע בױם אַ שטומע,
הענגט דער חלום פֿון מײַן אומה...

װאָס פֿאַר אַ טרױעריק בילד, װי שטאַרק דאָס װירקט, װאָס פֿאַר אַ קראַפֿט און אָריגינאַליטעט עס ליגט אין דעם לעצטן פֿערז. נײן, אַזאַ פֿערז קאָן מען קײנמאָל, לעבן־לאַנג, ניט פֿאַרגעסן. ער גראָבט זיך אײַן טיף אין זכרון, ער איז שטענדיק אין די אױערן, ער פֿאַרפֿאָלגט װי אַ געשפּענסט. שױן באַלד דרײַ יאָר, װי איך האָב געלײענט אין דעם „יוד" דעם „ייִדישן מאַי", און דער פֿערז פֿאַרפֿאָלגט מיך. איך זיץ אין אָפּערע־טעאַטער און הער װאַגנערס מוזיק, און אין די אױערן ברומט: „אױף אַ װערבע־בױם אַ שטומע, הענגט דער חלום פֿון מײַן אומה..." איך שפּאַציר אין דער בילדער־גאַלעריע, אין טיער־גאָרטן אָדער אין דער שװײץ אױף די אַלפּן, און דער פֿערז לאָזט מיך ניט אָפּ, עפּ ברומט, עס זשומט: „...דער חלום פֿון מײַן אומה..."

דער דיכטער טרײסט אָבער דעם ייִדן, אַז עס קומט פֿאַר אים אַ נײַער מאַי, זאָגט אים צו פֿרידן און רו אין זײַן אַלטן פֿאָטערלאַנד.

מ. ראָזענפֿעלד איז אָבער ניט נאָר אַ קלאָג־מוטער, ניט נאָר אַ איכה־זאָגער, אַ קינות־מאַכער, — ער קאָן אױך לאַכן, שפּאָטן איבער דעם שטאַרקן, איבער דעם בלוט־זױגער, איבער דעם פֿאַלשן, איבער דעם בלינדן פֿאַנאַטיקער. ניט נאָר טרערן האָט ער, אָבער אױך גאַל. ניט נאָר װערטער פֿון טרײסט פֿאַר די שװאַכע, אָבער אױך שאַרפֿע װערטער, אָנגעזעטיקטע מיט גיפֿט פֿאַר די שטײנערנע הערצער. ער פֿאַרמאָגט אױך איראָניע, װיץ און אַ ביסל בדחנות פֿון בעסטן סאָרט. די אַלע אײגנשאַפֿטן האָבן דעם ייִדן אין גלות געדינט אַלס בעסטע געװער. גאַל־ביטערע איראָניע, שפּיז־שאַרפֿן װיץ, פֿאַרניכטנדער שפּאָט, דאָס האָבן מיר גע־זאַמלט מיט פֿלײס אין אונדזערע גײסטיקע אוצרות אין די לאַנגע דורות, װאָס דער פֿײנט האָט אונדז געטראָטן אונטער זײַנע פֿיס. פֿון דעם רײַכן אוצר האָבן גע־שעפּט מיט פֿולע הענט הײַנע, בערנע, סאַפֿיר, גאָרדאָן, קאַמינער, פֿרוג און אַנדערע.

לײענענדיק ראָזענפֿעלדס לידער האָב איך מיר געשאַפֿן אין מײַן פֿאַנטאַזיע זײַן גײסטיקעס בילד. מיר האָט זיך געװאָלט אָבער זען ראָזענפֿעלדן אין דער װירקלעכקײט. װען איך קאָן דעם דיכטער פּערזענלעך, פֿאַרשטײ איך בעסער, ריכטיקער, טיפֿער זײַנע לידער. איך קאָן דאַן לײענען אױך צװישן די שורות. דער דיכטער איז מיר שטענדיק אינטערעסאַנטער װי זײַנע לידער, דען װיפֿל ער דיכטעט, בלײַבט בײַ אים נאָך פֿיל מער אין האַרצן; אין זײַנע אױגן קאָן איך פֿיל מאָל מער לעזן װי אין אַלע זײַנע לידער.

.2

יאָ, מיר האָט זיך געוואָלט פּערזענלעך באַקענען מיט ראָזענפעלדן און הערן ווי ער אַליין לייענט זײַנע וואונדער־שײנע לידער. אָבער ווי קומט די קאָץ איבערן וואַסער? ער איז אין אַמעריקע, און איך אין בערלין!

אָבער עס איז דאָך געקומען.

פאַריקס יאָר בין איך געווען אין לאָנדאָן אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. עס זײַנען דאָרטן צוזאַמענגעקומען דעלעגאַטן און סתם געסט פון אַלע עקן פון דער וועלט. איך האָב דאָרטן געמאַכט פיל נײַע, אינטערעסאַנטע באַקאַנטשאַפטן, צווישן זיי, אויך מיט מאָריס ראָזענפעלד. מיר האָט געטראָפן אין לעבן, אַז נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַקענט מיט דעם דיכטער אַליין, האָב איך מער ניט געקאָנט לייענען און אפילו פון אַנדערע ניט הערן זײַנע לידער. עס איז אפשר אַ פעלער, אָבער אַזוי בין איך; איך קאָן קיין וואַסער טרינקען, ווען איך זע, אַז זיי קוועלן פון אַ קוואַל פול מיט מיסט און קויט. אָבער ראָזענפעלדס לידער זײַנען מיר פיל ליבער, פיל געדיכטער און זיסער געוואָרן, נאָכדעם ווי איך האָב זיך מיט אים אַליין גוט באַקאַנט.

ראָזענפעלד איז אַ ברונעט, מיטעלער וואוקס. צוויי שוואַרצע פונקל־פײַער גלענצנדע אויגן, מיט אַ פאַרטרוימטן אויסדרוק, באַלײַכטן זײַן פאַרכמאַרעטן גע־זיכט. פון ערשטן אויגנבליק קאָן מען מערקן, אַז עס שטייט פאַר אונדז אַ פּאָעט פון אַן אומגליקלעכן פאָלק; אַ פּאָעט, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין צרות און טרערן, וועלכער איז באַשטימט מער צו וויינען און קלאָגן, ווי צו זינגען און זיך צו פרייען. ראָזענפעלדן פעלט די פרייע, רואיקע, ריטמיש־שײנע באַוועגונג און דער אָפענער, פאַרטרויענספולער בליק. מ׳זעט, אַז אויף דעם פּאָעטס פּלייצעס ליגט די משא פון אַ שווערן לעבן. די משא פון אייגענע און פרעמדע יסורים. אָבער זײַן שײַנער שטערן איז ווי געשאַפן צום דיכטער־קרוין. די מוזע, די געטין פון דער פּאָעזיע האָט זײַן שטערן געקושט, ווען דער דיכטער איז נאָך אין וויגל געלעגן, און דאַרום איז ער אַזוי שיין.

נאָך דעם קאָנגרעס האָבן מיר אָפּגערעדט בײדע פאָרן אין ווייטשעפּל, דאָס איז דער קוואַרטאַל אין לאָנדאָן, וואו עס וואוינען די רוסישע, פוילישע, גאַליצישע און רומענישע יידן. מיר האָבן באַשלאָסן צו באַזוכן אייניקע מענטשן און צו זען אייניקע זאַכן. ער האָט מיר געוואָלט ווייזן פאַרשיידענע סצענעס פון יידישן לעבן. ראָזענפעלד איז שוין אַ שטיקל באַלעבאָס אין ווייטשעפּל, און קאָן זיך דאָרטן גוט אויס. ער האָט עטלעכע מאָל שוין געלעבט אין לאָנדאָן. איצט וואוינען דאָרט זײַנע עלטערן און ער האָט פאַרבראַכט ביי זיי כמעט אַ האַלב יאָר צו־גאַסט. זאַנגוויל האָט אויך אַראַנזשירט אייניקע אָוונטן, וואו ראָזענפעלד האָט פאָרגעלעזן זײַנע לידער. אין לייענען איז ער אַ מייסטער, אַ קינסטלער. די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין לאָנדאָן, איז ראָזענפעלד גרייט געווען צו שענקען מיר זײַן צייט יעדן טאָג.

די לעצטע צייט האָבן זיך פיל באַמיט אָנמאַכן אַ שנאה, אַ קנאה צווישן די העברייאישע און זשאַרגאָנישע שרײַבער. מיר האָבן זיך אָבער געהאַלטן פאַר חברים

און אונדזערע פעדער פאַר שוועסטער. איך האָב אים נאָר מקנא געווען וואָס ער שרייבט אין דער שפּראַך פון אונדזער המון־עם, אויף וועלכער עס לייענען אונדזערע אָרעמסטע ברידער און שוועסטער, און ער האָט מיר מקנא געווען, וואָס איך שרייב אין אונדזער גלאַנצפולער שפּראַך. ער האָט זיך שטאַרק געפרייט, וואָס מיר האָבן זיך די לעצטע יאָרן צוזאַמענגעטראָפן אין די אַמעריקאַנישע זשאַרגאָן בלעטער.

פאָרנדיק מיט דעם אָמניבוס נאָך ווייטשעפּל דורך די רוישנדיקע, לעבעדיקע, הו־האַדיקע גאַסן, האָב איך געבעטן דעם דיכטער, ער זאָל מיר דערציילן פון זיין לעבן. ער האָט דאָס גערן געטאָן. דאָס וואָס מיר איז איבערגעבליבן אין זכרון, גיב איך איבער פאַר די לעזער פון „יוד", אין וועלכן עס זיינען געדרוקט געוואָרן ראָזענפעלדס שיינע נאַציאָנאַל־לידער.

א. מ. ליליען — אילוסטראַציע צו מ. ראָזענפעלדס לידער־בוך

ראָזע שאָמער־באַטשעליס (לאָס־אַנדזשעלעס)

מאָריס ראָזענפעלד — ווי איך געדענק אים

איך האָב געקענט מאָריס ראָזענפעלדן פון מיין פריסטער קינדהייט אָן, ווי אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין די זשורנאַלן, וואָס מיין פאָטער, שמ״ר, פלעגט אַרויסגעבן, איז מ. ראָזענפעלד אַ סך יאָרן געווען אַן אָפטער באַזוכער ביי אונדז אין הויז ווי אויך אין פאָטערס דרוקעריי.

מיין פאָטער איז געווען צווישן די ערשטע דאָ אין אַמעריקע צו אָנערקענען ראָזענפעלדס טאַלאַנט. נאָך אין יאָר 1890, ווען ראָזענפעלד איז נאָך געווען קנאַפּ באַוואוסט, האָט שוין דער פאָטער געדרוקט זיינע לידער אין זיין זשורנאַל „דער מענטשענפריינד״, וואָס ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן, — און באַצאָלט פאַר זיי אויך.

צוליב וואָס דערמאָן איך דעם פונקט פון באַצאָלן אַ שרייבער פאַר זיין אַרבעט? ווייל אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ זעלטנהייט. די יידישע פרעסע איז דעמאָלט געווען מאַטעריעל זייער אָרעם, און שרייבער פלעגן שלעכט באַלוינט ווערן. עס האָבן געקראָגן באַצאָלט נאָר די אָנגעשטעלטע. דרויסנדיקע שרייבער האָבן מיט־געאַרבעט אומזיסט. אויך מ. ראָזענפעלד האָט געגעבן זיינע לידער צו צייטונגען פאַר אַ לאַנגער צייט אָן וועלכער עס איז באַלוינונג.

איך געדענק גוט ראָזענפעלדן, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, שלאַנק געבויט, און רירעוודיק. געהאַט האָט ער פעך־שוואַרצע האָר, ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, און געטראָגן האָט ער אַ פראַנצויזיש בערדל. אַ טונקל־רויטע פאַרב האָט זיך שטענדיק געשפּיגלט אין זיינע באַקן, אַזוי ווי עס וואָלט אין אים עפּעס געברענט; זיין טעמפּעראַמענט איז טאַקע געווען אַ הייסער, אַ זודיקער. שטענדיק האָט ער זיך וועגן עפּעס געקאָכט: וועגן ליטע־ראַרישע ענינים, וועגן צייט־פראַגן, צי סתם אַזוי וועגן מענטשן.

אין יענער צייט איז ער געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. ער, זיין פרוי און צוויי קינדער, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע, האָבן געהאַט אַ שווער געמוטשעט לעבן. צוליב דעם האָט זיך אין זיין האַרצן אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל פאַרביטערונג.

איך געדענק, ווי ער האָט איינמאָל, זייענדיק ביי אונדז אין הויז, דערציילט דעם פאָלגנדיקן אינצידענט:

ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד און עס געבראַכט צום רעדאַקטאָר פון „טאָגעבלאַט״, ער זאָל עס ביי אים קויפן.

— איך דאַרף ניט קיין לידער! — האָט אים דער רעדאַקטאָר געענטפערט.

— ווען איר וועט ניט קויפן מיינע לידער, האָב איך דאָך ניט פון וואָס צו לעבן! — האָט זיך ראָזענפעלד ביי אים געבעטן.

— טאָ לעבט ניט! — איז געווען דער ענטפער פונעם רעדאַקטאָר.

אַ פאַרשעמטער, אַ צעררודערטער, איז ראָזענפעלד אַוועק אַהיים. אָבער אַזוי ווי עס איז איינפאַך ניט געווען קיין ברויט אין הויז, האָט זיין פרוי גענומען דאָס ליד און איז אַליין אַוועק צום רעדאַקטאָר. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל דאָס ליד ביי איר קויפן.

— אויב איר ווילט אַ קוואָדער, וועל איך עס ביי אייך נעמען!

די אָרעמע פרוי ראָזענפעלד האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. זי האָט צוגענומען דעם קוואָדער און געקויפט ברויט פאַר אירע קינדער.

איז אַ וואונדער וואָס ראָזענפעלד איז געווען פאַרביטערט?

אין אַ ליד, וואָס ער האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן, טענהט ער זיך אויס מיט גאָט צוליב זיין צרהדיקן עסן. דאָס ליד הייסט „ברויט מיט טיי", און דאָרט זאָגט ער:

נאָר ברויט מיט טיי, און ברויט מיט טיי!
דאָס איז אַ קעסט, אַז אָך און וויי.
דען ביסטו, גאָט, אויף מיר אין כעס,
וואָס דו דערלויבסט זיך אַזאַ שפּאַס?
צו זשאַלעווען סאַרדינס אַ באַקס,
אַ שטיקל קעז, אַ ברעקל לאַקס,
אַ ביסל מילך, אַמאָל אַן איי!
נאָר ברויט מיט טיי, און ברויט מיט טיי,
דאָס איז אַ קעסט, אַז אָך און וויי!

***

ראָזענפעלד איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1886, און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. כדי מפרנס זיין זיין פאַמיליע (ער איז שוין דעמאָלט געווען פאַרהייראַט), האָט ער זיך ווידער גענומען צו שניידעריי.

צען לאַנגע יאָר האָט ער געאַרבעט אין סוועט־שעפּער. צוזאַמען מיט דער נאָדל האָט אויך פּלייסיק געאַרבעט זיין פעדער. אין יענער צייט האָט ער פאַרפאַסט פיל פון זיינע אַרבעטער־לידער, אין וועלכע זיין טאַלאַנט האָט געפונען דעם פולסטן אויסדרוק. די לידער זיינען געשריבן געוואָרן מיט אַ סך פייער, פּראָטעסט און פיין איבער דעם דעמאָלטדיקן שרעקלעכן צושטאַנד, אין וועלכן די אַרבעטער זיינען געווען געצוואונגען צו אַרבעטן אין די סוועט־שעפּער. זיין געדיכט „די סוועט־שאַפּ" איז זיכער איינס פון די בעסטע, אויב ניט דאָס בעסטע, פון דעם מין אין דער יידישער ליטעראַטור.

צוליב דעם וואָס מאָריס ראָזענפעלד האָט געאַרבעט ווי אַ שניידער, האָבן אייניקע פון זיינע שרייבער־קאָלעגן אים אָנגערופן „שניידער", ווען זיי האָבן זיך מיט אים צעקריגט. דאָס האָט אים זייער ווי געטאָן, האָט ער מיט זיין שאַרפער פעדער אויסגעגאָסן זיין כעס אויף זיי אין זיין געדיכט „דער לאַטוטיס אָדער דער לומפּנשניידער"...

מ. ראָזענפעלד פלעגט אָפט אויפטרעטן אויף קאָנצערטן און לייענען זיינע לי־דער. ער האָט געהאַט אַ קלאָרע דיקציע, שאַרף אַרויסגעבראַכט דעם „ר". ער האָט

זיינע לידער דעקלאַמירט מיט אַ סך פאַרב און פייער. געווייגלעך פלעגט ער לייענען זיינע לענגערע פּאָעמען, און די וועלכע האָבן געהאַט אַ מער אָדער ווייניקער דראַמאַטישן אינהאַלט. איך האָב אים געהערט דעקלאַמירן מערערע מאָל פון דער פּלאַטפאָרמע „די ליכט־פאַרקויפערין״, „דער בלינדער בעטלער״, „אויפן בוזעם פון ים״, און „חנוכה־ליכט״.

ווען ער פלעגט קומען צו אונדז אין הויז, פלעגט ער, אויף מיין פאָטערס בקשה, אויך פאָרטראָגן אייניקע פון זיינע לידער, אָבער די מער־שטילערע, די פיי־נערע, ווי „הערבסט־בלעטלעך״, „זכרונות״, „מיין יינגעלע״, און אַנדערע. ער פלעגט אויך זינגען זיינע לידער, צו וועלכע ס׳איז צוגעפּאַסט געוואָרן מוזיק. די לידער, וואָס איך געדענק נאָך ביז היינטיקן טאָג, זיינען „דאָס וויג־ליד״, „מיין רו־פּלאַץ״ און „אַ לאַנגער אויגנבליק״. ווער עס האָט פאַרפאַסט די מוזיק, ווייס איך ניט, קאָן זיין, אַז מ. ראָזענפעלד אַליין האָט עס געטאָן.

איין מאָל איז מ. ראָזענפעלד אַריין צו אונדז אין הויז אין אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַן ענגלישע פּאָעמע, וואָס ער האָט פאַרפאַסט.

וואָס עפּעס פּלוצלונג אַ ליד אויף ענגליש? איז די מעשה דערפון אַזאַ: מ. ראָזענפעלד האָט זיך באַגעגנט מיט ישראל זאַנגוויל, דעם יידיש־ענגלישן שריי־בער, וועלכער איז דאַן געווען אויף אַ באַזוך אין ניו־יאָרק. זאַנגוויל האָט גע־האַט געלייענט איבערזעצונגען פון אַ פּאָר פון ראָזענפעלדס פּאָעמעס, און זיי זיינען אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט ראָזענפעלדן, האָט ער אים געפרעגט: פאַרוואָס זאָל ער ניט פּרובירן שרייבן פּאָעמעס אין דער ענגלישער שפּראַך? אַ ביסל ענגליש האָט ראָזענפעלד געקענט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, פאַרפאַסט אַ פּאָעמע, און עס געבראַכט צו אונדז אין הויז אויף מבינות. די ווערטער פונעם ליד זיינען ווי פאָלגט:

I look up against the sky,
The sun is smiling, so am I.
I look up again on high,
The clouds are weeping, so am I.

Why do I smile?
Why do I weep?
I do not know.
It lies too deep.

דאָס ליד האָט אין זיך ראָזענפעלדס צאַרטקייט און געפיל. עס איז אונדז אַלעמען שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַחוץ וואָס מיר, יונגוואַרג, דאָס מיינט מיין ברודער, מיינע ביידע שוועסטער און איך, וועלכע האָבן שוין געקענט אַ ביסל ענגלישע גראַמאַטיק, האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מען קען ניט זאָגן „לוק אַפּ אַגענסט דהי סקיי״: מען דאַרף זאָגן: „לוק אַפּ טאָאַרדס דהי סקיי״ אָדער „אַפּאָן דהי סקיי״. ראָזענפעלד האָט זיך צוגעהערט צו אונדזער קריטיק, און צוגעזאָגט דאָס ליד אויסצובעסערן.

די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן האָט מאָריס ראָזענפעלד, מיט זיין פרוי און טאָכטער (דער זון זיינער, וועגן וועמען ער האָט אָנגעשריבן זיין באַרימט ליד „מיין יינגעלע״, איז געשטאָרבן צו זעכצן יאָר), געוואוינט אין יאָנקערס, ניו־יאָרק. זיינע לידער, וועלכע זיינען איבערזעצט געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, האָבן אים אַריינגעבראַכט גענוג געלט, ער זאָל זיך קויפן אַ הויז און פאַר־ברענגען אַ רואיק לעבן. האָט מען אים זעלטן געזען אין די ניו־יאָרקער קיבע־

צאַרניעס אָדער רעדאַקציעס.

עס איז געווען אַ קאַלטער פֿאַרנאַכט אין יאָר 1923, ווען איך האָב זיך אומ־דערוואַרט געטראָפֿן מיט אים ביים אַריינגאַנג פֿון דער בראָדווייער סאָבווי.

ער איז געווען שטאַרק פֿאַרעלטערט און פֿאַרענדערט געוואָרן פֿאַר די עטלעכע יאָר, וואָס איך האָב אים ניט געזען. ער איז געווען ניט געזונט, דאָס פּנים בלאַס און קרענקלעך, מיט ברילן אויף די אויגן, און ער האָט געהאַלטן אַ שטעקן, אָן וועלכן ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט.

ווען מיר זיינען אַריין אין באַן און געפֿונען פּלעצער צו זיצן, האָט ראָזענפֿעלד מיר דערציילט, אַז ער שרייבט איצט נאָר ענגלישע פּאָעמעס, און טאַקע באַלד אויפֿן אָרט האָט ער אָנגעהויבן דעקלאַמירן אייניקע פֿון זיי.

צוליב דעם גרויסן טומל פֿון דער לויפֿנדיקער באַן האָב איך ניט געהערט קיין וואָרט, אָבער איך האָב אים ניט איבערגעשלאָגן. איך בין געזעסן און געקוקט אויף זיין געזיכט, און געשטוינט פֿון דער ענדערונג וואָס איז אין אים פֿאָרגע־קומען אין די עטלעכע מינוטן וואָס ער האָט גענומען דעקלאַמירן זיינע לידער. אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פֿייער, אין די באַקן האָט זיך באַוויזן אַ רויטלעכע פֿאַרב. איך האָב פֿאַר זיך דערזען דעם אַלטן — נייך, דעם יונגן — ראָזענפֿעלד, וועלכן איך האָב אַזוי גוט געקענט מיט יאָרן צוריק.

איך האָב באַדאַרפֿט אַראָפּשטייגן פֿריער פֿון אים. ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער, דריקנדיק מיר וואַרעם די האַנט, געזאָגט: „ראָזע, אינגיכן וועט איר זען אַ געדרוקט בוך פֿון מיינע ענגלישע לידער. איר, אַלס מיינער אַ גוטער פֿריינט, וועט שטאָלץ זיין מיט מיר!"

דאָס בוך איז, לײדער, קיינמאָל ניט דערשינען, ווייל ראָזענפֿעלד איז גע־שטאָרבן מיט עטלעכע חדשים שפּעטער.

אפרים לייב און רחל — די עלטערן פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד

יואל סלאָנים

נאָכן טויט פון מאָריס ראָזענפעלד

„אַן עלנטער, אַ פאַרלאָזענער, כמעט אַ פאַרוואָגלטער איז מאָריס ראָזענפעלד געווען די לעצטע יאָרן. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, קיינער האָט זיך נישט געקימערט וועגן אים און קיינער האָט נישט אַ טראַכט געטאָן, נישט נאָר וועגן זיין עקאָנאָמישער לאַגע, נאָר אויך נישט וועגן זיין גייסטיקן מצב. נאָך מער, ווער עס האָט נאָר געקאָנט, האָט אויפגעהויבן די פויסט אויף אים, אָדער מיט אַ שמייכל פון ליצנות גערעדט וועגן אים. ער, דער דיכטער, וואָס איז געוואוינט געווען צו קעניגלעכע אויפנאַמעס; ער, וועלכער האָט געהאַט דעם כבוד געשעצט צו ווערן פון די גרעסטע אין אייראָפּע און אַמעריקע; ער, מאָריס ראָזענפעלד, איז געוואָרן דאָ אַ ליצנות און אַ שפּאַס פאַר מענטשן, וואָס האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן צו זיינע קנעכלען.

און נישט נאָר איז ער פאַרגעסן געוואָרן פון זיינע טאָג־טעגלעכע פאַרערער, פון זיינע לעזער, נאָר אויך — און אין דעם איז דער ווייטיק געווען פיל גרעסער — פון זיינע אייגענע קאָלעגן, פון זיינע ברידער, שריפטשטעלער און דיכטער. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעבן די האַלטונג פון זיינע קאָלעגן, ער האָט זיי ליב געהאַט און געהאַסט גלייכצייטיק, ער האָט געליבט, אפילו די יעניקע, וואָס ער האָט נישט געהאַלטן פאַר טאַלאַנטן.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, ווען איך פלעג זיך מיט אים באַגעגענען אין הויז פונעם ליבהאַרציקן ד״ר העלד. דאָס איז געווען זיין עיר־מקלט. אין הויז פון ד״ר העלד פלעגט ער קומען אָפּרוען זיינע צעבראָכענע און צעשרויפטע נערוון, דאָרט פלעגט ער אויסגיסן דעם ווייטיק פון זיין נשמה. און וואָס אַ מאָנאַט מער עס איז אַוועק, אַלץ מער פאַרביטערט און פאַרקלאָגט איז ער געוואָרן. ער האָט גערעדט מיט צאָרן וועגן זיינע קאָלעגן־דיכטער. ער האָט אפילו צייטנווייז גערעדט מיט גאַליקייט וועגן דער יידישער שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט געשאַפן. קיינער קומט צו אים נישט, קיינער באַווייזט זיך נישט פאַר אים און קיינער האָט קיין וואַרעם וואָרט פאַר אים. זיין ליד „פאַרגעסן״, וואָס פאַרמאָגט, ווי פיל אַנדערע ראָזענפעלדישע לידער, וואונדער־באַרע לירישע פערזן, האָט ער געזונגען וועגן זיין לעבן אַזוי:

„איינזאַם אין מיין קראַנקן צימער
ליג איך טרויעריק אַליין,

דער אַרטיקל פונעם דיכטער יואל סלאָנים (1883 — 1944) איז געדרוקט געווען אין „טאָג״, סוף יוני 1923, באַלד נאָך מ. ראָזענפעלדס טויט.

נאָר די ווענט, די שטומע, הערן
מיינע קרעכצן, מיין געוויין,
ווען איך וועל אין עלנט שטאַרבן,
שטיל פאַרגעסן פאַר דער צייט,
וועלן נאָך מיין וואָגן נאָכגיין
גאַנץ בכבודיקע לייט.
עס וועט דעמאָלט זיין אַן ערע
אונטערפירן כאָטש דעם פערד
און נאָכדעם אַרויפשיטן
אויף דעם גרוב אַ רידל ערד...״

ער האָט געפילט, אַז ער וועט לאַנג נישט לעבן. איינמאָל האָט ער זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז מען גלויבט אים נישט, אַז ער איז קראַנק. דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי ער האָט געהאַט אַן אָנפאַל אין דער רעדאַקציע פון „מאָרגן־זשורנאַל״, וואו ער איז די לעצטע יאָרן געווען אַ מיטאַרבעטער.

ער האָט נישט ליב געהאַט די צייטונגען, וואו ער האָט געשריבן. זיי האָבן אים אויסגענוצט אויף וויפל זיי האָבן אים באַדאַרפט און ביי דער ערשטער געלעגנהייט אים אַרויסגעוואָרפן. דאָס וואָס ער האָט געמוזט, ווי אַ בעטלער, קלאַפּן אין די טירן פון די רעדאַקציעס, האָט אים אינגאַנצן צעבראָכן. ער האָט געדאַרפט גיין פון איין רעדאַקציע אין אַ צווייטער, כדי צו קאָנען מאַכן אַ לעבן. און קיין לעבן האָט ער טאַקע נישט געקאָנט מאַכן. האָט ער זיך פאַר זיינע נאָענטע פריינט באַקלאָגט, אַז אויף דער עלטער קאָן ער נישט מאַכן גענוג, ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען נאָך הילף צו פרעמדע.

ראָזענפעלד האָט ליב געהאַט די ליטעראַטור מיט זיין גאַנצער נשמה. מענטשן, וואָס האָבן אים ווייניק געקענט און אים נישט געוואָלט פאַרשטיין, האָבן געקאָנט אַרויסקריגן אַ פאַלשן איינדרוק וועגן אים. דאָס לעבן, האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, איז ביי ראָזענפעלדן געווען נאָר אַ געלט־געיעג, נאָר אַ כבוד־געיעג. אָבער דאָס איז נישט געווען אמת. ער האָט טאַקע געהאַט אומאַנגענעמע כאַראַקטער־שטריכן, אָבער, מיין גאָט, וויפל ריינער און אויפריכטיקער ער איז געווען אין די מערסטע צייטן פון זיין לעבן, פון די יעניקע, וואָס האָבן אים ליטעראַריש פאַרפאָלגט און אין די לעצטע יאָרן אָפּגעלאַכט!

ער האָט פאַרלאַנגט כבוד, אָבער זיין וועלן כבוד איז אויך נישט געווען קיין ביליקס. ער האָט געוואָלט, מען זאָל פייערן זיין זעכציק־יאָריקן יובילעאום אין אַ גרויסן זאַל. ער האָט געוואָלט, אַז זיין יום־טוב זאָל זיין אַ פאָלקס־יום־טוב, אָבער ער האָט זיך נישט געקימערט, וואָס מען זאָל מיט די פּראָפיטן פון אַזאַ אונטערנעמונג טאָן. ער האָט נאָר געוואָלט, עס זאָלן דערשיינען אַלע זיינע ווערק. ער האָט נאָר געוואָלט, ער זאָל האָבן דעם נחת צו זען געדרוקט זיינע שאַפונגען. ער האָט נאָר געוואָלט, ער זאָל האָבן דעם נחת צו זען אַלע זיינע ביכער אין אַ נייער אויסגאַבע, אין וועלכער עס זאָלן אויך אַריין זיינע לעצטע שאַפונגען.

ער האָט ליב געהאַט זיינע לידער. ביי אים זיינען זיי אַלע געווען זיינע קינדער, און דאָך האָט ער געוואוסט, מער פון יעדן איינעם, זיינע חסרונות. ער האָט געוואוסט, וועלכע פון זיינע לידער זיינען דויערהאַפטע. איינמאָל איז

פאַרגעקומען אַ דיסקוסיע אין זיין אָנוועזנהייט וועגן זיינע לידער. איך האָב אויף אַ דרך־ארצדיקן אופן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז „מיין ייִנגעלע“ און די „האַרבסט־בלעטלעך“ און אַנדערע העכסט־לירישע, האַרציק־אויפריכטיקע לידער זיינען די שענסטע בלומען אין זיין דיכטער־קראַנץ; אַנדערע ווידער, האָבן דווקא געלויבט זיינע דעקלאַמאַטאָרישע, רעטאָרישע לידער, — יענע לידער, וואָס זיינען באַזונדערס באַליבט ביי די לעזער. ראָזענפעלד האָט זיך געפילט אין אַן אומאָנגענעמער לאַגע, אָבער דאָס האָט ער צוגעגעבן: „גערעכט איז טאַקע ער. איך בין קודם־כל אַ ליריקער, און אין ליריק איז אַלע מאָל פאַראַן מיין איך“.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען אויף דעם באַנקעט, וואָס דער י. ל. פּרץ־פאַראיין האָט אים געגעבן. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט: „איר זייט דאָך מיין פריינט, אייך וועט דאָך אַוודאי פרייען, וואָס מען האָט זיך דערמאָנט אָן מיר“, איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר אַ ציטער איז מיר דורכגעגאַנגען איבערן קערפּער. עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער אַ לוויה־טאָן אין זיינע רייד. כאָטש אויסגעזען האָט ער דווקא זייער יום־טובדיק, — אַ סך, אַ סך ייִנגער פון זיינע יאָרן. — — —



אונטערשריפט צום שארזש:

דער „קונדס“ (באַהאַלטנדיק דעם קאַנטשיק): דו ביסט ביי מיר אַ גוטער קאָסטימער, לאָמיר דיך גראַטולירן צו דיין יובילייאום.

דר. חיים זשיטלאָווסקי

וואו ליגט מ. ראָזענפעלדס גבורה?

אויף דעם ערשטן באַנד וועלן מיר זיך דאָ ניט אָפּשטעלן. ס'איז אַ צווייטע אויפלאַגע פון יענע שירים, וואָס יעוואַלענקאָ האָט שוין אַמאָל אַרויסגעגעבן און וואָס זיינען אין אַ קורצער צייט אַזוי באַרימט געוואָרן. מיר האָבן אויך איצטער נאָך אַמאָל מיט פאַרגעניגן דורכגעבלעטערט יענע זאַכן, וואָס האָבן אויף אונדז שוין פריער איבערגעלאָזן אַ רושם דורך זייער פאַרבנפּראַכט, שיינעם פּאָעטישן אָדער טיף-מענטשלעכן געפיל: „וואוהין?", „שולמית", „יהודית", „יום-כיפור צו מנחה", „אויס יום-טוב", „אלול-מעלאָדיען", „ווינטער", „וואָלט וויטמאַן", „דער אייביקער סוד" און נאָך אייניקע. אין די איבעריקע האָבן מיר קוים אַריינגעבליקט: דאָס האַרץ האָט ניט געצויגן... ווייל ראָזענפעלדס פּאָעזיע, דאָס איז אַ רייכהאַלטיק, „גאָלדטראָגנד זאַמד-פעלד", — אַזוי רופט מען יענע זאַמדיקע סטעפּעס, אין וועלכע עס געפינען זיך ניט נאָר איינצלנע גאָלדקערנער, צונויפגעמישט מיטן פּשוטן זאַמד, נאָר אויך גאַנצע „קלומפּן", גאַנצע שטיקער אמתע ריינע גאָלד. די אויבן-דערמאָנטע שירים זיינען אַזעלכע גאָלד-קלומפּן, און די איבעריקע זיינען כמעט אַלע, אויף וויפל מיר געדענקט זיך, מער זאַמד, איידער גאָלד.

דעם זעלבן איינדרוק האָבן מיר אַרויסגעטראָגן אויך פון דעם צווייטן באַנד. דאָ זיינען די גאָלד-קלומפּן, אמת, זעלטענער, דערפאַר גרעסער; אָבער אויך דער זאַמד איז דאָ,ליידער, אָרעמער אין גאָלד-געהאַלט.

אַזאַ שיר, ווי „אַלע שוויגן" (ז. 75: „ווינטן פון די ווייטע סטעפּעס, כוואַליעס פון דעם גרויסן ים"), וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקער פּאָעטישער, רייך-מענטשלעכער טראַגיק — ער אַליין קאָן אייביק זאָגן עדות, אַז ראָזענפעלד איז בלי שום ספק אַ פּאָעט. די זעלביקע געוויסהייט דרינגט אין אייך אַריין, בעת, נאָך אַ לאַנגן וואַנדערן אין גאָלד-געהאַלטיקן זאַמד, טרעפט איר פּלוצלונג אויף אַזאַ שטיק „איידל-מעטאַל", ווי „דאָס בלימל" (ז. 203: „בלימל ביי דעם ברעג פון שטראָם, וואו די וואַסערס קוועלן"). די מעלאָדיע פון דעם פערז איז דאָ האַר־מאָניש צונויפגעגאָסן מיט אַ טיפן, פּאָעטיש-פילאָסאָפישן געדאַנק, אוןביידע, די מעלאָדיע און דער רעיון, לאָזן דורכבליקן אַ זעלטן-שיינע זעלן-שטימונג פון מענטשן, ביי וועמען דער יאוש, וואָס ער קאָן ניט אַנטפּלעקן די סודות פון דער וועלט, איז שוין אַריבער אין אַ רואיקן טרויער. אָריגינעל און רייך איז אויך דער איינפאַל,

*) דער אַרטיקל איז געשריבן אין 1910, צום דערשיינען פון מאָריס ראָזענפעלדס ערשטע דריי בענד — צוויי בענד — פּאָעזיע און דער דריטער באַנד — פּראָזע. — רעד.

באַזינגען דעם „ווינטער", ווי אַ סימבאָל פון לעבן (ז. 208: „ווינטער! נאַטורס זילבערנע חתונה!"). וואָלטן די צוויי בענד באַשטאַנען לויטער פון אַזעלכע שירים, וואָלט אונדז קיין זאַך ניט געשטערט צו גרויסן זיך מיט ראָזענפעלדן... אָבער דער זאַמד!... אפילו אין גאָר נישקשהדיקע שירים קלייבט ער זיך אַריין און פירט זיי לגמרי איבער. גאָר אין אָנהייב שוין פילט איר, עס סקריפּען ביי אייך אויף די ציינער אַזעלכע פּערזן, ווי: „דאַן, אַ, דאַן, אַ מוז איך זינגען, דען איך זע אים קומען, דעם געשמאַקן (!) מאַי און ברענגען פייגעלעך און בלומען" (ז. 6). אָדער: „דאָ ביי דעם טייכעלע, שמעקט דאָס אַ מאכל'ע" (ז. 10); אָדער אין דעם שיר „ליבע" (ז. 13), וואָס הייבט זיך אָן אַזוי שיין מיט די ווערטער: „זיסער האָניק, פרישער טוי", און ענדיקט זיך מיט פּערזן אַלאַ בערל פּיסקאַטער: „אַלץ וואָס אירדיש ווייכט מיר און מיין זעלע לייכט מיר. מאַך נאָך ניט דערפון קיין סוף, ניט באַשטראָף מיך מיט דער שטראָף! דען מיט דיר פאַרברינגענדיק, קען איך שטערבן זינגענדיק", — פּערזן, טרוקענע ווי זאַמד, און לחלוטין איבעריקע צו דעם געדאַנק פון דעם שיר (ז. 15); גרילצט אייך אין אויער אַזאַ קליינשטעטלדיקער אויסדרוק, ווי: „עס שפּראָצט און עס גרינט אַ מחיה"; ז. 135 („דער בית־עולם־סאָלאָוויי") זוכט איר אויסצוגעפינען, אויף וועלכן תרגום־לשון איז אָנגעשריבן אַזאַ מין פּערז: „זיסע טרויער־לידלעך זינגט ער, שפּרינגענדיק פון סיינק צו סיינק; פאַר די שטומע פּעפּער קלינגט ער מיט אַ גלעקלעכן געליינק" (וואָס איז דאָס פאַר אַ בריאה?); אין ליד („צו אַ באַרוועסע מיידעלע") ווערט איר שוין אָבער גריי־לעך אין כעס, באַגעגענענדיק אַזאַ שטיק תמעוואַטע פּראָזע, ווי: „זאָג, זיינען דיר פּרעמד די געפילן, דיר פאַלט גאָר ניט איין דער געדאַנק, אַז ווען דו זאָלסט איצט זיך פאַרקילן, דאַן פאַלסטו אַוועק און ביסט קראַנק?".

עס גלויבט זיך כמעט ניט, אַז די גוטע און די שלעכטע שירים ראָזענפעלדס זאָלן שטאַמען פון איין און דער זעלביקער פּעדער.

וואָס מער מיר דענקען וועגן ראָזענפעלדס טאַלאַנט, אַלץ מער ווערט אונדז קלאָר, אַז זיין גבורה ליגט דאָרטן, וואו ער האָט צו טאָן מיט דער נאַטור און מיט דעם אינדיווידועלן לעבן פון דעם מענטשן, מיט יענע אייביקע פריידן און אייביקע ליידן, וואָס בלייבן די אייגענע פאַר אַלע דורות, אונטער וועלכע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן די מענטשן זאָלן ניט לעבן. אין אַזעלכע שירים פילט איר, אַז ראָ־זענפעלד האָט ניט נאָר אַן אייגענע איינבילדונגס־קראַפט — דער ערשטער באַדינג פון אַ פּאָעטישן טאַלאַנט — נאָר אויך אַן אייגענעם קאָפּ און אַן אייגן האַרץ. זיין געפילס־וועלט ווערט געוויס באַשטראַלט פון וואָלט וויטמאַנס קלאָרער זון, אָבער אין איר טראָגן זיך אַרום אייגענע וואָלקנס, וואָס פאַרשטעלן אָדער פאַר־טונקלען אָפט וואָלט וויטמאַנס זון, און די וואָלקנס שטאַמען פון יענעם וועלט־שמערץ, אָדער, בעסער, „לעבנס־וויי", וואָס לאָזט ניט די נשמה צעגיין אין גאַנצן אין „שיר־השירים", און טרייבט זי צו „איוב" און „קהלת".

אַ גאַנץ אַנדער ראָזענפעלד איז דער, וואָס פאַרלאָזט דעם מענטשנס אייביקע געפילס־וועלט און די נאַטור און גייט איבער צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, צו סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ליריק און סאַטירע. מערקווירדיק! זיין באַרימטקייט

שטאַמט גראַד פֿון דער סאָציאַלער ליריק, אָבער אין איר האָט ער ניט אַרויסגעבראַכט זיין ווירקלעך־אָריגינעלן פּאָעטישן מאָטיוו. אַלץ איז דאָרטן אַזוי באַקאַנט, און אַזוי אויבערפלעכלעך. מאָריס ווינטשעווסקי איז אין דעם פּרט אַ סך טיפער, ערנסטער און אָריגינעלער, איידער ראָזענפעלד, וועמעס שירים עס זיינען דאָ אָפטמאָל פּשוט איבערגעזונגענע פֿון ווינטשעווסקי אָדער עדעלשטאַדט. אמת, אין רעכטן מיטן סענטימענטאַלע דעקלאַמאַציע, וואָס פֿון אים באַשטייט דאָס רוב פֿון זיין סאָציאַלער, האָב־רחמנותדיקער ליריק, גנבענען זיך אַריין אַ פּאָר גאָלד־קערנער אמתע פּאָעזיע. (אַזוי צ. ב. אין רעכטן מיטן פֿון די „ערשטע ווידזשעס" (באַנד 1, ז. 42), אַ מייסטער־געקעכץ פֿון האָב־רחמנותדיקער דעקלאַמאַציע, רייסן זיך פּלוצלונג אַריין צווישן די בילדער, וואָס דער „עלנטער פּאָעטער" זעט אין פּיבער־טרוים, אויך: „אַ פייער און אַ שטראָם, אַ גראָבן פֿול מיט ביינער, אַ הימל און אַ תהום, אַ מחנה שוואַרצע פייגל, אַ טויטע שוואַלב, אַ בלום, אַ וואַלד מיט האַלבע ביימער און וועגן לאַנג און קרום"...). די נאַציאָנאַלע ליריק איז אַ ביסל בעסער איידער די סאָציאַלע, אָבער ליידט שטאַרק פֿון אַ געקינסטלטן פּאַטאָס און ביליקע התפּעלות. נידעריקער פֿאַר אַלץ שטייט זיין סאַטירע. דאָ איז שוין לגמרי אויס ראָזענפעלד. אַזעלכע ניט־טיפע וויצן און שילדערונגען, וואָס רירן אָן נאָר דעם אויבן־אויף פֿון דעם לעבן, האָבן ניט פֿאַרדינט געשריבן צו ווערן, אַ פּשיטא שוין נאָך אַמאָל אָפּגעדרוקט צו ווערן. ניכּר, אַז אַלע געזעלשאַפֿטלעכע מאָטיוון זיינען אים פֿון די אַרומיקע ווינטן אַריינגעבלאָזן געוואָרן, ווען אפילו זיי האָבן אים דערנומען ביזן מאַרך פֿון די ביינער.

און צו דעם זעלביקן רעזולטאַט קומט איר, ווען איר שטודירט דעם דריטן באַנד, ראָזענפעלדס פּראָזע. די ערשטע 24 זייטן, וואו ראָזענפעלד האָט צו טאָן מיט אייביקע מענטשלעכע פּראָבלעמען און מיט דער נאַטור (די ניאַגאַראַ־פאַלס!) לייענט איר מיט אַן אמתן גענוס. אַ פּאָעטישן גענוס באַקומט איר אויך שפּעטער, צום סוף בוך, פֿון „מוטער־ליבע", „באַרימטהייט" און „זי האָט געוויינט". אָבער אינמיטן ליגן די לאַנגע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און כלומרשט סאַטירישע דרשות, נייַמאָדישע מגידות, טעמפּע שטעכווערטלעך, צוקער־קאַנדל־טרערן און מ׳שטיינס־געזאָגט־וועלט־באַטראַכטונגען. לאַנגזאַם און מיד, מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן, שלעפּט איר אייערע פיס איבערן זאַמד, פֿאַרשילטנדיק די אומנות פֿון אַ רעצענזענט. אַ גליק, וואָס איר קאָנט זיך אַלע ווילע אָפּפרישן ביי דעם ניאַגאַראַ־וואַסער־פאַל (ניאַגאַראַ־פאַלס), דאָרטן, וואו „אַן אייביקער וואַסער וואַרפט זיך פֿון אַן אייביקן באַרג, פּונקט ווי אַ ים וואָלט זיך געלערנט שווימען", וואו די אוראַלטע געשפּענסטער „שווימען צוריק ווי פֿאַרשלייערטע נימפן און בלייבן רייטן אויפֿן רעגנבויגן איבער ניאַגאַראַ־פאַלס..." (באַנד 3, זייטן 9־13).

איין זאַך מוזן מיר אָבער מודה זיין: אַלע דריי בענד האָבן אַ רייכן שפּראַך־ווערט, וואָס טאָר ניט אונטערגעשעצט ווערן אין דער איצטיקער אַנטוויקלונגס־פּעריאָדע פֿון אונדזער ליטעראַטור. ראָזענפעלד האָט געוויס אַ רעכט צו זאָגן: „דאָס לעבן קאָן קיין זאַך מיר ברענגען, איך זאָל ניט קאָנען דאָס באַזינגען. מיין שפּראַך איז ברייט ווי אַלע ימען און שיין ווי מאַי אין פֿולן בליען, איך זינג,

און מיינע לידער גליען אין טויזנט־פאַרביקע פלאַמען" (באַנד 2, זייט 221). מער נישט, וואו־ניט־וואו געברויכט ער פרעמדע ווערטער, אָן וועלכע מען קאָן זיך לחלוטין באַגיין: „לאָטקע" אָנשטאָט „שיפל", „דודקע" אָנשטאָט „פייפל", „טרופּ" אָנשטאָט „גוף" אָדער „מת" א. ד. גל.

אונדז גלויבט זיך ניט, אַז אין די דריי בענד זאָלן מיר שוין האָבן דעם גאַנצן ראָזענפעלד. מיר ווייסן די טרויעריקע לעבנס־געשיכטע פון דעם דיכטער, וואָס האָט אים ניט געלאָזן לאַנג פאַרבלייבן אין זיין אייגענער געפיל־ און בילדער־וועלט. מיר ווילן האָפן, אַז די פלאָג־יאָרן פון זיין לעבן זיינען שוין צו ענד; אַז אונדזער דיכטער וועט איצטער זיין אין דער לאַגע צו זוכן און געפינען זיך אַליין און נענטער באַקאַנט ווערן מיט דער נאַטור, די גרענעצן און די באַדינגונגען פון זיין טאַלאַנט. דעמאָלט וועט ער געוויס אַליין נעמען אויף זיך די טרחה איבערצואוואַשן זיין גאָלד־זאַמד און ניט געבן אונדז קיין רוי־מאַטעריאַל. ערשט דעמאָלט וועט זיך אויך אין גאַנצן אַנטפּלעקן די אמתע געשטאַלט פון זיין זשעני און ערשט דעמאָלט וועט מען קאָנען אויספאָרשן, ווי ווייט און הויך עס טראָגן אים זיינע פליגלען.

.1910

א. מ. ליליען — אילוסטראַציע צו מ. ראָזענפעלדס לידער־בוך

נ. ב. מינקאָוו

דער דינאַמישער מאָריס ראָזענפעלד

...ראָזענפעלדס דינאַמיק איז די שטאַרקסטע און אומבאַגרענעצסטע טרייב־קראַפט, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער דיכטונג. דער אימפּעט האָט אַרויסגעטראָגן פון דעם קינסטלער דיכטערישע עלעמענטן אין זייער פולער רויקייט און אין זייער אומפאַרשטעלטער באַדייט. אים אַליין איז ניט געווען אומבאַקאַנט זיין אייגנשאַפט, אַז

„...מיט אַ פלאַם לעבט אויף מיין ליד",
אַ גרויסע קראַפט האָט זינגען מיר געבאָטן, —
מיין ליד האָט זיך ווי לאַוואַ דורכגעבראָכן".
(דאָס ליד אין פאָרוואָרט „פון דיכטער צום פאָלק")

„איך ליב דעם ווינט, איך ליב דעם ים,
דען ווי דער ערשטער בין איך עלנט,
און ווי דער צווייטער רוישט מיין האַרץ".
(האַרבסט־בלעטלעך)

די רויע עלעמענטן אין ראָזענפעלדס אימפּעט, פונקט ווי די נאַטור אין אירע אויסברוכן, זיינען צעשטערעריש. זיי זיינען, אמת, אַ דערשיינונג פון אַ זעלטענעם כוח און פון אַן אַנטבלויזטן ווילדן אורשפּרונג — אַ געשאַנק פון גאָר געציילטע פּאָעטן. — — —

ראָזענפעלדס דינאַמישקייט איז געווען אומגעצאַמט, ניט קאָנטראָלירט, און דערפאַר אין די לעצטע יאָרן אויסגעשעפּט. איר האָט געפעלט די מיטווירקונג פונעם אינטעלעקט, וואָס וואָלט מיט דער הילף פון זיין ענערגיע און אָנשטרענגונג געפונען דויערהאַפטיקייט.

אין יענע לידער, וואו זיין אימפּעט האָט ניט פאַרפלייצט דעם אינהאַלט, וואו די קלאָרקייט האַלט איין די קערנדיקייט, אַנטפּלעקט זיך ראָזענפעלד ווי אַ זעל־טענע קלאַסישע דערשיינונג אין דער יידישער דיכטונג. ער טראָגט דורך דאָס טיטאַנישע אין אים אין אַ שוואונגיקער טעמפּאָ, ברייטן פאַרנעם און פילבאַדייטנ־דיקן, קרעפטיקן טאָן...

זיין שטורמדיקע ענערגיע איז געווען זיינע אַן אינדיווידועלע אייגנשאַפט, זיין מעלה. דער חסרון אָבער פון זיין אומקריטיש־פּרימיטיוון אופן פון באַהאַנדלען זיין מאַטעריאַל ליגט אין זיין סביבה, אין זיין קלאַס, וואָס איז געווען באַרויבט פון

אויסצוגן פון אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג, פאַרעפנטלעכט אין עסייען־בוך „יידישע קלאַסיקער־פּאָעטן", ניו־יאָרק 1937, (ז"ז 65־98).

וועלכע ניט איז קונסט־קולטורעלע מעגלעכקייטן. האָט דען נישט געהערשט דעמאָלט דער באַגריף, אַז פאָרם איז אַן עסטעטישע, דאָס הייסט, אַ דרויסנדיקע און אַן אומנויטיקע קאַטעגאָריע ?...

ביי ראָזענפעלדן איז די „שטאַרקייט" ניט געווען קיין מאַניער ווי ביי אַנדערע „גבורהדיקע". ביי אים איז דאָס געווען אַ וואונדנדיקער דראַנג, אַ טראַגישע אויפריכטיקייט און ספּאָנטאַנער אויסברוך.

דער קינסטלער אין אים האָט געפילט די ניט־באַפרידיקונג פון פולן אויסלעב, וואו אינהאַלט און פאָרם זאָלן געפינען תיקון אין שוואונגיקן פאַרנעם, ברייטן טעמבער און גרויסע דימענסיעס. ראָזענפעלדס פאַטעטישער אָנשלאָג, וואָס שטויסט אַרויס זיין הייסן טעמפּעראַמענט אין אַן אימפּעטיקער באַוועגונג, איז „האַס און צאָרן". דער דאָזיקער עלעמענטאַרער אויפרייץ שלאָגט זיך צונויף מיט זיין קינסט־לערישער ניט־דערפולונג. דער שטענדיקער הויפּט־אויסגעשריי אין זיין וואונ־דענדיקן דראַנג טראָגט זיך פאַנאַנדער מיט טראַגיזם און שרעקלעכקייט. אומ־באַגרענעצטע, געפינען זיינע „בלינדע אינסטינקטן" דעם פולן גאַנג. זייער אימ־פּעט פאַרשלינגט אפילו די מעטאָדן זיינע און פאַרכליניעט זיין מאַטעריאַל. האָט ראָזענפעלד אַליין דאָס פאַרשטאַנען? ניין, ער האָט געלאָזן זיינע „בלינדע אינס־טינקטן" שטאָלץ און טראַגיש צו באַשטעטיקן:

„נאָר יענער מוראדיקער קנאַל
קלינגט פאָרט אין מיינע לידער
און הילכט און רוישט, און ברומט און קראַכט,
און וואַרפט אַ פחד אויף דער נאַכט".

(„פאַרוואָס איך בין איך")

...פאַר ראָזענפעלדן איז דער מעטאָד פון דירעקטן צוגאַנג געלעגן צוגע־גרייט אין זיין רעאַליזם. ראָזענפעלד איז געווען אינגאַנצן פאַרטראָגן מיט דעם שטראָם פון סוביעקטיווע איבערלעבענישן און באַטראַכטונגען. זיין טעמפּעראַמענט האָט נאָך צוגעגעבן מער טראַגישעס דערמיט, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אָפּווייכן פון דערווירקלעכקייט און זיך אַריבערטראָגן אין אַ וועלט פון טרוימען. זיין אומ־דערמידלעכע רויע שטראַמיקייט האָט אַנטפּלעקט דאָס טראַגישע אין דעם סאַמע נאַענטסטן און גשמיותדיקסטן פון אונדזער לעבן. אָן שום לייזונג אָדער אפילו מיסטישע פאַרענטפערונגען, האָט ער ניט געקאָנט געפינען קיין זין אין דער זינ־לאָזיקייט פון זיין וועלט. פאַר ראָזענפעלדן האָט זיך די זינלאָזיקייט און דער ווילקיר באַוויזן אין דעם שוידערלעכסטן לעבן פון דער „שוויץ־פאַבריק" און פון זיין פאָלק, וואָס האָט, אייגנטלעך, געמיינט — אין זיין אייגן לעבן. דער מאַטעריאַל פון זיינע לידער האָט זיך שטענדיק געפונען אַרום אים, און דער דאָזיקער אָפּטער באַריר האָט אַרויפגעצוואונגען אויף אים דעם דירעקטן אָנגעם און דעם דירעקטן אַרויסשטעל.

ראָזענפעלדס סאַטירע און עפּיגראַם, פול מיט לעבן־חכמה, באַשטעטיקן זיין פאַרוואָרצלונג אין דער ווירקלעכקייט. אומברחמנותדיקע סאַטיריקער און לעבן־קלוגע, אָן דעם ראָמאַנטישן באַדויער, אָן אַ חודש פאַר הומאָר, אָן דעם פאַרדאַכט

פון דער מעגלעכקייט זיך אַליין צו דערזען אין דעם שפּיגל, זיינען באַאָבאַכטער אָן זעאונגען, אָן פאַרשטעלונג־קראַפט. דאָס געזעענע איז ביי זיי דאָס אומצוויפל־דיקע און דאָס פאַקטישע. זייער געדאַנק שפּרייט זיך אויס פון דעם אַבסאָלוטן אויף יעדן דעטאַל, אויסגעדריקט אין איטלעך סאַטיריש ליד און עפּיגראַם. נאָכ־מער, זיי זעען שטענדיק אַ רעטונג פון דעם גאַנצן לעבן דורך אַ דעטאַל. דאָס ניט קאָנען איינזען דעם אינערלעכן ווערט פון דערשיינונגען, גילט אין דער זעלבער מאָס פאַר בענטשן אַזוי גוט ווי פאַר שעלטן פאַסירונגען. דער אונטער־שייד ליגט נאָר „אין יענעם אָרט, וואו עס נוצט קיין איידל וואָרט״.

„די מענטשלעכע משפּחה
מוז האָבן אויף זיך אַ רוט,
צו בלייבן ערלעך, ריין און גוט״.

ער האָט אין זיינע סאַטירישע לידער ניט גלאָט „דעם עולם אָפּגעשמיסן״, נאָר „נאָר פּראָסט די הויט געריסן״. ווי איבערראַשט ער פלעגט עס ווערן, ווען אָפּשמייסנדיק און שינדנדיק אַלעמען, פון דעם רבין מיט די גבאים, אַראָפּ ביז צום פּשוטן עולם און דעם בעדער, האָט ער געמוזט אויסהערן קאָמפּלימענטן פאַר זיין אַרבעט פון יעדערן פון זיי. ער האָט געמוזט דערביי ביטער איינזען, אַז קיי־נער טראַכט ניט, אַז דאָס האָט מען אים געמיינט. זיין „אוממאָראַלישע מאָראַליש־קייט״ פרעגט ניט אָפּ סיבות און ווירקונגען פון לערנען דורך שינדן. האַלטנדיק זיך אָן דער תיכפדיקער ווירקלעכקייט פון זאַכן, בלייבט ער פאַרטרויערט און אומגליקלעך.

„איך האָב פאַרווענדט מיין גאַנצע מאַכט,
און ליידער פּילט דאָס קיינער״.

(„אומזיסטע כוחות״)

האָט דאָס ניט דערפירט דעם וואולקאַנישן ראַזענפעלדן, דעם קינסטלעריש־אומקולטיווירטן, צום פאַרביטערטן ציניזם? ליגט ניט די סיבה אין דעם, וואָס די דאָזיקע וואולקאַנישע נאַטור קאָן ניט געפינען קיין שטיץ־פּונקט, און זיין אימ־פּעט רייסט זיך דורך ווי לאַוואַ? ברענגט עס דען ניט אַזאַ ענערגישן כוח צו פאַרצווייפלונג, ווען ער קאָן ניט אויסחלומען אפילו אַ במקום שטיץ־פּונקט אין זיין טרוימען־וועלט? וואָרן דאָס פאַר אים אַבסאָלוטע, אין זיין פאַל די דרויסנדיקע ווירקלעכקייט, פּילט ניט זיין „מאַכט״, און פאַרלירט דערפאַר אין זיינע אויגן דעם גאַנצן זין.

אין זיינע ליבע־לידער, — וואו דער מאַטעריאַל און סענטימענט שאַפן דעם אָפּשיין פון אַ פאַרפיינטער דיסטאַנץ, אילוזיע און אפילו פון טראַנסצענדענטאַליזם, — פאַרבלייבט ראָזענפעלד גשמיותדיק אין תוך. ער באַנוצט די דורכשניטלעכע עלעמענטן פון די ליבע־לידער פון זיין צייט, ד.ה. דעם אַלגעמיינעם עפּיטעט, וואָס איז, נאָך יענער צייט נאָך, געווען דאָס „שיינע״ וואָרט און דער אויסדרוק פון „שיינעם געפיל״.

ווי ער ווייזט אָן אין דער פאָררעדע „דאָס בוך פון ליבע״, האָט ער גע־וואָלט אויסמיידן די שאַבלאָנען פון זיין צייט, „די געמאַכטע, צוגעקלערטע, „פאַ־פירענע״ ליבע, די „מאַכערייקעס״, „אין וועלכע מאַנכע שרייבער האָבן סתם גע־

רעוועט „איך ליב דיך“, „איך שטאַרב פאַר דיין פּנים“, און אין וועלכע „מאַנכע זיינען גאָר פאַרקראָכן צו פיל „אָן אַ זייט“, מיינענדיק, אַז דאָס איז ליבע...“ ראָזענפעלד איז אין זיינע ליבע־לידער ניט פאַרקראָכן „אָן אַ זייט“; נאָר צוליב זיין רויער סענסיטיווקייט און „אמתע, דורכגעלעבטע“ עלעמענטאַלע געפילן איז ער פאַרבליבן גשמיותדיק, רעאַליסטיש, דירעקט. ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם תּיכּפדיקן און נאָענטן, ד.ה. פון די שאַבלאָנען פון זיין עפּאָכע. — —

זיין דירעקט שאַרפע טעמפּאָ, מיט אירע ריטמיש־מוזיקאַלישע אייגנשאַפטן, מיטגעריסן פון דער ליידנשאַפט אויסצודריקן זיך, האָט אָנגעלאָדן זיינע ווערטער מיט אַ פרישן, שלאָגנדיקן קוואַל פון פּשטות, וואָס איז אין זיין לאַנגן לויף אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זיין הערצאָישע טעמפּאָ איז פאַרלאָרן און פאַרפלאַכט געוואָרן. די פאַרפלאַכונג האָט זיך געוואָרצלט אין דעם מעכאַנישן אופן פון נאָכמאַכן זיך אַליין, שטיצנדיק זיך דערביי אויפן זכרון...

...ראָזענפעלד לאָזט אָפּט אַרויס וואָקאַלן צוליבן וואוילקלאַנג און מעטריקבאַלאַנס, ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען, אָנשטאָט נאָכצוטראַכטן און איבערבויען די שורה. דאָס קאָן אפשר דערקלערט ווערן ווי אַ רעזולטאַט פון זיין האַסטיקייט בלויז אין יענע לידער, וואו דער טאָן איז אַ פּלוצעם־דערהויבענער. אָבער אין לידער, וואו די דערהויבנקייט פון טאָן פאַלט, זעט זיך בוילעט זיין מעכאַנישער מעטאָד, וואָס מיסברויכט די „ליצענציאַ פּאָעטיקאַ“...

די מעכאַנישע און זכרון־אַרבעט איז ביי ראָזענפעלדן אַן אָפּגעשוואַכטע איינערציע, אַ באַוועגונג פאַרלאַנגזאַמט פון פריערדיקן איבערפלוס און שפּעטערדיקער מידקייט. אין אויסדרוק, וואו דער מאָטיוו איז צאַרטקייט, איז די דיסהאַרמאָניע צווישן דעם אינטימען און אומשולדיק־פּראָסטן אַזוי אומדערוואַרט, אַז עס דוכט זיך אויס ווי מען הערט אַ געקינצלטע נאָטע.

האָבנדיק אין זין ראָזענפעלדס אומגעהובלטע געצייג, דירעקטן מעטאָד און נייגונג צום פולן און ברייטן אויסדרוק, קאָן מען איינזען, אַז זיינע צאַרטע געפילן ווערן ניט פאַלש אויסגעדריקט, נאָר זיי ווערן ניט דערהויבן. זיי זיינען ניט אויסגעלייזט פון אַן אומשולדיקער וואולגאַרקייט. — — —

ניט די „שוויץ־פאַבריק“, ניט די קולטורעלע ניוואָ פון דעם אימיגראַנטישן לעבן, און ניט זיין האַסטיקער שוואונג האָבן געשאַפן פאַר ראָזענפעלדן די מעגלעכקייט צו קולטיווירן אין זיך דאָס קינסטלערישע באַוואוסטזיין, מיט וואָס די יידישע ליטעראַטור קאָן בכלל ניט צופיל שטאָלצירן. דאָס צופעליקע און ניט דאָס פּינקטלעכע האָט געהערשט אין דעם דיכטער, אין דעם גאַנצן פּראָצעס, וואָס פירט פון זיין איינדרוק ביז צו זיין אויסדרוק. אפילו אין דעם אויסקלייב פון אַ מאָדעל, פון אַ מייסטער פאַר זיך, האָט זיך מער געמערקט די נייגונג צו ווייניק־מעטאָדישע ראָמאַנטיקער און ניט צו יענע געצאַמטע, וואָס האָבן אַליין דערפונען אַ נייעם מעטאָד און אים פּינקטלעך אָנגעווענדט. ראָזענפעלדס נייגונג צו היינען האָט אים ווייניקער געשאַדט אין זיינע ענג־אינדיווידועלע מאָטיוון, ווי אין זיינע כלל־מאָטיוון. צווישן דעם היינעיש־אינדיווידועלן און ראָזענפעלדישן אינדיווידועלן מאָטיוו האָט

זיך ניט געקאָנט באַווייזן, צוליב דער ענלעכקייט, אַזאַ דיסאָנאַנס, ווי דאָס האָט זיך באַוויזן אין ראָזענפעלדס כלל־מאָטיוון. — — —

...די מאָדערנע דיכטער פונעם ערשטן דור זיינען געווען געזעלשאַפטלעך נאָך זייער „צייט־און־סביבה" נאָך, אָבער נאָך זייער קינסטלערישער קולטיווירונג נאָך זיינען זיי געווען ראָמאַנטיש־סוביעקטיוו און פּרימיטיוו זעלבסט־צענטריש. די ווירקונג פון היינע און פון די רוסישע דיכטער פונעם פאָריקן יאָרהונדערט איז אויף זיי געווען זייער שטאַרק. זיי האָבן זיך ניט אויסגעהיט אינגאַנצן פון דעם פּלאָנטער צווישן די מעטאָדן און מיטלען, וואָס דער מאַטעריאַל האָט געפאָדערט, און דעם אויסדרוק, מיט וואָס זיי האָבן געוואָלט אויסלייזן זייער מאַטעריאַל. יענע גראַדן וואָס פירן זיי אַרויס העכער פון דעם דאָזיקן פּלאָנטער, זיינען די עדות וועגן דער מדרגה פון קולטיווירטקייט און פון באַוואוסטזיניקן צוגאַנג פון יעדן דיכטער...

די כלל־מאָטיוון אין דער יידישער פּאָעזיע פון דער השכלה און פון ראָזענפעלדס פּעריאָדע ווייזן ניט אָן אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן פון באַטראַכטן אָביעקטיוו: סיי פראַגמענטן פון אַ מעגלעך עפּאָכע־בילד, און סיי אַן אַרויסטויכנדיקע כלל־פאָרמולע. זיי דייטן אויך ניט אָן אויף קיין שום ממשותדיקע קונסט־פּראָבלעמען אין שייכות מיט דער עפּאָכע און דעם כלל.ביידע זיינען באַטראַכט געוואָרן פון אַ קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט און קיינמאָל ניט ווי מאַטעריאַל פאַרן קינסטלערישן אויסדרוק. דאָס האָט געלאָזן פּלאַץ פאַר סותרדיקע, צופעליקע אויסדרוק־מיטלען פון אַ באַשטימטן ראַציאָנאַליסטישן געדאַנק. געמערקט האָבן זיך: איבערחזרונגען, אַגיטאַציעס און גראַמען, קלישע־אויטאָמאַטישקייט, און סענטימענטאַלקייט...

א. מ. ליליען — אילוסטראַציע צו מ. ראָזענפעלדס ליד „דער יידישער מאַי"

ב. ריווקין

תכליתדיקייט און קינסטלערישקייט

מאָריס ראָזענפעלד האָט זיין ליד נישט אַרויסגעכאַפּט פון לייענערס מויל, ווי עדעלשטאַדטס ליד, דער לייענער וואָלט נישט געקאָנט זיין דער ליד־פאַרפאַסער. זיין שוואַכסט ליד פאָדערט אַ פּאָעט פאַר אַ פאַרפאַסער. און זיין פּאָעטישער טאַלאַנט איז נישט געצאַמט געווען מיט די גרענעצן פון אַ באַשטימטן אידייען־קרייז, ווי באָוושאָווערס. דער פּאָעט אין אים האָט געהאַט די בכורה איבער דעם אידייען־דינער. אי פריער אַנגעהויבן פון די ערשטע צוויי, אי ער איז בכלל נישט געווען אַזאַ געטרייער אידייען־סאָלדאַט, און ניגון האָט זיך געזונגען אין אים, איידער ער איז באַווירקט געוואָרן פון וועלכער עס איז אידייע. נאָך קינדוויז איז ער לידער־זינגער געווען. איז אַזוי גיך ווי ער איז בייגעקומען די ערשטע טעכנישע שטרויכלונגען — ער האָט פון ליד־טעכניק קיין אַנונג נישט געהאַט — און פיליפּ קראַנץ, וועמעס פּען איז געווען אויפן ווייטסטן מהלך פון ליד, איז עס געווען דער יעניקער, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין די סעקרעטן פון מעטריק, — אַזוי גיך ווי ער האָט באַהערשט דעם ליד־שטייגער, האָט דער פּאָעט גענומען געוועלטיקן איבער זיין ליד לויט דער מאָס קראַפט, וואָס ער האָט אין דעם אָדער יענעם מאָמענט פאַרמאָגט.

אויב עס איז אַ כלל גדול, אַז ליטעראַטור איז לויט דעם באַשטעלער, אפילו ווען זי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז דערהויבן איבער אים, איז עס בפרט אמת וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אין איר ערשטן פּעריאָד. ווייל דאָס איז געווען דער באַשטעלער, דער עולם, וואָס האָט זי אַרויסגערופן צו עקזיסטענץ, איז זי געווען פּונקט אין איר עולם געראָטן. און ראָזענפעלד איז געווען דער „געראָטנסטער" אין עולם. זיין ליד איז דורך און דורך באַשטעלעריש סיי מיט זיין אינהאַלט, סיי מיט זיין פאָרם. יאָ, אפילו מיט זיין וואַקלדיקן אידייען־אינהאַלט.

וועגן אידייען האָט ער זיך נישט געדאַרפט זאָרגן, ער האָט זיי געקאָנט באָרגן, און דאָרט און אומעטום. ער האָט זיי געקראָגן פאַרטיקערהייט צוזאַמען מיט זיין טעגלעכן ברויט, וואו גאָט האָט אים געגעבן — צווערשט אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, דערנאָך אין דער פרום־באַלעבאַטישער, לעבט איבערגייענדיק הין און צוריק פון איין פּרעסע אין דער אַנדערער. ער האָט די אידייען לייכט גענומען און לייכט זיי אָפּגעגעבן זיין ליד. ווען אַליין אין פּראָלעטאַרישן צו־

אויסצוג, פון אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג, פאַרעפנטלעכט אין „יידישע דיכטער אין אַמעריקע" (ניו־יאָרק, 1947).

שטאַנד, שרייבנדיק אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, האָט ער אונטער דעם איינפלוס פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט די איינפאַכסטע מיטלען, בדרך כלל זאָגעריש, אָבער מיט אַ זינגעדיקייט און ניגונדיקייט, מיט לירישן געפיל און פאַנטאַזיע־שפּיל, דעם שאָפּ־אַרבעטערס ווײ, דעם בלייכן אַפּרייטער אין דעם רויש פון מאַשינען דערהויבן צום ליד; און אַרבעטנדיק אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע, אַנגערעגטער און אַנגעשטעקטער פון פרום־יידישן פּאַטריאָטיזם, און שפּעטער פון ציוניזם, און אומאָפּהענגיק פון יעדער פּרעסע, אונטער דעם איינדרוק פון די פּאָגראָמען — האָט ער דעם יידישן בראָך און קלאָג, דעם תשעה־באב און אלול־מעלאָדיען דערהויבן צו ליד. און ווען ער איז אַטאַקירט געוואָרן פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר זיין נישט־אויסגעהאַלטנקייט, האָט ער געהאַט דערויף זיין גוטן תירוץ; — „אַזוי זינג איך מיין ערלעך ליד, אַוואו עס וועלקט און וואו עס גליט. האָב קיין באַשטימטע ריכטונג נישט. איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל". — — —

...מען קאָן נישט גענוי כאַראַקטעריזירן דעם אינהאַלט פון ראָזענפעלדס ליד, ביז עס וועט נישט אַנגעוויזן ווערן, אַז די באַשטעלערישקייט פון זיין ליד דריקט זיך נאָך מער אויס אין דער פאָרם, ווי אין דעם אינהאַלט. די פאָרם איז דירעקטע ווענדונג, דעקלאַמאַציע. עס איז דערלאַנגט געוואָרן צום עולם פון דער בינע פון די ליטעראַרישע אָוונטן. מען פאַרזעט די ראָלע פון דער ליטעראַרישער בינע אין דער אויספורעמונג פון ראָזענפעלדס ליד (און אויך פון דער פיאָנע־רישער דערציילונג). איידער ער איז געוואָרן אַ בן־בית אין דער פּרעסע, נאָר געדרוקט זיך דאָ און דאָרט, האָט ראָזענפעלד זיך באַגעגנט פנים־אל־פנים מיטן עולם, אַראָפּדעקלאַמירנדיק אָדער אפילו אַראָפּזינגענדיק זיין ליד פון דער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער בינע, וואָס איז דאָ אויפגעקומען גלייכצייטיק מיט דער סאָציאַ־ליסטישער טריבונע; די געזאַנג־דעקלאַמאַציע האָט באַגלייט די אַגיטאַציע אין זעלביקן יוניאָן־האָל. און קאָנטיק, אַז זיינע בינע־אויפטריטן האָבן אים אַזוי צופרידנ־געשטעלט, אַז איין צייט האָט ער אפילו געחלומט צו ווערן אַן אַרומרייזנדיקער פּאָעט — זינגער־דעקלאַמאַטאָר, וואָס דאָס האָט געזאָלט זיין די פּראָפעסיע, וואָס וועט אים אַרויסראַטעווען פון שניידער־שאָפּ. און ער האָט אפילו אָנגעהויבן אַרויס־געבן אַ געדרוקטן דעקלאַמאַטאָר, מיט אַנווייזונגען, מיט וועלכע ניגונים די לידער זאָלן געזונגען ווערן — און ער האָט געזאָלט נתעשר ווערן דערפון... — —

די בינע־אָפּשטאַמונג האָט געלייגט איר שטעמפּל אויף ראָזענפעלדס ליד. ווען מען פאַרגלייכט זיין ליד מיט רייזענס, וואָס איז דאָך אויך אַדרעסירט צום עולם, זעט מען גלייך די נפקא־מינה. רייזענס ליד איז געשריבן אין אַ חדר און דאַרף געלייענט ווערן אין חדר — ביחידות, אין שטילקייט. פון איינעם, וואָס האָט יאָרן און זכרון. עס גיט אַ מחשבה, אָדער אַ שאַרפע דערשפּירונג, וואָס דאַרף אַריינ־זינקען אין געמיט אָדער אַרויפגעברומט ווערן אויף אַ פאָלקס־ניגון. ראָזענפעלדס ליד איז בפירוש געשריבן געוואָרן פאַרגעטראָגן צו ווערן בפרהסיא, פאַר אַן עולם, וואָס איז זיך צונויפגעפאַלן פון זודיקן גרויס־ניו־יאָרק. עס טאָר נישט זיין שטיל. עס מוז נעמען מיט קול. אָדער מיט טרערן, איבערשרייען, איבערוויינען

איז קיין חסרון נישט. אדרבא. עס מוז זיין אָדער מעלאָדראַמאַטיש, שטורעמען ווי אין ים — און וועלכער ים שטורעמט נישט אין אַ ליד? — אָדער סענטימענטאַל („מיין יינגעלע״ — אַ גוט ליד, מען פילט טאַקע די טרער צווישן די שורות אויך). ניגון מוז זיין, אָבער עס מאַכט נישט, אַז די ווערטער וועלן נישט אַזוי איבערקלייבעריש זיין. אויב זיי זיינען בלאַס, זאַגעריש, ווערט פאַראויסגעזאָגט, אַז דער פּאָעט וועט זיין דערביי — אָדער איינער וועט אים פאַרבייטן — און וועט צוגעבן אויסדרוק מיט זיין דעקלאַמירן, זינגען אָדער שפּילן...

...די ראַיעלסטע איבערלעבונג ראָזענפעלדס, וואָס האָט געדויערט דורך זיין גאַנץ לעבן, איז די פּאָעט־איבערלעבונג. עס איז אַ זעלבסטשטענדיקע איבערלעבונג, אָן וועלכער קיין פּאָעט קאָן זיך נישט באַגיין. עס זאַמלט זאַפּט, קראַפט, וואָרעמקייט, פאַנטאַזיע; עס רייסט אָפּ דאָס אויג פון בלינדן אָנקוקן, פון טעמפּן אָנלאָדן דעם פּאַקט; עס שיידט־אָפּ דעם בליק פון פאַקטס טרוקענער האַרטקייט און לאָזט אויף אים אָנוואַקסן אַ שפּילנדיקע אילוזיע — וואָס דאָס אַלץ איז דער מאַטעריאַל, וואָס גייט אַריין אין פורעמען די פאָרם פון ליד. די פּאָעט־איבערלעבונג קאָן איבערלויפן אין זעלבסט־נאַרעריי, זעלבסטפאַרבלענדעניש און פוסטער גדלות; עס קאָן אפילו דעגענערירט ווערן, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט ראָזענפעלדן, אין אַ גדלות־מאַניע, אין אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע, אין קנאה־שנאה, אין אַ גיפטיקן שוימען קעגן גאַנצן „ליטעראַרישן געזינדל״, וואָס פאַרגינט אים נישט זיין וועלט־אַרום; און אפילו מגולגל ווערן, אייַן צייט, אין פאַראַכטונג צו דער שפּראַך, וואָס האָט אים אויפגעהאָדעוועט אַלס פּאָעט — וואָס דאָס האָט אים אָגב נישט געשטערט, נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ (פון 1908) און נאָך דעם כבוד, וואָס ער האָט צונויפגעהויפּט אויף זיין טריאומף־רייזע, נתפּעל צו ווערן פאַר יידיש און צו בענטשן זיך מיט איר.

אָבער הינטער די אַלע פאַרווילדערונגען און איבערטרייבונגען, הינטער די אַלע וואַרפעניש איז דאָ אַ געזונטער עיקר — דער פּאָעט־באַוואוסטזיין, וואָס ציט אָן איבערלעבונג, וואָס ווערט פאַרברויכט אין ליד־בוי. אָט־דער באַוואוסטזיין האָט זיך אים נישט אומזיסט געגעבן. ער האָט אים פאַרדינט, אָנגעהאָרעוועט. פון זיין פריסטער יוגנט האָט ער פלייסיק געלייענט אין עטלעכע שפּראַכן: צוערשט אַ ביסל אין פּויליש און אַ ביסל מער אין העברייאיש, דערנאָך אַ סך אין דייטש און גאָר אַ סך אין ענגליש, און זיין גאַנץ לעבן פלייסיק געלערנט ביי פּאָעטן אויף פּאָעטן... — — —

ראָזענפעלד איז דער איינציקער פון דעם דריילינג, וועמען עס איז געלונגען צו דערפירן די תכליתדיקייט פון זיין ליד צו קינסטלערישקייט: עדעלשטאַדט האָט גאָר קיין פּאָעטישן באַוואוסטזיין נישט פאַרמאָגט, און זיין ליד־פאָרם איז פונקט אַזוי שווינדזיכטיק געווען, ווי דער פּאָעט אַליין. אָבער באָוושאָווער, וועלכער האָט יאָ פאַרמאָגט אַלע געזונטע, פיזיאָלאָגישע, אַזוי צו זאָגן, פאַרבינדונגען פאַר פּאָע־טישן טאַלאַנט — אָנגעצונדן פאַנטאַזירנדיק בלוט — מיט אַ גרינטלעכער באַ־האַוונטקייט אין ליטעראַטור און אפשר מיט אַ שאַרפערן חוש פאַר פּאָעזיע, ווי ראָזענפעלד, און זיכער מיט אַ טיפערן שניט אין פּערזענלעכע איבערלעבונגען —

איז אים דאָס ניט געלונגען? און פּאָעט־באַוואוסטזיין האָט אים אַוודאי ניט געפעלט — פאַרוואָס איז עס איבערגעלאָפן אין פּאָעט־גאווה, און די פּאָעט־גאווה אין משוגעת? איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, און איצט נאָכן אַנאַליז פון ראָזענפעלדס פּאָעטישן גאַנג, דאַרף עס נאָך קלאָרער ווערן: פּאָעט־באַוואוסטזיין, דער פורעמער, דער בויער פון ליד־פאָרם, מוז האָבן אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן. ראָזענפעלד, ווי גוזמא־דיק עס פלעגט צייטנווייז נישט ווערן זיין פּאָעט־באַוואוסטזיין, פּילפּאַך אַריבער־שטייגנדיק זיין פּאָעטישן כוח, האָט ער אָבער אַלעמאָל עס געקאָנט וויפל נישט איז באַרעכטיקן, צופאַלנדיק צו אַ צאָל ראַיעלע איבערלעבונגען אויף אָנצונעמען זיך מיט חיות — צו זיין פּאַקטישער, נישט בלויז מיטלויפנדיקער אַרבעטער־איבער־לעבונג, און דער עיקר צו זיין יידישער איבערלעבונג, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון זיין היימישער יידישער סביבה. ווי אויבערפלעכלעך, אַלגעמיין, צעבלאָזן, מיט דער לופט זיך טראָגנדיק זיין יידישע איבערלעבונג איז נישט געווען, איז זי גענוג געווען אויף צו שפּייזן די פאַנטאַזיע, וואָס פורעמט ליד. — דערצו ראָזענ־פעלדס איינגעלעבטקייט מיט דער יידישער שפּראַך. אַ ליד איז דאָך אַ שפּראַך־פלאַנץ. די געהיימענישן פון דער שפּראַך וואַרפט זי אַרויס מיט אירע צווייגן, בלעטער, בלומען און פרוכטן.



מאָריס ראָזענפעלד און דער שניידער
בילד פון דזשייקאָב עפּשטיין

נחמן מייזיל

מאָריס ראָזענפעלד

.1

עס איז איצט אַ טאָפּעלער מאָריס ראָזענפעלד־יובילײ, — 100 יאָר פון זיין געבוירן און 75 יאָר, ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשט ליד (סוף יאָר 1886). עס ווערט אין אַ יאָר אַרום 40 יאָר, ווי ער איז, אַ קראַנקער און פאַרביטערטער, אַוועק פון דער וועלט. ער איז געווען אַ מענטש מיט טיפע ווידערשפּרוכן, און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין כאַראַקטער און אין זיין דיכטונג, וואָס זיי איז פרעמד געווען וואָסער ס'איז גלייכגעוויכט, האַרמאָניע. און דאָס האָט אויך דערפירט דערצו, וואָס אָט איז ער געווען באַליבט, פאַרערט און מען האָט אים געהויבן אין די הימלען אַריין, און אָט איז ער געווען פאַרהאַסט, איזאָלירט און מען האָט אים דערנידעריקט און פאַרשעמט. ער איז געווען און מיט דער צייט געוואָרן איינער פון די טראַגישסטע געשטאַלטן און פערזענלעכקייטן אויף דער יידישער גאַס, אין זיין סביבה.

אָבער די צייט פאַרגלעט און מוז פאַרגלעטן עוולות, פאַראיבלס, טענות־מענות. איצט דאַרף מען אַרויסרוקן און אַרויסהייבן דאָס ליכטיקסטע און וויכטיקסטע, וואָס איז געווען אין אים און אין זיין דיכטונג. מיר דאַרפן אויך זוכן און געפינען די סיבות, וואָס האָבן געפירט און דערפירט אים צו מעשים, אַרויסטרעטונגען און לידער, וואָס האָבן אָפט פאַרטונקלט און פאַרשטעלט דאָס שיינע, דערהויבענע און טאַלאַנטפולע אין אים.

שווער איז געווען זיין לעבנס־וועג און במילא שווער און נאָך שווערער — זיין שאַפונגס־גאַנג. די שווערקייט און טראַגיזם האָבן זיך גענומען פון די דרויסנדיקע באַדינגונגען, אָפטמאָל פון די איוב־צרות, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף אים, פון דער פאַרשאָלטענער דעמאָלסדיקער אַלגעמיינער און יידישער סביבה און צייט, — פון די 80ער און 90ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט — אַזוי אין דער אַלטער און אַזוי אין דער נייער וועלט און היים, ווי אויך פון זיין כאַראַקטער און געמיט, פון נישט־וועלן און נישט־קאָנען שלום מאַכן מיט די אַרומיקע באַדינגונגען, — די סאָציאַלע, שטייגערישע און פסיכישע.

די מוראדיקע און ביטערע באַדינגונגען האָבן אים געטריבן און סטימולירט צו שאַפן אומרואיקע, בונטאַרישע, צאָרן־ און האַס־לידער, וואָס זיינען מיט זייער גבורה און קראַפט געווען אַ נייס אין דער יידישער דיכטונג און די זעלבע באַדינגונגען האָבן אים גערייצט און אים אַרויסגעפירט פונעם גלייכגעוויכט און אים געטריבן צו וואַרפן ווערטער, צו געברויכן אויסדרוקן און פראַזן,

וואָס האָבן אָפּט פּאַרביליקט און אַ תּל געמאַכט פון זיינע פּרעכטיקע לידער און פּאָעמעס. און מיר טרעפן טאַקע זייער אָפּט אין אַ צאָל פון זיינע לידער סולת און פסולת, זעמל־מעל און פּאָלאָווע. אָט דער געמיש פון רייפע זויבערע און רויע אומרייפע אויסדרוקן און גראַמען פּטרן אָפּט זיינע קרעפּטיקסטע געראָטנסטע לידער. דער אומרו און דאָס בונטאַרישע אין אים האָט אים אינספּירירט און סטימולירט, אָנגעגאָסן זיין דיכטונג מיט הייס קאָכיק בלוט און נישט זעלטן — אים צעטרייסלט און צעווילדעוועט. ער האָט רעאַגירט אויף די לעבנס־עוולות און אויף דעם סאָציאַלן אומרעכט אימפּולסיוו און ליידנשאַפטלעך, האָט עס אים געהאָלפן אַרויסצושלאָגן און אויסצואוויטיקן גרויסע לידער, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דעם אייזערנעם פאָנד פון דער יידישער סאָציאַלער, רעוואָלוציאָנערער און נאַציאָנאַלער דיכטונג.

מאָריס ראָזענפעלד איז אין זיין דיכטערישן שאַפן געווען געטריבן פון אַ קראַפט, פון כוחות, וואָס אָפטמאָל איז ער נישט געווען אימשטאַנד זיי צו צוימען און באַהערשן. און סוף־כל־סוף איז אים גאָרנישט געגאַנגען אין דעם, ער זאָל זאָרגפעליק, רואיק און באַזאַכט שלייפן אַ וואָרט, אַכטונג געבן אויף אַ גראַם, אויסמייסטרעווען אַ פּערז. מען דאַרף נעמען אין אַכט די צייט, ווען ער האָט געשריבן און אויך דעם עולם, פאַר וועמען ער האָט געשריבן. עס איז ביי אים געווען וויכטיקער און בילכער וואָס, איידער ווי אַזוי צו שרייבן. די סטיכיע, וואָס האָט אים געטראָגן בעת זיין דיכטן, איז געווען אַן אינעווייניקסטע, דאָס איז געווען אין זיין כאַראַקטער. אין דעם איז געלעגן זיין גבורה און זיין שוואַכקייט. ער איז געווען האַסטיק אין זיין אויפנעמען איינדרוקן, איינפּלוסן און מיט דער זעלבער האַסטיקייט האָט ער עס אַרויסגעבראַכט. ער האָט נישט גע־קאָנט זיך גופא באַהערשן און אויך נישט געקאָנט און נישט געוואָלט באַהערשן זיינע אויסדרוק־מיטלען.

און דאָס לעבן אַרום, און זיין אייגן לעבן האָבן אים צוגעשטעלט גענוג אויפ־רייץ־ און אויפרייס־שטאָף. זיין אויפשיין איז באַגלייט געוואָרן מיט שווערע וואָלקנס, און זיינע גליקלעכע מאָמענטן האָבן זיך געמישט מיט אומגליקלעכע. צו זיין יעדער שמחה האָט דאָס לעבן, דיווירקלעכקייט אים צוגעטראָגן אַ כוס מיט יסורים, מיט טרערן, וואָס ער האָט גערן אויפגענומען און עס אויסגענוצט אין זיין אימפּולסיווער דיכטונג. עס זיינען דעריבער ביי אים פאַראַן איבערגאַנ־גען פון שטייגן און אַראָפּנידערן, פון אַרויפן און אַראָפּן. דאָס לעבן האָט אים אומברחמנותדיק געשליידערט, האָט ער אין זיין שאַפן נישט גערעדט, נישט גע־שריבן, נאָר געוואָרפן באַשולדיקונגען, פאַרוואורפן און פאַראיבלס. זייער אָפּט איז ער געווען אויסגעשטעלט אויף קאַמף, אויף פאַרטיידיקונג קעגן אמתע, און נאָך מער קעגן געדאַכטע שונאים, וועלכע האָבן געלויערט אויף זיין רו, אויף זיין לעבן. און דאָס מזל זיינס האָט אים ווייניק געקעכלט. ער האָט געפילט אין זיך די אחריות פון אַ שליח־ציבור פון די געדרודפטע און דערנידעריקטע. עס האָט אים אימפּאָנירט אָט די מיסיע, ער האָט שטאָלצירט דערמיט. עס זיינען אים געווען דערווידער די זיסלעכע, סענטימענטאַלע פּאָעטן, ער האָט זיך גע־

גרייסט דערמיט, וואָס ער גייט נישט אין זייערע וועגן. אין זיינע פאַרשיידענע, בעסערע און שוואַכערע לידער, הערן מיר, ווי ער טענהט זיך אויס מיט דער וועלט, מיט זיינע קאָלעגן און ווי ער פאַרטיידיקט זיך. ער רופט אויס אין אַ ליד:

„איך בין נישט פון די זיסע, —
איך נוץ די ביטערע וואָפן:
איך שריי, איך לאַך, איך שפּאָט, איך שילט!"

פון דער גאַנצער גרופּע דיכטער פון זיין צייט, סיי אין דער אַלטער היים און סיי אין דער נייער, איז ער סוף־כּל־סוף געווען דער יידישסטער, דער נאַטיר־לעכסטער, וועלכער האָט ווייניק וואָס פון ערגעץ גענומען און ווייניק געווען באַ־איינפלוסט פון פרעמדע. מען קאָן אויך אים פּאַראַפראַזירן די באַרימטע ביאַליקי־שע ווערטער פונעם ליד „לא זכיתי באור מן ההפקר". מיר וועלן ציטירן עטלעכע שורות, לויט י. י. שוואַרצס יידישער איבערזעצונג: „ניט פון הפקר איז ס'ליד מיר געקומען, / ניט פון טאַטן בירושה געקראָגן; / נאָר פון אייגענעם פעלז אַרויס אים געשפּאָלטן, / פון מיין האַרצן אַרויס אים געשלאָגן".

און אַוודאי זיינען אָנגעמאָסטן אויף ראָזענפעלדן ביאַליקס ווערטער אינעם זעלבן ליד: „פאַר דער שרפה, וואָס איך האָב פאַרצונדן, / טו איך צאָלן מיט מאַרך און מיט בלוטן".

.2

פון דער גרופּע דיכטער־פּיאָנערן אין אַמעריקע, פון די גרויסע זינגער — מ. ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַדט, יוסף באָוושאָווער און זייערע מיטצייטלער, רוקט זיך אַרויס מאָריס ראָזענפעלד ווי דער שטאַרקסטער יידישער־ און אַרבעטער־דיכטער. ער איז מער רעאַל און קאָנקרעט פון זיי. ער איז גלייכצייטיק אינדיווי־דואַליסטיש, יחידיש, און אויך כּלליש און פאָלקיש. ער האָט קאָנקרעטיזירט, צוגעגעבן פלייש און בלוט דער אַלגעמיין־רעוואָלוציאָנערער יידישער דיכטונג. און ווען מען האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז נישט אויסגעהאַלטן, אַז ער וואַרפט זיך פון ריכטונג צו ריכטונג, האָט ער דורך זיינס אַ ליד באַרעכטיקט עס און שטאָלצירט מיט דעם. אין זיין לעגענדערן ליד „ווי איך זינג", האָט ער אַזעלכע פערזן:

„אַזוי זינג איך מיין ערלעך ליד
אַוואו עס וועלקט און וואו עס בליט,
האָב קיין באַשטימטע ריכטונג ניט.
איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל.
און יעדעס ליד איז אַ געפיל.
איך קלער ניט וואָס, איך קלער ניט ווען,

אַט פלוצלונג גיט אין אַ האַרץ אַ ברען,
עס גיט אַ קלעם, עס גיט אַ שפּאַר,
אַמאָל די פרייד, אַמאָל דער צער, —
דאָס קומט פון ברוסט און ניט פון קאָפּ,
און די נשמה נאַרט ניט אָפּ..."

אַזעלכע לידער, וואו ער באַמיט זיך צו כאַראַקטעריזירן זיין דיכטונג, זיין אופן פון שרייבן, האָבן מיר ביי אים זייער פיל. ער איז טאַקע אָפט מער זאָגער ווי זינגער. ער מאַכט אָפט פון זיין פּען אַ שווערד, פון זיין פעדער — אַ געווער, מיט וועלכן ער קעמפט מיט די שונאים, מיט וועלכן ער פאַרטיידיקט זיך און זיין קלאַס, דעם אַרבעטער, פון זיינע באַדריקער, פון זיינע עקספּלואַטאַרן. און

אויסער פּען, פּעדער — האָט ער נאָך אַ כּלי־זיין — די שער, וואָס אָט איז זי אַ געוויינלעכע שער אין אַ שאַפּ, און אָט ווערט זי פאַרוואַנדלט, ביים שניידער־דיכטער, אין אַ סימבאָל:

„שניידער בין איך און וועל שניידן
אימער מער און מער.
ווי דעם, וואָס וועט מוזן ליידן
פון מיין שאַרפער שער."

און ווייטער אין ליד נאָך אַ פּאָר שורות, וואו ער קעמפט מיט דער הילף פון אַנדערע שניידער־געצייגן:

„וועט מיין שער נישט שניידן קענען,
גליט מיין אייזן רויט.
איך וועל פּרעסן, איך וועל ברענען,
ברענען אייך צום טויט.

וועט די צייט מיין אייזן קילן,
גליט מיין נאָדל נאָך,
און איר זאָלט אויך ענדלעך פילן
ביז צוםביין מיין שטאָך."

לאָמיר דערמאָנען די דיכטער, די יידישע און העברייאישע, פון ראָזענפעלדס צייט, וועלכע זיינען געווען על־פּי־רוב, ראָמאַנטישע, סענטימענטאַלע, וואָס זיינען געקומען פון פאָלקס־געזאַנגען און פאָלקס־מאָטיוון און מיט אַ שפּאָר ביסל לירישע אויסגוסן און פּרימיטיווע אויסדרוק־פאָרמען. בלויז איניקע געציילטע האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון דער אַלגעמיינער דערשלאָגנקייט און דערדריקטקייט, און זייער דיכטונג האָט פאַרמאָגט מעטאַל, גבורה, קרעפטיקע קלאַנגען. עס איז דאָך געווען נאָך פאַר ביאַליקן, דעם העברייאישן און יידישן דיכטער, וואָס האָט אין די 90ער יאָרן גענומען רעדן שאַרפע צאָרנדיקע ווערטער און געשליידערט דעם לעבן, דעם הימל, דער געזעלשאַפט שטאַרקע פּראָטעסט־רופן און פּאַטעטישע רייד. פון די פריערדיקע דיכטער האָט זיך דאַן אויסגעצייכנט י. ל. גאָרדאָן, וואָס האָט פאַרמאָגט אין אַ צאָל שירים נביאישן טעמפּעראַמענט און פּאַטאָס. זיינען טאַקע דאָ שייכותן צווישן די גאָרדאָנישע העברייאישע לידער מיט די ראָזענפעלדישע. דערויף ווייזט אָן, בדרך אַגב, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי אין זיין ראָזענפעלד־אָפּהאַנדלונג, וואו ער זאָגט, אַז עס זיינען צו אים, צו דעם יידישן ראָזענפעלד „דערגאַנגען מאָטיוון, איינפלוסן פון דעם משכּיליש־רעבעלירנדיקן העברייאישן פּאָעט י. ל. גאָרדאָן".

די אָנגעזעענסטע דיכטער פונעם 19טן יאָרהונדערט, מיכל גאָרדאָן, אברהם גאָלדפאַדען, אליקום צונזער, מ. מ. וואַרשאַוסקי און אפילו שמעון פרוג (אין אַ סך לידער) זיינען געווען היינטערשטעליק — סיי אין פּרט פון פאָרם, סיי אין פּרט פון אינהאַלט, און אויך מיט זייער שפּראַך, וואָס איז געווען נאָענט צו פאָלקס־געזאַנגען. מאָריס ראָזענפעלד איז שוין פון אַן אַנדערן שניט און כאַראַקטער, ער איז גרויס־שטאָטיש, אורבאַניסטיש און דער פאַרנעם איז שוין אַ גאָר אַנדערער — אַ רייכערער, און די בילדער־שילדערונגען און די אימאַזשן אַנדערע. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך, פון די יינגערע יאָרן, די שטאָטישע מאָטיוון, מאָמענטן און עלעמענטן פון אַמסטערדאַם, לאָנדאָן און דערנאָך — ניו־יאָרק. דאָ, אין די גאַסן און אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אין די שעפּער האָט זיך געפורעמט זיין מענטשלעכע

דיכטונג, וואָס אירע הויפּט־מאָטיוון זיינען באַשטאַנען פון שקלאַפעריי, פון פּיין און פּלאָג, פון נויט און דחקות, פון וועלכע עס האָט געריסן און געברויזט קללה, וויי־געשריי, שטראָף־רייד, מאָנונג און וואָרנונג.

די וואָרנונג און מאָנונג זיינען געווען געווענדט צו זיך גופא, ווען ער האָט מורא געהאַט, אַז ער אַליין וועט פאַרבלייבן אַ קרבן, וועט אומקומען אין די שרעקלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען. עס איז גוט באַקאַנט זיין ליד וועגן שאָפּ און מאַשין, וואו ער זאָגט אַזעלכע ווערטער, וואָס מען האָט ביז אים נישט געהערט:

„עס רוישן אין שאָפּ אַזוי ווילד די מאַשינען,
אַז אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש דאָס איך בין, —
איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלאָרן,
מיין איך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין...״

און אַ ביסל ווייטער, אינעם זעלביקן ליד, אַזעלכע שורות:

„איך טרייב די מאַשין, גלייך איך וויל זיי דעריאָגן, —
איך יאָג אָן אַ שכל, איך יאָג אָן אַ ברעג.״

3.

און וואָס נאָך, — ער איז סוף־כל־סוף געווען דער פּערזענלעכסטער, אינדיווידואַליסטישער דיכטער, הגם ער האָט געשריבן אויף אַלגעמיינע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע טעמעס. יעדעס ליד איז געווען דער אויסדרוק פון אייגן־אַדורכגעמאַכטע, אַדורכגעפיבערטע און אַדורכגעוויטיקטע איבערלעבענישן. דאָס זיינען אויפרעגונג, פאַרביטערונג, צערייצטקייט, וואָס האָבן געשטאַמט קודם־כל פון זיינע אייגענע געפילן, איינדרוקן און באַווירקונגען. און ביים אויסלאָדן זיי האָט ער געברויכט די שאַרפסטע אויסדרוק־מיטלען, און נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיי אַרומפּיילן, אַרומגלעטן, אַרומהובליעווען. ער האָט נישט פאַרמאָגט אין זיין דיכטונג קיין אָפּהאַלט־צענטערן. די וואָרהאַפטיקייט און אומיטלבאַרקייט ווירקן זייער שטאַרק, הגם אָפטמאָל קריצט אָן אויסדרוק, אַ וואָרט, אַ פערז אין אויער. בלויז אין אַ טייל לידער האָט ער באַוויזן צו רעדן, בקול דממה דקה, — מיט שטילע רירנדיקע ווערטער. עס איז געווען זעלטן, אָבער עס האָט דאָך געטראָפן. אָפטמאָל האָבן מיר אין איין ליד, אין איין פּאָעמע אַ געמיש פון איינגעהאַלטענע לירישע מאָטיוון מיט געפילדער, מיט געברום. מיר האָבן אָפט אויך אַ געמיש פון דינסטער פּאָעזיע מיט האַרבער פּראָזע, אַ געמיש פון פּאָעזיע מיט כראָניק אָדער פּובליציסטיק.

עס איז גוט באַקאַנט, אַז מאָריס ראָזענפעלדן איז אָפּט אויסגעקומען אויפצוטרעטן מיט זיין דיכטונג אויף פאַרזאַמלונגען, ער האָט דעריבער נישט געשריבן, נאָר דעקלאַמירט זיינע לידער, איז אין זיי פאַראַן טריבונעאַרטיקע טענער און אויסדרוקן. אייניקע פון די לידער געפינען זיך אויף דער גרענעץ פון מאָדערנער בדחנות און גראַמען־פּלעכטעריי. ער פאַלט דאַן אַראָפּ פון זיינע דיכטערישע הויכן און לאָזט זיך אַראָפּ צו אַנטי־דיכטערישע שטאַפּלען. פון דעם מין האָבן מיר אַ סך אין זיינע צייטונגס־אַרטיקלען, ווי אויך אין אַ צאָל לידער, עפּיגראַמען,

וואָס ער נוצט אין זיינע פּאָלעמישע אַרויסטריטן, אין זיינע קאַמפן און שטרייטן. אָט איז אַ ליד, וואָס הייסט ביי אים „צו די דיכטערלינגע״, וואָס ער רופט אָן „פּאָלעמישעס״, אין וועלכן ער רעכנט זיך אָפּ מיט די, וואָס פאַלן אָן אויף אים:

„עס האָבן מאַנכע דומע יונגען,
די לידער מיינע נאָכגעזונגען,
מיט קנאה זיינען זיי געשפּרונגען
צו גרייכן מיך און צו באַזיגן.

דאָך האָבן אָט די אַלע כוואַטעס
מיט זיי׳רע צוגעפּאַרבטע שמאַטעס
געגרייכט ביי מיר נאָר ביז די פּיאַטעס, —
און זיינען דאָרט געבליבן ליגן...:.״

אָבער איצט, אין דעם הונדערטסטן יובל־יאָר פון זיין געבוירן און צום 75טן יאָר פון אַריינטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור, לאָמיר אַרויסרוקן מאָריס ראָזענפעלדן דעם גרויסן זינגער־באַזינגער פון פּיין און וויי, פון אומגליק און דערדריקונג, דעם מאָנער פון מענטשלעכער ווירדע און סאָציאַלער גערעכטיקייט. און מיר דאַרפן געפינען פאַר אים אַ זכות: ער איז דאָך געווען געטריבן פון שווערע ליידן, פון כסדרדיקע גרויליקייטן, וואָס ער האָט פאַר זיי באַצאָלט מיט אייגענעם לייב און לעבן, מיט אייגענער רו און גליק. ער האָט געשטרעבט, לויט זיינע מעגלעכקייטן און זיינע באַגריפן, צו אמת און יושר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אין זיין צייט און ביי די אַמאָליקע לעבנס־באַדינגונגען דערגרייכן פאַר זיך, פאַר זיינע נאָענטע און פאַר די אַרבעטער, זיינע ברידער און שוועסטער. ער האָט זיכער געהאַט רעכט, ווען ער האָט געזאָגט וועגן זיך און וועגן זיין ליד:

„עס איז נאָך קיינמאָל ניט פאַרקלונגען
אַ ליד, מיט אַן אמת געזונגען.
אַ ליד פול מיט האַרץ און געפיל, —

דאָס האָט נאָך קיין דונער דערשלאָגן,
קיין שטורעם געקאָנט עס פאַריאָגן,
קיין כוח געקאָנט מאַכן שטיל...״

און וויפל מאָל איז ער געווען דערשלאָגן, וויפל מאָל האָט ער געקלאָגט אויף אייגענער געפאַלנקייט. דאַן האָט ער אויך זיך אַליין נישט געשוינט. ער האָט „אויסגעזונגען״ אַ ליד, וואו ער ווענדט זיך צו זיין אייגענער דיכטונג און ער זאָגט אַזעלכע ווייטיקדיקע און שאַרפע רייד וועגן זיך:

„איך קוק ביי מיר אין האַרץ אַריין
און זוך דאָרט מיינע לידער.
וואו קאָנען זיי יעצט אַלע זיין?
אָ, קומען זיי נאָך ווידער? — — —

דאָרט זיצט אַ קראָ, איר שוואַרץ געשטאַלט
איז שנאה און קנאה,
זי רוקט איר שנאָבל טיף און קאַלט
ביי מיר אין דער נשמה...״

ער איז געווען אַ דיכטער פון אַ גרויסן און מעכטיקן דיאַפּאַזאָן. ער האָט געברויכט אין זיין זינגען און שפּילן טרומייטן און פּויקן, אָפטער ווי פלייטן און פידלען. אָפט איז ער אַליין געווען אַ שטיק אָרקעסטער. ער האָט אין מעכטיקע טענער זיך אָפּגערופן אויף פאַרשיידענע גרויליק־טראַגישע געשעענישן אין אַמעריקע, ווי צום ביישפּיל אויפן מוראדיקן „טרייענגל־פייער״, וואו ער האָט געברויכט אַזעלכע שורות, ווי:

„אַרונטער אויף די קני, אָ, וועלט!
פאַר דיין הייליקער רואינע.
דאָ האָט דאָס לעבן זיך געקוועלט,
דאָ שוועבט אַרומעט אַרבעטס־שכינה!״

רואינע און שכינה — זיינען נישט קיין צו־אײדעלער און פּאַסיקער גראַם, אָבער דאָס איז מאָריס ראָזענפעלד. ער האָט גערעדט און געזונגען אַזוי ווי קיינער ביז אים און ווי קיינער נאָך אים. איז לאָמיר פאַרקוקן נישט־גלאַטקייטן, נישט־רייפקייטן און אַמאָל אויך — אַ צו־שאַרפן און היילכיקן גרילץ.

ביים 100־יאָריקן יובל־יאָר לאָמיר האָבן פאַר אונדזער׳ע אויגן דעם גרויסן יידישן דיכטער, וואָס האָט צו אונדז געזונגען אַזויפיל אויפריכטיקע שטאַרקע און קרעפטיקע לידער, פול פאַטאָס און אימפּעט, פול צאָרן און פּראָטעסט.

און אַזאַ לאָמיר אים אַרויסברענגען אין זיין פולן פאַרנעם, אין זיין גאָרער גרויסקייט.

איך קרעכץ און הוסט און פּרעס און קלעהר
מיין אויג ווערט פייכט, ס׳פאַלט אַ טרעהר,
דער אייזען גליהט — דאָס טרעהריל מיין
דאָס קאָכט און קאָכט און זידט ניט איין.

אָ, שטומער טרעהר, אָ, שטומע שפּראַך!
זאָג, האָב איך דיינע נאָך אַ סך?
צי דו ביזט שוין דער לעצטער היינט,
פון אַלע מיינע הייסע פריינד?

איך וואָלט געפרעגט נאָך מעהר און מעהר
ביים אונ־רוה, ביי דעם ווילדען טרעהר,
דאָ האָבען זיך דערלאַנגט אַ גאָס
גאָר טרעהרען, טרעהרען אָהן אַ מאָס
און איך האָב שוין פערשטאַנען גלייך,
אַז טיעף איז נאָך דער טרעהרען טייך.

— פון מאָריס ראָזענפעלד׳ס לידער.

שאול ראַסקין — פריינטלעכער שאַרזש אין „קונדס“, 1912

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

ערשטער קינסטלערישער פּאָעט

...מאָריס ראָזענפעלד — דער ערשטער פּולער, פאַרביקער יידישער ליריקער, ערשטער קינסטלערישער פּאָעט צווישן די דעמאָלטיקע סאָציאַלע דיכטער.

מאָריס ראָזענפעלד האָט גאָר אין אָנהייב זיך אויך אַנטפּלעקט ווי אַ סאָציאַלער דיכטער. נאָר ער האָט שוין געגעבן דעם סוועט־שאָפּ, ער האָט שוין געגעבן אויך די סביבה. ער האָט דערזען ניט סתם דריי שוועסטער, ניט סתם אַ בלינדן, — נאָר אַ יידישן בלינדן, יידישע שוועסטער, וועלכע זיצן געבויגן איבער דער ניי־מאַשין. מיט דעם זשום פון די מאַשינען האָט זיך דעמאָלט אויך צעזשומעט אויף דער איסט־סאַיד מ. ראָזענפעלדס ליד: „עס רוישן אין שאָפּ אַזוי ווילד די מאַשינען, אַז אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש ווער איך בין; איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלאָרן, מיין איך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין".

דאָס וואָרט „איך" איז דאָ געווען אַ נייס אין דער סאָציאַלער דיכטונג. פריער איז די דיכטונג געווען אומפּערזענלעך, אָבער ביי ראָזענפעלדן איז אַריינגעטראָטן דאָס ליריש־פּערזענלעכע. דאָס איז געווען אַן אויפטו.

און אַזוי האָט ראָזענפעלד אין גאַנג צום סאָציאַלן ליד דערזען דעם אַפּריי־טער, דערזען דאָס יתומל אויף דער איסט־סאַיד און דאָס פאַרבענקטע יידישע אַרבעטער־מיידל, ער האָט דערזען די פאַרפּירטע און דאָס אָרעמע געזינד. און דאָס דערזעענדיק, האָט מאָריס ראָזענפעלד, דער כּוחדיקער דיכטער, אויפגעהויבן זיין שטים מעשה־פּראָפעט און געזאָגט: „אַזוי ווי איר קאָנט די געפערלעכע מויל פון ווילדן וואולקאַן ניט פאַרמאַכן, — אַזוי וועט איר אויך ניט פאַרמאַכן דעם קראַטער פון צאָרן, פון דעם, וואָס איר וואָלט איצט פאַרשקלאַפט, — ווען ער וועט דערוואַכן".

אָבער מאָריס ראָזענפעלד איז בלויז ביים סאָציאַלן ליד ניט געבליבן. באַלד איז געקומען זיין נאַציאָנאַלער מאָטיוו: דער יידישער מאַי, וואו ער דערציילט, אַ היפּש ביסל סענטימענטאַל, אָבער פּאָעטיש רירעוודיק און טאַקע אויך דירנדיק, ווי דער אַלטער ייד גייט אַרום אַ פאַרלאָרענער, מיט אַ שטורמישן געמיט, אויף אַ פעלד וואָס בליט, אַ פרעמד פעלד! און מאָריס ראָזענפעלד זאָגט: „יעדע בלום און יעדער דאָרן טרייבט מיט אים אַ ווילדן שפּאַס; דער סטאַבון קוקט אַן מיט צאָרן, און די קראָע שרייט מיט כּעס!".

אַ פרעמדער מאַי!

דאָס ליד איז צעצויגן און לאַנג און, ווי געזאָגט, צו סענטימענטאַל. אָבער

פון אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג, פאַרעפנטלעכט אין בוך „חלום און וואָר", ניו־יאָרק 1956 (געקירצט). — רעד.

עס האָט אויך פֿײַנע פּאָעטישע שורות, ווי אַלעמאָל בײַ ראָזענפֿעלדן. אָט איז אַ בליציקע שורה:

„אויף אַ ווערבע, אויף אַ שטומע,
הענגט דער חלום פֿון מײַן אומה."

אין אַן אַנדער נאַציאָנאַלן מאָטיוו האָט ער באַזונגען דעם נצח ישראל. ער האָט גערעדט וועגן דער נאַציאָנאַלער ייִדישער שיף, עס הייסט די ייִדישע אומה, וואָס ווערט אַרומגעוואָרפֿן אויף די שטורמישע וואַסערן, און מאָריס ראָזענפֿעלד האָט געטרייסט די ייִדן: „פֿילע שיפֿן גייען אונטער, און דערגרייכן ניט דעם ברעג: אונדזער שיף גייט שטאָלץ און זיכער, כאָטש געפֿערלעך איז דער וועג".

און גלײַך נאָכדעם איז געקומען זײַן קרוין־ליד, אין דעם ציקל נאַציאָנאַלע מאָטיוון, זײַן גלות־מאַרש, וואָס גייט אַזוי:

„מיט דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט, וואו געשיקט, ניט געטאָגט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד; אימער ווײַ, ווײַ, ווײַ,
אָן אַ גואל, אָן אַ פֿרײַנט, אימער גײַ, גײַ, גײַ,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ הײַנט, — אימער שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן,
ניט געדולדעט, נאָר געיאָגט, כל זמן כוח איז פֿאַראַן."

דער ריטם: „אימער גײַ, גײַ, גײַ", קוקט מיר אויס צו זײַן אַ פֿאַרוואַנדלונג פֿון ווינטשעווסקיס ריטם, ליד פֿון העמד: „ניי, ניי, ניי". אָבער דאָס ליד, ווי מען קאָן זען, איז אַ גאַנץ אַנדערש. פּונקט ווי זײַן שאַפּ־ליד וועגן בלײַכן אַפּערייטער, אַזוי איז אויך זײַן גלות־מאַרש גלײַך געוואָרן זייער פּאָפּולער.

אַגב, מ. ראָזענפֿעלד האָט גרינג גענומען טעמעס און איינפֿלוסן פֿון אַנדערע קוואַלן. פּונקט ווי דער ערשטער מאָדערנער סאָציאַלער דיכטער מ. ווינטשעווסקי, האָט אויף אים, אויף ראָזענפֿעלדן, געהאַט אַן איינפֿלוס מיט דער רעאַליסטיש־פּאָעטישער סאָציאַלער טעמאַטיק, אַזוי, מיין איך, האָט ש. פֿרוג געהאַט אויף אים אַן איינפֿלוס מיט דער נאַציאָנאַלער טעמאַטיק. אָבער סײַ ווינטשעווסקי און סײַ פֿרוג זײַנען פֿאַר ראָזענפֿעלדן געווען מער מוסטער, ווי איינפֿלוס, מחמת ער, מ. ראָזענפֿעלד, איז באַלד געקומען מיט זײַן אייגנקייט, מיט זײַן אייגענעם וואָרט־גערויש, מיט זײַן אייגענער שפּראַך און אייגענע גראַמען. אויך נעמענדיק פֿון דײַטש און ענגליש, האָט ער עס איבערגעזונגען אינגאַנצן אויף אַן אייגענעם שטייגער, מיט אַן אייגענעם קנייטש.

עס איז מיר, וואָס שייך איינפֿלוסן, אַגב, געווען זייער אינטערעסאַנט אויסצוגעפֿינען, אַז אויך צו אים, צו מאָריס ראָזענפֿעלדן, און ניט נאָר צו ווינטשעווסקין און ליעסינען, זײַנען דערגאַנגען מאָטיוון, איינפֿלוסן פֿון דעם משכּיליש־רעבעלירנדיקן העברייִשן פּאָעט י. ל. גאָרדאָן. למשל: בײַ מאָריס ראָזענפֿעלדן איז פֿאַראַן אַ פּאָפּולער־דעקלאַמאַטאָריש ליד: „אויפֿן בוזעם פֿונעם ים". ווערט דאָרט אויף אַ מעלאָדראַמאַטישן, אָבער רירנדיקן אופֿן געשילדערט די טראַגעדיע פֿון ייִדישע הײמלאָזע, פֿון ייִדישע וואַנדערער. אַ שיף ראַנגלט זיך מיטן שטורעם אויפֿן ים. „עס טרעשטשעט דער מאַסטבוים; דער זעגל, ער ציטערט; דאָס רוישנדע וואַסער איז מוראדיק טיף. עס ליאַרעמט דער ים". עס הערן זיך זיפֿצן,

עס הערט זיך אַ שלוכצן פון די שיף־פּאַסאַזשירן. עס וויינער קינדער, ווייבער. דאָך אונטן, אין צווישנדעק, זיצן צוויי מענער גאַנץ רויִק. זיי זוכן קיין רעטונג. און דער פּאָעט פרעגט: ווער זייט איר? פאַרוואָס זיצט איר אַזוי רויִק אין אָנ־געזיכט פון טויט? צי האָט איר גאָר קיין היים ניט, קיין פאָטערלאַנד? — און די צוויי ענטפערן: אַז זיי זיינען יידן, פאַריאָגטע, פאַרוואָגלטע יידן. אָן האָפענונג אָן פרייד און אָן פריינט.

אָבער דער דאָזיקער מאָטיוו מיט דער זעלביקער אַטמאָספערע אַרום די שורוה מיט דער גאַנצער אָנגעצויגענער דראַמאַטיק איז דאָ ביי י. ל. גאָרדאָן אין זיין העברייאישער פּאָעמע „במצולות ים״, וואו ער שילדערט דעם שיקזאַל פון יידן, פאַרטריבענע פון שפּאַניע. אויך דאָרט גייט אַ שיף: אויך דאָרט ברויזט אַ שטורעם און „עס האָוועט מאַטראָסן, מיט זעגלען און שטריק, עס טרייבן די עלטסטע זיי היןן־און־צוריק״. און דער פּאָעט פרעגט: — „ווער זיינען די מענטשן? די פּנימער פינצטער, צעבראָכן די לייבער, די אַלטע און קראַנקע, די קינדער און ווייבער״. און אָן אַ זייט זיצן צוויי פרויען אין טרויער פאַרהילט (ווי ביי ראָזענפעלדן: צוויי מענער), די קעפּ נישט געצירט... זיי וויינען, זיי ציטערן: — וואו קומט מען אַהין? און דער פּאָעט שרייט אויס: — פאָלק מיינס, ווער וועט זיך דערבאַרעמען אויף דיר?! קורץ, דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו פון „אויפן בוזעם פון ים״ איז געווען ביי גאָרדאָנען פריער, ווי ביי ראָזענפעלדן (זע, איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ, העברייאישע פּאָעזיע, 1942).

אָט אַזוי האָט ראָזענפעלד געצויגן זיין ליניע, זיין שורה — צווישן סאָציאַל און נאַציאָנאַל.

צוגלייך מיט די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָט זיך ביי ראָזענפעלדן באַלד אויך באַוויזן דאָס ריין־לירישע. דאָ און דאָרט איז דער מאָטיוו געגנאַשט פון היינעס טיש. אָבער ס'איז ראָזענפעלד! עס האָבן זיך באַוויזן זיינע: ״אלול־מעלאָדיען״, זיינע „האַרבסט־בלעטלעך״, זיינע נאַכט לידער און נאַטור־לידער, זיינע „זכרונות״, וואָס דאָס איז געווען אין אונדזער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע דער ערשטער לירישער אויסדרוק פון היים־ווי, בענקשאַפט נאָך דעם קליינעם שטעטל. עס האָבן זיך אויך באַוויזן זיינע פאָלקסטימלעכע באַלאַדעס, און זיין פּאָעטישע מעדיטאַציע.

אין מיטן פון די סוועט־שאָפּ־לידער און לידער וועגן יידישן וואַנדערער האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ ליד:

„איינזאַם זיץ איך ווי געפאַנגען,
פון אַ זעלטנזאַמען געפיל, —
עפּעס האָב איך אַ פאַרלאַנגען,
נאָר איך ווייס ניט וואָס איך וויל.

זיינען פריידן, זיינען ליידן,
ערגעץ וואו פאַר מיר באַשטעלט?
קראַנק איז איינער פון אונדז ביידן,
זאָגט, בין איך עס, צי די וועלט.״

אָט אַזוי האָט מאָריס ראָזענפעלד צו דער „קראַנקהייט פון דער וועלט״ צוגע־העפט און צוגעשפיליעט — און צוגעשפילט — די קראַנקהייט פון דעם מענטש־לעכן און פון אייגענעם „איך״.

איבערן דאַך פון דעם טענעמענט־הויז האָט זיך ביי ראָזענפעלדן פאַרצויגן די נאַכט און ער זעט:

„גרויע וואָלקנס־טראַנטעס, שטיקער שימל,
הענגען אין דער סמוטנער לופט אַראָפּ;
ווי אַן אַלטער בעטלער שלאָפט דער הימל,
צוגעדעקט מיט שמאַטעס איבערן קאָפּ."

אַ פיינע שאַרף־מאָדערנע בילדלעכקייט.

האָבן מיר שוין ראָזענפעלדן אין זיין דריי־געשטאַלטיקייט: סוועט־שאָפּ־דיכטער, נאַציאָנאַלער דיכטער און ליריקער. צו וואָס ער האָט זיך ניט צוגערירט, איז געוואָרן ליד. וועגן דעם גריכיש־לעגענדאַרישן קעניג מידאס ווערט דערציילט, אַז צו וואָס ער האָט זיך נישט צוגערירט, איז געוואָרן גאָלד. נו, מען קאָן ניט זאָגן, אַז ביי ראָזענפעלדן איז אַלץ גאָלד, ער האָט גענוג פּסולת, מעלאָדראַמאַטישקייט, סענטימענטאַליקייט, דרשהדיקייט, ניט־געהיטקייט פון וואָרט, אָבער ער האָט ליד. צו וואָס ער האָט זיך ניט צוגערירט איז געוואָרן: ליד.

מאָריס ראָזענפעלד, — צו באַנעמען זיין אויפטו, — האָט אין דער יידישער פּאָעזיע אַריינגעטראָגן גבורה. אַמאָל — מער אימפּעט ווי „גבורה", אַזוי ווי ביי זיין „בלייכן אָפּערטער" ביי וועמען עס האָט געאַרבעט, ווי ראָזענפעלד זאָגט, „ניט די גבורה, נאָר דער אימפּעט". אָבער ראָזענפעלדס אימפּעטיקייט האָט געווירקט ווייט און ברייט. זיין ברום, זיין אויסגעשריי, האָט אויך געווירקט אויף פיל שפּעטערע נייע פּאָעטן, אויף משה־לייב האַלפּערן און אויף אַנדערע.

מאָריס ראָזענפעלד האָט אין זיין צייט אויפגערודערט אונדזער פּאָעטיק, סיי די טעמאַטיק און סיי די שפּראַך. ער האָט ניט געקליבן און ניט אויסגעקליבן קיין ווערטער, ווי דער קולטור־רייפער מענדעלע האָט עס געטאָן, נאָר ער האָט צונויפגעבלאָזן און אָנגעהויפט ווערטער, אָנגעהויכט אַזוי ווי דער ווינט, וואָס באַרגט אָן אַ סך בלעטער ביי אַ וואַנט!... ער האָט געשאַפן אויך נייע ווערטער און נייע גראַמען; ער האָט ניואַנסירט מיט דעם ריטם און האָט אַלע ווילע אויפגעבליצט מיט אַ ניי וואָרט. אין אַ שילדערונג פון אָרעמקייט גיט ער פּלוצלונג אַזאַ שיינע בילדלעכע שורה: „די שטוב איז פּאַרוויסט און אָנטשוויגן". אין אַ לאַנג־צעצויגן ליד גיט ער פּלוצלונג אַ זאָג: — „דאָך ענדלעך וועט קומען אויף מיר אויך אַ שעה, מיין צווייג וועט פאַרנעמען די פינצטערע קראָ".

און אין זיין רעטאָריש ליד „די איינשוועדונג" (ערשט ליד פון ב' 1) גיט ער זיך פּלוצלונג אַ זאָג: „די בעסטיע אין מענטש האָט זיך פּלוצלונג צעבייזערט; דער מענטש אין דער בעסטיע — זיך פּלוצלונג צעקייזערט". דאָס אַלץ איז שפּראַכלעך שעפעריש, איבערהויפּט — פאַר יענער צייט. אָדער אַזוינע — אַלאַ מענדעלע־שורות אין זיין גרויס ליד „שולמית": „פון די לעמעלעך קיין מעקען, פון די פייגעלעך קיין פּיפּצן, פון די פליגעלעך קיין זשומען, פון אַ ווערעמל קיין ריר". שורות, וואָס גיבן איבער די פולע שטילקייט אויף אַ פעלד אין אַ הייסן זומער־טאָג. — — —

לויט דער פּאָעטישער יואָג און לויט זיין אויפטו, וואָלט מאָריס ראָזענפעלד געקאָנט ווערן דער קלאַסיקער און נוסח פון אונדזער מאָדערנעם ליד. אָבער טאַקע צוליב דער אָנגעהויפּטקייט ביי אים פון אַלערליי מאָטיוון, איז ער עס ניט געוואָרן אין דער מאָס, ווי מענדעלע איז געוואָרן קלאַסיקער און נוסח פון אונדזער ערשטער פאָלקסטימלעכער פּראָזע. אַ קלאַסיקער איז אַמאָל דער, וועלכער נעמט צונויף די פאַרשיידענע צייטן, פעדים פון אַן עפּאָכע, די פאַרשיידענע שטימונגען, וואָס טראָגן זיך אַרום אין דער לופט, און ער שאַפט פון דעם איין גאַנצקייט. אַזוי, למשל, ווי י. ל. פּרץ האָט געשאַפן איין גאַנצקייט, אַ וואונדערלעכע סינטעטישקייט אַזאַ, פון די פאַרשיידענע שטימונגען פון יידישן לעבן: השכלה, נאָכקלאַנג פון דער חסידישער פּאָעטיק, בענקשאַפט צום נאַציאָנאַלן, ריס צום סאָציאַלן און די מילדקייט פון פאָלקסטימלעכקייט. מענדעלע ווידער האָט גענומען פון איין זייט די נאַציאָנאַלע שטימונג („די קליאַטשע“) און פון דער צווייטער זייט די סאָציאַלע („די טאַקסע“) און ער האָט אין זיין רייפקייטביידע שטימונגען צונויפגעשמאָלצן דורך פאָלקסטימלעכקייט.

אויך ביי ראָזענפעלדן געפינען מיר דעם אויסדרוק פון אַלערליי שטימונגען: רעוואָלוציע, סוועט־שאַפּ, חיבת־ציון, געוויין, דער צער פון אַן אימיגראַנטן־דור, יידישער חוזק איבער דעם „פאַרמאַן“ פון לעבן; די גלות־שיף, וואָס גייט ניט אונטער, און פאַרקערט, זיין אייגענע לירישע שיף, וואָס גייט יאָ אונטער, ווי ראָזענפעלד זינגט וועגן דעם: „עס העלפט שוין מער קיין ראַנגלען זיך, דער ווינט איז אַ געזונטער; דער ים איז גרויס, דער ים איז ווילד — מיין שיף, מיין שיף גייט אונטער“; און עס באַוויזט זיך ביי אים אויך דאָס פאָלקסטימלעכע, וואו ער בעט זיך: „פאַר דעם צוימל נעם מיך, מאָטקע, איך וועל זיין דיין פערד; נעם דעם שטריקל פאַר אַ לייץ, דעם שטעקל פאַר אַ שווערד“. אַלץ איז דאָ ביי אים! אָבער ער האָט די אַלע מאָטיוון ניט גענוג צוזאַמענגעהאָפטן, ניט צוזאַמענגעגאָסן אין איין פּאָעטישן נוסח און ניט צוזאַמענגעבונדן אין איין פּאָעטישער איבערלעבונג. יעדער מאָטיוו גייט זיך אַזוי ווי באַזונדער, איינער אַליין, אַוודאי איז אומעטום פאַראַן ראָזענפעלדס ריטם און אויסדרוק. אָבער ווי אַן איבערלעבונג איז עס ניט איינס. מאָריס ראָזענפעלד אַלס אויסדרוק פון דער אויסגעמישטער אימיגראַנטן־מאַסע איז צופיל און צו־גרינג געשוואומען מיטן שטראָם, מיטגעשוואומען מיט אַלערליי שטימונגען, אַזוי ווי האַרבסט־בלעטלעך, וואָס שווימען אין אַ צעשטראָמטן און צעבויטעטן טייך...

בער גרין

די פען און די שווערד

(אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט)

„דיין פּען זאָל אַ פידל צוגלייך און אַ שווערד זיין״.
מאָריס ראָזענפעלד.

וואָס מער יאָרן עס גייען אַוועק זינט ס׳איז פאַרגאַנגען די זון פונעם גרויסן, וועלט־באַרימטן אַמעריקאַניש־יידישן אַרבעטער־דיכטער מאָריס ראָזענפעלד (1862־1923), אַלץ מער זעט מען אַרויס, שפּירט מען, פילט מען זיין קראַפט אַלס אַ ריז אַ דיכטער, אַ וועלט־פּאָעט. ער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע, גרעסטע דיכטער ביים יידישן פאָלק, דער אָריגינעלסטער, אַמעריקאַנישסטער און מעכ־טיקסטער פון דער שעפערישער גרופּע יידישע פּראָלעטאַרישע פּיאָנערן־דיכטער פון זיין דור, וואו דעם אויבנאָן, האָבן, חוץ אים, פאַרנומען: מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט אָנגעהויבן פאַר אים, און דוד עדעלשטאַדט און יוסף באָוושאָווער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן נאָך אים.

ראָזענפעלד, דער סאַמע באַדייטנדיקסטער, אָנגעזעענסטער פאָרשטייער פון דער פּיאָנערישער יידישער אַרבעטער־פּאָעזיע (מיט אַלע זיינע היפשע חסרונות, דורכפאַלן, דורכרייסן אידעאָלאָגיש און קינסטלעריש) איז געווען אַ דינאַמישע, קאָלירפולע, שאַפערישע און טראַגישע פערזענלעכקייט, מיט אַ סך אימפּעט, שוואונג און ברען, — אַ היסטאָרישע פיגור, אַ קינסטלער פון גאָר אַ הויכער מדרגה, מיט גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונדזער ליטעראַטור.

שווער, ביטער, אָרעם, פול מיט דאגות־פּרנסה, איז געווען דאָס לעבן פון אָט־דעם גרויסן יידישן אַרבעטער־דיכטער, דעם שאַפּ־אַרבעטער, שניידער בן שניידער (משה יאַנקל אָדער אַלטערל אפרימס), אַפּערייטער (אַרבעטער ביי שניידער־מאַשין) און פּרעסער, וועלכער האָט זיך יאָרן־לאַנג אָנגעפּלאָגט אין די וויסטע, פינצטערע גיהנומשע „שוויץ־שעפּער״ אונטער די שוידערלעכסטע באַדינגונגען — פריער אין לאָנדאָן, וואוהין ער איז געקומען פון ליטע אין עלטער פון 20 יאָר, און דער־נאָך — אין אַמעריקע, זינט ער איז אַהער געקומען אין 1886. ער, דער שטאָלצער, שטורמישער, בונטאַרישער, טיף־ליידנדיקער, צער־פולער פּאָעט, וואָס האָט זיין ערשט ליד פאַרעפנטלעכט אין 1886, האָט גאָר זיין צער, ווייטאָג און פאַרביטערט־קייט אויסגעגאָסן דורך זיין ליד — צוערשט אין אַ רויער, אומגעהובלטער פאָרם, אין גראַנגל פאַר געלייטערט וואָרט, און דערנאָך — אַלץ מער קינסטלעריש, רייף, געשליפן, פאַרענדיקט. ער האָט געחלומט וועגן פּטור ווערן פון שאַפּ; ער האָט געצאָרנט קעגן דער בלוטזויגערישער עקספּלואַטאַציע אין די שוויץ־פאַבריקן; און שפּעטער, ווען ער האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעריסן — האָט ער געברויזט קעגן

דער סמ׳יקער סביבה אין די „שרייבאַרניעס״, אין די רעדאַקציעס פון שרהזאָנס „גאַזעטן״ און „טאָגעבלאַט״ און אויך „פאָרווערטס״. פון וואַנען ער איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן (צוויי יאָר פאַר זיין טויט איז ער אָפּגעזאָגט געוואָרן דורך די באַלעבאַטים פון די „בלעטער״).

זיין שאַרפסטע פּאָעטישע איבערלעבונג איז געווען די שאַפּ־דערפאַרונג. ער האָט עכט, קאָנקרעט און רעאַליסטיש באַוויינט און געשילדערט דעם „אומעט פון די שעפּער״, די סביבה פון אַרבעטערס נויט אין זיין שוויץ־פאַבריק און אין זיין אָרעמער, חרובער טענעמענט־היים אונטערן יאָך פון הויטשינדערישן לענדלאָרד. ער איז געווען אונדזער קרעפטיקסטער, לײדנשאַפטלעכסטער, עמאָציאָנעלסטער, טעמפּעראַמענטפולסטער דיכטער פון נויט־לידער און צער־און צאָרן־געזאַנגען, זינ־גער פון שאַפּ־לידער, פון וואָכעדיקן, טאָג־טעגלעכן אַרבעטער־לעבן.

ער האָט זיך באַטראַכט אַלס דער דיכטערישער שליח־ציבור פון אָרעמען, שרעקלעך־באַעוולהטן שניידער, דעם „העלד פון שער און אייזן״ — אַלס שילדערער און מאָלער פון זיין הונגער, נויט, דחקות, פּלאָג און פּיין, בענקשאַפט נאָך אַ טראָפּן רו — און וואַקסנדיקן געפיל פון פּראָטעסט קעגן אומרעכט און ווילקיר. זיין שאַפּ־ליד, ראָמאַנטיש און רעאַליסטיש, אָנגעזאַפּט מיטן צער פון שאַפּ־אַרבעטער, איז ניט בלויז געזאָגט, נאָר געזונגען; ניט שורה, נאָר שירה; ניט בלויז כוונה, נאָר בילד, געשטאַלטיקונג פון שאַפּ־מענטשן.

ראָזענפעלדס שורש, דער הויפּט־כוח און הויפּט־באַדייט פון זיין שאַפן שטעקט אין זיינע אומפאַרגלייכלעכע, אמתדיקע שאַפּ־געזאַנגען, אַרבעטער־לידער, פּראָטעסט־לידער, צאָרנדיקע, מאָנענדיקע, שטראָפנדיקע, אַרויסרופערישע לידער פון קלאָגן און אָנקלאָגן, לידער פון אַרבעטער־קאַמף, פון אַרבעטער־קלאַס — פון קלאַסן־קאַמף און קלאַסן־פּראָטעסט, — לידער מיט קאָנקרעטע בילדער, אָפט מיט סימבאָלישע אָנדייטונגען.

„...דיין פּען זאָל אַ פידל צוגלייך און אַ שווערד זיין״. ראָזענפעלד האָט באַ־טראַכט זיין ליד ווי אַ וואָפן אין קאַמף קעגן שונא. זייער אָפט איז דער וואָפן גע־ווען שאַרף, שניידיק: „שניידער בין איך און וועל שניידן אימער מער און מער״.

ראָזענפעלדס געשטאַלט פונעם „בלייכן אָפּערייטער״ בלייבט איינגעקריצט אין אונדזער ליטעראַטור לדור־דורות, ווי פיל אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן ביי מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן.

זיינע שאַפּ־לידער זיינען קיינמאָל ניט געווען אַבסטראַקט. דאָס איז טאַקע ער אַליין געווען דער „בלייכער אָפּערייטער״ אָדער „דער אַלטער שניידער״. דאָס איז טאַקע זיין הייסע טרער געפאַלן אויפן גליענדיקן פּרעס־אייזן. דאָס האָט ער אויף זיין אייגענעם לייב געטראָגן דעם שווערן יאָך פון שוויץ־שאַפּ. ער איז געווען פלייש־און־ביין פון דער יידישער ביטער־אונטערדריקטער, געיאָגטער און געפּלאָגטער אַרבעטער־מאַסע, וועמען ער האָט באַזונגען און געזוכט צו דערהויבן אין זיין ליד. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין „פּען און שער״. ניט מיט טינט, נאָר מיטן בלוט פון הארצן האָט ער געשריבן זיין סאָציאַל ליד אָדער גאַליקע סאַטירע. זיין הייסע טרער, וואָס „קאָכט און קאָכט און זידט ניט איין״, האָט אַרויסגערופן גליענדיקע טרערן ביי פיל טויזנטער און טויזנטער יידישע האָרעפּאַשניקעס. דאָס

האָט ער פּערזענלעך, ווי אַ יחיד, און ניט נאָר סאָציאַל, געטראָגן אַ שאַרפן האַס צום באַס דעם „שפּין", וואָס „פּאַנגט און זויגט די אָר׳מע פליגן". ער, דער שאַפּ־מקונן, דער דיכטער פון „פּיין ווי און עלנט", האָט געיאָמערט און געקלאָגט, געצאָרנט און געשאָלטן, אויסגעגאָסן כל חמתו, די גאַנצע תוכחה אויף די באָסעס. ער, דער דיכטער, וואָס האָט ליב געהאַט די פידל, וואָס איז געווען פול מיט נגינה און האָט געקענט זיין צאַרט און איידל אין זיינע ריין־לירישע, אינדיווידועלע לידער, האָט אָפט געניצט דעם מעטאָד פון ווערטער־בייטשן, ווערטער־אייזערנע ריטער, קעגן די פּיאַווקעס, די עקספּלואַטאַטאָרס. זיינע שאַפּ־מאָטיוון האָבן געגערט און דערהויבן דעם דיכטער אין אים.

דער גרויסער דיכטער פון טרויער־געזאַנג, דער קלאָגער און אָנקלאָגער, האָט באמת „דעם אַרבעטערס יאָך, זיין ליד און זיין בראָך, פאַרמסרט פאַר דער גאַנצער וועלט". זיין פּערזענלעכער, אינדיווידועלער מאָטיוו האָט זיך ביי אים אָפט צונויפגעגאָסן מיטן סאָציאַלן און איז געוואָרן איינס — אמתע סאָציאַלע ליריק. ער האָט געקלאָגט אויף זיין אייגענעם בראָך, ווי אַ טיף־ליידנדיקער פון די שבעה מדורי גיהנום פונעם שוויץ־שאַפּ, און אויפן בראָך פון זיינע געפּלאָגטע ברידער און שוועסטער, קרבנות פון מערדערלעכער, אומברחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע. ניט קיין זייטיקער באַאָבאַכטער איז ער געווען, נאָר אַליין אַ לאַנגיאָריקער קרבן פון דער „בויט מיט אירע ביינער־פינגער", פון עלנט, ברוטאַלער אונטערדריקונג. אָט איז זיין זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק:

„אַ, ניט קיין צוקוקער געווען
בין איך צו דעם באַרויבטנס קלאָגן,
דאָס איז מיט מיר אַליין געשען,
אַליין די אומגליקן געטראָגן.
— — — — — — — — — — — — — — —
כ׳האָב יעדן טאָג אַ שטיק פון זיך
געמוזט באַוויינען און דערשטיקן.
אַזוי בין איך געוואָרן איך,
דער דיכטער פון די שוויץ־פאַבריקן".

(„פאַרוואָס איך בין איך")

פון צער האָט דער דיכטער אויסגעשמידט האַרציקע ניגונים, אין וועלכע דער עלנט פון די שעפער איז געקומען צום אויסדרוק. באַקומען האָט זיך אַ דערהויבנדיקער צער.

ראָזענפעלד — דאָס איז הויפּטזאַכלעך פּאַטעטישע גבורה, אימפּעט, שוואונג, ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל, רויער כוח, שטורעם, ספּאָנטאַנקייט, דינאַמיק. ראָזענפעלד אין זיין וויכטיקסטן שאַפערישן פּעריאָד, אין זיין בלי־פּעריאָד, איידער ער איז אַריבערגעגאַנגען פונעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־לאַגער אין דעם קליינבירגערלעכן, נאַציאָנאַליסטישן לאַגער, — צו פּרומקייט־מאָטיוון און ציון־לידער, — איז געווען כולו האַרץ, פלאַם־פייער, וואולקאַן. ער איז געווען באַוואוסטזיניק וועגן זיין טיטאַניש־דיכטערישער גבורה, וואָס איז געווען שטורמיש, ברייט־שטראָמיק, פלייצנדיק. ער האָט וועגן דעם געזונגען אין זיינע לידער, געבנדיק אַ זעלבסט־פּאָרטרעט פון זיינע אינערלעכע שטורעמס: „...מיט אַ פלאַם לעבט־אויף מיין ליד",

„מיין ליד האָט זיך ווי אַ לאַוואַ דורכגעבראָכן", „מיין ליד איז מיט אַ ווילדן ברען ביי מיר אַרויסגעקומען".

ריכטיק ווי גאָלד! „מיט אַ פלאַם", „ווי אַ לאַוואַ", „מיט אַ ווילדן ברען". זיין ליד האָט געגליט און געברענט ווי פייער, דורכגעבראָכן זיך ווי אַ לאַוואַ — און דעריבער מיט זיך געטראָגן אויך רויך, שטיינדלעך, אַש. דאָס גאָלד פונעם ליד, פון דער רויער קראַפט, איז אָפט געווען באַגלייט מיט אַ סך רוי־שטאָף. די אומגעצוימטקייט פונעם הילכיקן, רוישיקן, פייערדיקן פערז האָט אָפט גורם געווען, אַז די פאָרם פונעם ליד זאָל צומאָל זיין פרימיטיוו, ניט־קולטיווירט, — ניט־געשליפענע דימענטן. דער טאָן פון זיין סאָציאַלן אָדער לירישן ליד איז תמיד געווען אויפריכטיק, ערלעך און עכט — נאָר ס'האָט ציטנווייז געפעלט די לייטערונג און געלייטערטקייט, ראַפינירונג און ראַפינירטקייט פון וואָרט, — דער קינסטלערישער קאָנטראָל, דער גרויסער דיכטער איז אין זיין ווולקאַנישן אויסברוך אָדער אויפפלאַם ציטנווייז אַריינגעפאַלן אין רעטאָריק, מליצה, באַנאַליטעט אָדער אפילו וואולגאַריטעט, וואָס האָט געקענט איבערפירן אָדער קאַליע מאַכן דעם איינדרוק פון גאָר פיינע, זעלטן־שיינע, הויך־קינסטלערישע לידער. ס'איז פשוט צום שטוינען פון די אָפטע פאַלן, ווען דער דיכטער פון אַזאַ הויכן קאַליבער — אַ דיכטער כמעט אַ קלאַסיקער לויט זיין באַדייט, ביישטייער, אָרט און ווערט אין אונדזער ליטעראַטור — האָט אין זיין אומגעצאַמטן אויפברויז גענוצט שאַבלאָנע, שטאַמפּאָווע ווערטער און אויסדרוקן, גוזמאות און איבערטרייבונגען אָדער גלאַט הוילע פראַזן, וואָס האָבן אָפגעשוואַכט אַ גוט אָדער קרעפטיק ליד — אַזעלכע אויסדרוקן ווי „הייליקייטס קרוין" צי „הימלס פאַרשווין" און ענלעכע. אין זיין אויפברויז האָט אים דער חוש פאַר קינסטלערישער מאָס און וואָג ניט תמיד געטריי געדינט. ער איז דאַן ניט געווען דער וואַכזאַמער קאַפּיטאַן ביים רודער פון דער שיף אין צעשטורעמטן ים.

אָט איז בלויז איין „מוסטער" פון זיין פראָזע אין גראַמען (פון אַ ליד, געשריבן אין פרילינג 1899):

„דיכטער! געבוג אייך פאַנטאַזירן,
הערט־אויף אין דער לופט צו שוועבן,
פּרואווט זיך בעסער אינטערעסירן
אין דעם מאַטעריעלן לעבן".

צוליב זיין אַריינפאַלן אין שאַבלאָן פלעגט ער טאַקע אונטערשאַצט ווערן.

מען דאַרף אינזינען האָבן, אַז ראָזענפעלד האָט אָנגעהויבן „פאָרברענגען" זיינע לידער צום אַרבעטער־עולם פון דער „פּלאַטפאָרמע", פון דער טריבונע, וואו דאָס וואָרט דאַרף זיך קודם־כל דערטראָגן צום אויער. ניט קיין „קול דממה דקה", נאָר אַ הויך, הילכיק, דויערדיק וואָרט האָט זיך געפאָדערט פאַר זיין אוידיטאָריע. אָט־דער דעקלאַמאַטאָרישער טאָן האָט זיך שוין שפעטער אַריינגעכאַפּט אויך אין זיינע בעסערע, מער געלייטערטע, מער פאַרטיפטע לידער.

וויכטיקע דאַטעס
אין לעבן און שאַפן פון
מאָריס ראָזענפעלד

1862 דעם 28־טן דעצעמבער געבוירן אין דאָרף באָקשע, אַ 3 מייל פון סואוואַלק (לויט אַנדערע ידיעות — אין 1861) משה יעקב, ביי אפרים לייב און רחל. דער פאָטער — אַ שניידער און אויך — אַ פישער.

1872 אויסגעוואַנדערט מיט די עלטערן קיין וואַרשע, וואו געגומען לייענען העברייאיש, אויך פויליש און דייטש.

1876 די משפחה פאָרט אַריבער קיין סואוואַלק. דאָרט לערנט ער אין בית־המדרש און הויבט אָן צו אַרבעטן אויף דער שניידער־מאַשין.

1877 אָנגעהויבן שרייבן שירים אין יידיש.

1880 האָט חתונה מיט זיין מוטערס אַ קוזינע, נאָך 6 חדשים גט ער זיך מיט זיין פרוי.

1881 חתונה געהאַט מיט רבקה יעווארקאָווסקאַ (זי איז געשטאָרבן 4 יאָר נאָך ראָזענפעלדס טויט, אין ניו־יאָרק, אין 1927).

1882 צוזאַמען מיט דער מאַסן־עמיגראַציע לאָזט ער זיך קיין אַמעריקע, אויפן וועג זיך פאַר־האַלטן עטלעכע חדשים אין אַמסטערדאַם, האָלאַנד, וואו זיך באַשעפטיקט מיט דימענטן־שלייפעריי.

קומט קיין אַמעריקע, קאָן זיך נישט איינאָרדענען, פאָרט צוריק אַהיים אָן אַנטוישטער.

1883 פאָרט קיין לאָנדאָן, וואו די עלטערן האָבן שוין דאַן געלעבט; דאָרט זיך גענומען צו שניידעריי, אָבער פאַרלאָזט די שטאָט און צוריקגעפאָרן קיין סואוואַלק, געלעבט דאָרט אַ צייט.

1885 באַזעצט זיך אין לאָנדאָן, וואו עס שטאַרבן זיינע 3 קינדערלעך.

1886 ווידער געקומען קיין אַמעריקע, וואו געאַרבעט אין שניידער־שעפער. דעם 17־טן דעצעמבער דעביוטירט ער מיט אַ ליד אין „פאָלקסצייטונג", אונטערן נאָמען „דאָס יאָר 1886".

1887 זעצט פאָר צו דרוקן לידער, אויך — אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד".

1888 עס דערשיינט זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „די גלאָקע", „פאָלקס־לידער אונד רעוואָלוציאָ־נערע געדיכטע", 68 זייטן, 28 לידער. ער גופא האָט דערנאָך געשריבן, אַז זיין ביכל איז „געווען אַ ליטעראַרישער מפיל".

1890 אַרויסגעגעבן אַ צווייט ביכל לידער „די בלומענקעטע", אַ זאַמלונג פאָלקס־לידער און פאָעזיע, 50 ז"ז, „די בלומענקעטע" — שרייבט ז. רייזען — עפנט אַ נייעם פעריאָד אין דעם שאַפן פון מ. ר... שפעטער האָט מ. ר. אָפּגעקויפט די איבערגעבליבענע עקז. פון „דער גלאָקע" און זיי פאַרניכטעט".

1891 גיט אַרויס אַ העפטל „פאָלקס־לידער", נומ' 1 — „גזירת רוסלאַנד", 4 ז"ז.

1892 ווערט אַ פּרעסער, אַרבעט אין ניו־יאָרק, די פאַמיליע קלויבט זיך אַריבער אין די יאַנקערס, די נויט יאָגט זיי אַרויס פון זייער הויז.

רעדאַקטירט אייניקע נומערן פון אַ צייטשריפט „די זון".

געצל זעליקאָוויטש פאַרעפנטלעכט אין די „גאַזעטן" אַ רוף „רעטעט אַ האַרפע", צו שטיצן דעם דיכטער, עס ברענגט אַריין... 24 דאָלער.

1893 סוף יאָר אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן, צוזאַמען מיט א. מ. שאַרקאַנסקי, דעם „אשמדאי", זיך אָפּגעשטעלט ביים 9־טן נומער, אין יאַנואַר 1914.

אַרויסגעגעבן אַ בענדל „פאָעזיען אונד ליעדער", 48 זייטן (17 לידער).

1894 פֿאַרעפֿנטלעכט זיין סאַטיריש ליד „לאַטוטיס״, אַן ענטפֿער צו די, וואָס האָבן אים פֿאַר־געוואָרפֿן, אַז ער איז אַ שניידער.

1895 ליידט נויט, לעבט פֿון דעם, וואָס די פֿרוי אַרבעט אין אַ שאַפּ, אויך ביי פֿאַרוקן...

1896 עס ווערט געשפּילט זיינע אַ פּיעסע „דער לעצטער כוהן גדול״, אין ווינדזאָר טעאַטער נ״י, אָן דערפֿאָלג.

1897 אַרויסגעגעבן דאָס „ליעדער בוך״, וואָס איז „געווידמעט מיט עהרע און האָכאַכטונג״ צו פּראָפּ. לעאָ ווינער, 88 ז״ז.

עס הייבט זיך אָן די פֿריינדשאַפֿט און בריוו־אויסטויש מיט לעאָ ווינער, ערשטער בריוו פֿון 7־טן יולי, לעצטער אין 1900, — 70 בריוו.

אין „ניישן״ איז פֿאַרעפֿנטלעכט אַ וואַרעמער אַרטיקל וועגן מ. ר.

1898 מ. ר. לייענט זיינע לידער אין האַרוואַרדער אוניווערסיטעט, שפּעטער — אויך אין אַנדערע אוניווערסיטעטן.

עס דערשיינט אין באָסטאָן אַ זאַמלונג לידער פֿון מ. ר. אין ענגלישער איבערזעצונג פֿון לעאָ ווינער, 126 ז״ז, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקן רושם, דער נאָמען פֿון בוך „סאָנגס פֿראָם דהי געטאָ״. די ערשטע אויפֿלאַגע ווערט שנעל פֿאַרקויפֿט.

1899 פֿאַרעפֿנטלעכט זיין באַרימט ליד „דער יידישער מאַי״ אין צייטשריפֿט „יוד״.

1900 פֿאַרט אַלס דעלעגאַט צום 4־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן, וואו ער באַקענט זיך, צווישן אַנדערע — מיט ר. בריינין.

1901 אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין „דעם טעגלעכן העראַלד״, שפּעטער אַריבער אין „די יידישע וועלט״, גרויסע טעגלעכע צייטונג אין נ״י.

1902 עס דערשיינט אין דייטש, איבערגעזעצט דורך בערטאָלד פֿייוועל, אַ זאַמלונג פֿון 39 לידער אין בערלין, 148 ז״ז, מיט די באַרימטע אילוסטראַציעס פֿונעם יידישן קינסטלער מ. מ. ליליען. אין 1903 און 1906 דערשיינען די ווייטערדיקע אויפֿלאַגעס.

1904 אין יאַס אַרויסגעגעבן אין אַ רומענישער איבערזעצונג מ. ר.׳ס לידער, 116 ז״ז, 44 לידער, איבערגעזעצט פֿון מ. רוסו.

דערשינען „געזאַמלטע לידער פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד״, 360 ז״ז אין 5 אָפּטיילן, 122 לידער, מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון א. האַרקאַווי.

עס דערשיינט אַ קליינע זאַמלונג לידער 32 ז״ז.

1905 עס דערשיינט אין פּראָג אַ זאַמלונג לידער אין טשעכיש, איבערגעזעצט דורכן דיכטער יאַראָסלאַוו ווערכליצקי.

עס שטאַרבט זיין בן־יחיד יוסף, צו 15 יאָר, וואָס ווירקט שרעקלעך אויף מ. ר.

1906 עס דערשיינט אַ זאַמלונג לידער פֿון מ. ר. אויף קראָאַטיש, 122 ז״ז, 34 לידער.

באַקענט זיך מיט קלמן מרמר און ווערט באַפֿריינדט מיט אים.

עס דערשיינט אַ זאַמלונג לידער אין פּויליש, 64 ז״ז (25 לידער), פּויליש — א. טאָם און ש. הירשהאָרן.

אַרויסגעגעבן אַ ביכל „היינריך היינע״ (זיין לעבן און זיינע שריפֿטן) 86 ז״ז, וואו ס׳איז אָפּגעדרוקט מ. ר.׳ס איבערזעצונג פֿון היינעס „פּרינצעסין שבת״.

הויבט אָן ליידן אויף די אויגן. האָט מורא צו פֿאַרלירן די ראיה (דאָס זען).

1907 אַרויסגעגעבן אַ ביכל : „יהודה הלוי״ (דער גרעסטער העברייאישער דיכטער), 64 ז״ז.

1908 עס דערשיינען שריפֿטן פֿון מ. ר. אין 3 בענד, פּאָעזיע און פּראָזע — הויבט אָן צו אַרבעטן אין „פֿאָרווערטס״.

נעמט פֿאָר אַ לענגערע רייזע קיין מערב־אייראָפּע, טרעט אויף אין פֿיל שטעט, — אין ווין און אין גאַליציע.

קומט קיין טשערנאָוויץ אויף דער שפּראַך־קאָנפֿערענץ.

1909 עס דערשיינט דורכן „פֿאָרווערטס״ מ. ר.׳ס שריפֿטן.

עס דערשיינט אָן אַרטיקל פֿון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי וועגן מ. ר. אין „דאָס נייע לעבן״.

1910 עס ווערן אַרויסגעגעבן אין 6 בענד מ. ר.׳ס שריפֿטן.

פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" אַ ליד וועגן דער שרפה אין אַ נואַרקער שוויץ־שאַפּ, וואו ס'זיינען פאַרברענט געוואָרן 40 מיידלעך.

1911 פאַרעפנטלעכט זיין באַרימט געוואָרענע פּאָעמע „די רויטע בהלה", וועגן דעם טרייענגל־פייער, אין וועלכן ס'זיינען פאַרברענט געוואָרן 154 יונגע אַרבעטאָרינס. און אויך אַ ליד „צווי בריוו" וועגן דעם פייער.

1912 עס דערשיינען 3 בענד — 1 פּאָעזיע, 2 בענד — פּראָזע.

1913 עס ווערט געפייערט (אויך אין סוף 1912) מ. ר.'ס 50 יאָריקער געבוירנטאָג. דעם 8־טן מערץ אין ניו־יאָרק; פייערונגען אויך אין אַנדערע שטעט.

ווערט אַרויסגעשטויסן צוליב אַ סכסוך פון „פאָרווערטס".

גרויסע פייערונג לכבוד מ. ר. אין שיקאַגע, בייגעוווען איבער 2000 מענטשן.

1914 דעם 18טן יאַנואַר גרויסער אַרטיקל אין דער ענגלישער צייטונג „אינטער אשעאַן" פון אַן ענגלישער שרייבערין.

עס דערשיינט אין באָסטאָן אַ זאַמלונג פון מ. ר.'ס 39 לידער איבערזעצטע אויף ענגליש אונטערן נאָמען „לידער פון אַרבייט און אַנדערע פּאָעמעס".

לעבט אויף אַ פאַרם, געמוזט צוליב נערוועזקייט פאַרלאָזן ניו־יאָרק.

1915 סינקלער לואיס ווענדט זיך מיט אַ בריוו צו מ. ר., ער זאָל דערלויבן אַריינגעבן מ. ר. אַ ליד אין אַן אַנטאָלאָגיע פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

1916 לעבט אין אַ קליין שטעטל אין דער סאַוט, ביי זיין טאָכטער און איידעם.

1921 באַקומט דעם 4־טן מערץ אַ בריוול פון די אַרויסגעבער פון „יידישן טאַגעבלאַט", וואו עס ווערט געזאָגט: „געערטער הער! מיר געפינען פאַר נויטיק אייך צו לאָזן וויסן, אַז פון היינט אָן דאַרפט איר פאַר אונדז ניט שרייבן. די אורזאַכע איז, ווייל אייער שרייבן איז ניט געווען אין קוואַליטעט און קוואַנטיטעט — אַכטונגספאַל — סאַראַסאַן און זון".

1923 עס ווערט אַראַנזשירט אין חודש מאַי אַ באַנקעט לכבוד מ. ר.'ס 60־טן געבוירנטאָג.

דעם 22־טן יוני שטאַרבט מ. ר., אַ גרויסער עולם באַגלייט אים צו זיין אייביקער רו. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה לעבן די קברים פון שלום עליכם, פיליפּ קראַנץ, וו. מעדעם.

עס ווערן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען, זכרונות, אויך לידער אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער.

1927 עס שטאַרבט זיין פרוי.

1928 צום 5־טן יאָרצייט פון מ. ר. ווערן געדרוקט אַרטיקלען, און אַזוי אויך אין די אַלע שפּעטערדיקע יאָרן — און באַזונדער אין 1933, 1943, 1948 (צום 10־טן, 20־סטן און 25־סטן יאָרצייט) א.אַ.וו. עס דערשיינען אין „פּנקס", ניו־יאָרק, אַמעריקאַנער סעקציע פון ייוואָ צוויי אָפּהאַנדלונגען: משה שטאַרקמאַן — מאָריס ראָזענפעלדס אָנהייב (ז"ז 53־57), קלמן מרמר — פון מאָריס ראָזענפעלדס ליטעראַרישער ירושה (4 קאַפּיטלען, ז"ז 200־212).

1948 עס דערשיינט „יידישע קולטור" (יולי־חודש), טיילווייז געווידמעט דעם 25־טן יאָרצייט מיט אַרטיקלען פון קלמן מרמר, נחמן מייזיל, ראָזע שאָמער־באַטשעליס, ד"ר ח. זשיטלאָווסקי און לידער און פּראָזע פון מ. ר.

נ. מ.